STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02142

HEYRAT OYF TSVEY YOR

Rakhel Feygenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל פייגענבערג

הייראַט אויף צוויי יאָר

ראמאן

פ אַ ר ל אַ ג ב. ק ל ע צ ק י ן
וואַרשע • 1932 • ווילנע

Printed in Po[illegible]

Druk. Bc-i Feder Warszawa,
Zamenhofa 44

1179250 Y 561, c.1

א

חברטע טייערע!

ס׳שרייבט דיר דיין אַלטער פריינט. היינט איז פונקט אַכט טאָג, אַז מיר האָבן זיך געזעגנט אין בלויען באַגינען צווישן די בערג פון מוצא. געדענקסטו מיך נאָך?...

יאָ, ס׳איז דיין אַלטער פריינט, דער כעמיקער פון גאַליציען, וואָס האָט זיך אַמאָל פראָלעטאַריזירט אין דיין געזעלשאַפט אויפן שאָסיי נעבן רחובות. געדענקסטו? צווישן די מאַנדל-גערטנער פלעגן מיר זיך באַגעגנען יעדן פרימאָרגן מיט די האַמערס איבער די אַקסלען, אַלע טאָג פינקטלעך אין דער זעלבער מינוט און אויפן זעלבן פלאַץ, ווי מיר וואָלטן עס באַשטימט פון פריער. און דו האָסט אַזוי מילד געפלאַפּלט וועגן ערנסטע זאַכן. אַ גוט שטיקל צייט געווען. מיר האָבן געאַרבייט אין דאָרף, געוווינט אַלע צוזאַמען אין אונדזער הילצערנעם געצעלט מיט די פויגל-נעסטן אונטערן דאַך. נעבן די פענצטער האָבן זיך געצייטיקט די רויטע טאַמאַטעס. און איצט זענען מיר ווידער שטאָט-לייט געוואָרן. דעם וואָלף צייט אין וואַלד אַריין. דו ביזט אַוועק אינם רייכן עגיפּטן אָנצוזאַמלען עשירות פון לערעריי און איך וויל דאָ ווערן אַ פאַבריק-אייגנטימער צו עקספּלאָטירן פּרעמדע הענט. שיין זענען מיר אויס

נאָר איך פאָלג דיך, טייערע, ווי עס טוען דאָרט די קליינע ספרדישע שול-קינדער, וועלכע זיצן ביי דיר אין קלאַס. גערן נעם איך אָן דיין לער-דיסציפּלין און איך מאַך פּינקטלעך די לעקציע, וואָס דו האָסט מיר אויפגעגעבן מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען מיר האָבן זיך אין בלויען באַגינען געזעגנט צווישן די בערג פון מוצא.

מיין שטרענגע לערערן פון גראָדנע! דיין באַפעל איז פאַר מיר הייליק. קיין איין וואָרט וועגן ליבע, ביז וואַנען דו וועסט זיך אומקערן צוריק אין לאַנד אַריין, טאָר עס אין אונדזערע בריף נישט דערמאָנט ווערן. דו זאָגסט, אַז אונדזער דור איז צו-קלוג דערויף, ווייל מיר זענען יונגערהייט געפּלאָגט מיט אַלטקייט און ניכטערקייט און אָן יוגנטליכן גלויבן מיטן ביסל תמימות אין האַרץ האָבן מיר צו ליבע איצט קיין ווער-טער נישט. אַלץ וואָס איך וועל דיר זאָגן, וועט זיין באַנאַל און איבערגעחזרט פון ביכער, וואָס מען האָט געשריבן פון אַן אַנדער וועלט.

גוט. איך נעם אַן מיין גורל פונם יוגנטליכן זקן אין מיין צייט, וואָס ווייס נישט פון קיין האַרציקער ליבעס-פרייד אין לעבן. איך וועל דיר קיין באַנאַליטעטן וועגן ליבע נישט שרייבן. אַלץ וועט געטון ווערן, ווי דו האָסט פאַראָרדנט. דיין געטרייער תלמיד וועט דיר צו יעדן שבת שיקן אַ גרוס פון אונדזער חברישער היים אין שומרון. דאָס וועט דיר דערמאָנען אונדזערע תנ״ך-דיסקוסיעס פון פריערדיקן הערבסט, ווען מיר זענען אין די העל-זוניקע שבת-פרימאָרגנס געזעסן אַלע ביי דער טיר פון אונדזער שטיבל. די באַנאַנען-בוימלעך האָבן גע-גרינט פאַר די אויגן און אונדזער געטרייער שומר „שמח“ איז געלעגן אויסגעצויגן נעבן דער שוועל און האָט זיס געדרימלט.

Free Public Library, Newark, N. J.

אין שאָטנדיקער קילקייט. געדענקסטו, ווי אַזוי גוט ס'איז געווען? צפורה פלעגט אין אַ בלעכן קעסטל שטעלן אַ וואַלינער שמעקנדיקן קאַרטאָפל-טשאָלנט און אויף פּרייטיק-צונאַכטס האָט ביי איר געמוזט זיין לאָקשן צו דער יויך. איינמאָל האָט זי מיר דערציילט אַ סוד, אַז צוליב אַ ווייס ביסל מעל אויף די שבתדיקע לאָקשן האָט זי פאַרזעצט אין געוועלבל פון דער קאָלאָניע אירע נייע זאָקן, וואָס די מאַמע האָט איר געשיקט פון פּוילן. ווי דו זעסט האָב איך זייער אַ גוטן זכרון און איך וועל דיר שרייבן פון אַלץ גענוי.

און ביי מיר איז דאָ נייעס. געקומען לסוף מיין פּשע-מישלער געלד-שותף פון דער זייף-פאַבריק, וואָס איך וויל שאַפן אין ירושלים. געקומען איז ער מיטן ווייב, זי זאָל אַליין אַלצדינק זען מיט די אויגן און זאָגן דאָ אויפן אָרט, אויב עס געפעלט איר.

אָר ווער האָט זיי אויסגעטראַכט, די ווייבער? דריי חדשים האָט דער יונגערמאַן אַרויסגערעדט פון זיך די גאַל, ביז זי, די פּלוניתטע זיינע, האָט איינגעוויליקט צו פאָרן און געבן אַ קוק. אַזאַ ייד איז ער, אָן דעם ווייבס דעה, זאָגט ער, טוט ער קיין זאַך נישט, ווייל זי איז אַ נגידיש קינד און האָט גרויס מזל. ביים טאַטן האָט זי מיידלווייז געלעבט ווי אַ בת-מלכה, און איצט ביים מאַן איז איר אויך זייער גוט. קריכט דאָס ווייבל אויף די גלייכע ווענט און ווייסט נישט וועלכע פאַרווייַלונגען אויסצוקלערן פאַר זיך. ציט זי כסדר מיטן רויט-אָנגעפאַרבטן מיילכל און קרימט זיך אויף גאַנץ ארץ-ישראל.

ירושלים געפעלט איר נישט, ווייל נישט אַלע מאָל איז דאָ פאַראַן וואַסער לרוב, האָט זי מורא, אַז זי וועט יעדן טאָג קיין וואַנע נישט האָבן, ווי זי איז געוווינט אין דערהיים. און

תל-אביב איז איר נישט צום האַרצן, ווייל ס'איז נישטאָ דאָרט קיין טראַמוויי און קיין רעכטער בולוואַר צום שפּאַציר. זי האָט זיך געפּרווט דורכגיין אין די ראָטשילד-אַלעען, איז זי דאָרט שיר נישט דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט. איצט איז איר נאָך געבליבן אָנצוקוקן חיפה. זי ווייסט שוין, אַז דאָרט איז אויך נישטאָ קיין גרויסער שטאָט-גאָרטן צום שפּאַציר, נאָר באַקאַנטע גאַליציאַנער דאַמען פון תל-אביב האָבן איר זייער געלויבט די חיפהער יידישע פאָרשטאָט בת-גלים, ווו דורך אַלע פענצטער און טירן זעט זיך דער גרינער כרמל און דער געל-זאַמדיקער ברעג מיט די בלוי-שוימענדע וועלן פון ים.

און די נאַטור-שיינקייטן פון חיפה זענען איצט מיין איינציקע האָפנונג. נאָר זאָל מיר גאָט מוחל זיין. איך האָב נישט קיין אמונה דערין, אַז פאַר מיין שותפ'ס ווייבל זאָלן די ראָז-בלויע ים-ווייטקייטן אַרום דעם גרין-באַוואַקסענעם כרמל קאָנען פאַרבייטן איר דעם פשעמישלער שטאָט-גאָרטן, נאָך וועלכן זי בענקט. דערביי האָב איך אָפּגעטון זיך אַליין אַ ווילד-משונהדיקן צו-להכעיס, דערמיט וואָס איך האָב זיך אָפּ-געזאָגט צו באַגלייטן זי קיין חיפה, און דאָס וועט מיר זיכער שאָדן צום שותפות אין דער זייף-פאַבריק, ווייל דאָס ווייבל וועט מיר דעם דאָזיקן חטא מיינעם קיינמאָל נישט קענען פאַרגעסן.

נאָר, חברטע טייערע, ווו זאָל איך נעמען געדולד צו ווייַלן אַזאַ בעל-הבתיש-ווילהאַבנדע דאַמע? אין דעם פּרט בין איך אַלע מיינע יאָרן אַ גרויסער שלים-מזל און איצט, ווען איך דערנענטער זיך שוין צו די שנות בינה (שרעק זיך נישט, ס'פעלן נאָך מיר גאַנצע זיבן יאָר דערצו), זאָל איך זיך ערשט אָנהויבן לערנען די דאָזיקע איידעלע מלאכה? בלויז פון אירע

שאַכטלען און וואַליזעס קאָן מען משוגע ווערן. האָט דער אויטאָמאָביל געוואַרט ביי דער טיר אַ שעה צייט און דער מאַן האָט געבעטן רחמים, איך זאָל מיטפאָרן, ווייל דאָס ווייבל זיינס וויל, אַז דוקא איך זאָל איר ווייזן חיפה, און איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, ווי מיין טאַטע דער עקשן ביי זיך דאָרט אינם מונקאַטשער „שטיבל״. זיך אַליין אָפּגעטון אַ צו-להכעיס און שוין.

נאָר איצט, מיין ליב מיידל, איז מיר גוט. נאָך די פיר טעג, וואָס איך האָב אַרומשפּאַצירט מיטן פשעמישלער פּאָר-פאָלק איבער ירושלים, איז מיר געוואָרן אַזוי ענג אין קאָפּ, אַז איך האָב גלייך פאַרצויגן דעם זאַק אויפן רוקן און בין אַוועק צו חנניהן אין דער קאָלאָניע, און – גאָט צו דאַנקען – דער וועג האָט מיך אַזוי דערמונטערט, אַז איך האָב שוין כמעט פאַרגעסן מיין פאַרשפּילטן שותּפות פון דער זייף-פאַבריק.

חנניה אַרבעט דאָ מיט די ברונעם-גרעבער, אַזוי ווי פריער, נאָר צבי האָט ביי זיי אַרבעט בלויז צוויי טאָג אין וואָך און די איבעריקע צייט אַרבעט ער העט אויבן אין דער אַרבעטער-סאַנאַטאָריום. ער פירט דאָרט וואַסער און אין דאָרף, ביי חנניהן אין געצעלט, פירט ער דאָס בעל-הבתּישקייט. חנניה קומט שוין אויפן גרייטן און אַלע שבת בין איך דאָ זייער שטאָטישער גאַסט, נאָר דאָסמאָל האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם שבת-פרימאָרגן און בין געקומען אַהער אין מיטן מיטוואָך. נאָר ס׳איז נאָך ערשט עלף אַזייגער. די בעל-הבתּים פון געצעלט זענען נאָך ביי דער אַרבעט אויבן אין די בערג. איך האָב מיר דאָ געמאַכט טיי און ברויט מיט גרינע איילבירטן האָב איך מיר אַריינגעבראַכט פון געוועלבל. זיך איך מיר מעשה-פריץ ביי חנניהן אויפן בעטל און שמועס אַביסל מיט דיר.

ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל דיר שרייבן אַלע וואָך אַזוי ווי ביז אַהער און דו אײַפערסט מיך אויך נישט צו דער קליינער צפורהן. ביזט, ליבע חברטע, אַ צו־גרויסע בעל־גאוהטע, דו זאָלסט מיך אייפערן צו אַזאַ נאַריש קליין מיידל, וואָלסט גיכער מיט דיינע ווייסע ציינדלעך זיך אַליין אַ ביס געטון. אָ, ניין! דערבײַ האַלט עס נישט, איך ווייס עס. נאָר ס׳איז דיר גלאַט אינטערעסאַנט צו וויסן וויפל ס׳קאָן זיין געמיינ־זאַמעס צווישן אַזאַ ראַפינירט־געבילדעטן מענטשן, ווי איך (אַ דאַנק פאַר אַ גוט וואָרט) און דער פרימיטיוו לאַכנדיקער שפרינגערן, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אָפהיטן אונדער אַרבעטס־ווינקעלע אין שומרון.

גוט, איך וועל עס דיר צוליב־טון. קיין שום געמיינזאַ־מעס. אַ יינגע, אַ מילדע, אַ לוסטיקע, נאָר לחלוטין אַ פרעמדע, אַ פרעמד מיידל. ביזטו צופרידן, אָדער יענע, די אייביק־בייגעריקע „חוה” דיינע, וואָס בונטעוועט זיך קעגן דיין קלוגן קאָפּ, מאָנט נאָך אַלץ עפּעס ביי דיר אויפן חשבון פון צפורהן? שטיל זי איין, טייערע. דו ביסט מיין גוט־שטרענגע לערערן, ווי תמיד און מיט פרייד מאַך איך יעדע וואָך די לעקציע, וואָס דו האָסט מיר דאָ אויפגעגעבן ביים בלויען מאָרגן־שיין צווישן די בערג, פון וואַנען ס׳זעען זיך די אַלטע ווענט און טורימער פון אַלט־ירושלים.

מיין טיי איז קאַלט געוואָרן. די איילבירטן שלינג איך אָן ברויט, ווייל איך אייל מיך זייער. דורך די לייוונטן פון געצעלט בליקט אַריין דער העל־זוניקער ווינטער־טאָג, און מיר איז איצט אַביסל אומעטיק. איך מוז פאַרענדיקן מיין בריף, ווייל באַלד קומען די בחורים פון דער אַרבעט וועט ווערן אַביסל טומלדיק.

ס'פרייט מיך זייער, וואָס דו האָסט לסוף אַ גוט צימער. געצווונגען? — געגנוג האָסטו זיך דאָ אַרומגעוואַלגערט. נאָר זיי פֿאָרזיכטיק מיט די בורזשואַזע געוווינהייטן, ווייל ס'וואַרט דאָ אויף דיר אונדזער אָרעם ברעטער-שטיבל פֿון שומרון. מעגסט זיך אויסנייען אַ קישעלע, ווען דו האָסט צייט. נאָר וועט עס אַמאָל האַרמאָנירן מיט אונדזער שומרונער צריף?

יאָ, חברטע, ווערסט פֿאַרצערטלט ביי די זאַטע קעסט פֿון דער ספרדישער קהלה אין אַלעקסאַנדריע. ווען איך בין זייער רייך, וואָלט איך געפֿאָרן דיך אָנקוקן אין דיין נייער ראָלע, ווי אַזוי דו זיצסט ביי אַ ווייבלעכער האַנט-אַרבעט אין אַלע הונדערט פּראָצענט און אונדזער גליל'ערן חרמונה לעזט דיר אַלע אָוונט די ארץ-ישראל-צייטונג. באמת אַ בורזשואַזע אידיליע.

נאָר דו ביסט דאָך אַ בריה, ווי די באָבע דיינע פֿון גראָדנע. האָסט געהאַקט די שטיינער אויפֿן וועג נעבן דער קאָלאָניע רחובות אַזוי גוט און אַזוי לייכט, ווי דו וואָלסט געהערט דיינע באַליבטע לעקציעס פֿון פֿילאָזאָפֿיע אין דער פֿאַריזער סאָרבאָנע. חנניה זאָגט, אַז די לעצטע וואָך האָט זיך דיר דיין אַרבעטס-לוין אויסגעגלייכט מיט זיינעם. געפֿעלט עס אים, דעם בעסאַראַבער מגושמדיקן בחור. נאָר דער פֿיינשמעקער צבי איז נישט אין אַזאַ הויכע מיינונג וועגן דיר. ער האָט זיך אַמאָל צופֿעליק אַרויסגערעדט פֿאַר מיר, אַז דו ביסט ווייט נישט אַזאַ ערנסט מיידל, ווי אַלע מיינען. זיצנדיק אויף דער קופּע שטיינער אינם גראָען לייוונט-מאַנטל, האָסטו תמיד אין זינען געהאַט אַרויסצושאַרן ביים האַלז עפּעס אַן אויסגעשפּיצלט קעלנערל און פֿון אונטערן קאָפּינקע איז דיר אַלע מאָל געפֿאַלן אַ לאָק איבערן שטערן, וואָס האָט דיר זייער געפּאַסט, טויזנט

רוחות, זאָגט ער, האָבן אַרויסגעקוקט פון דיין באַשיידענער קאָסינקע אויפן קאָפּ מיטן קעלנערל ביים האַלדז.

נאָר לויט מיין מיינונג איז דיין גרעסטער חסרון, וואָס דו ביסט נישט קיין גאַליציאַנער. יאָ, אַ שאָד, וואָס דו ביזט געבוירן אין גראָדנע, נאָר ערגער זיך נישט דערפון, מיין ליב מיידל.

איך מוז פאַרענדיקן. ס'הערט זיך שוין חנניהס געזאַנג. ער נידערט באַרג-אַראָפּ מיטן גראָב-אייזן איבערן אַקסל און אָט איז ער באַלד נעבן דער טיר פון געצעלט.

אַ גרוס חרמונהן.

דיין גאַליציאַנער.

ב

מיין ליבע חברטע!

קאָנסט מיך גראַטולירן, איך בין שוין צוריק געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער, ווי אַמאָל ביי אונדז דאָרט אין שומרון. דעם רייכן פּשעמישלער שותּף פון דער זייף־פאַבריק האָב איך פאַר־שפּילט, אַזוי ווי איך האָב דיר פאָרויסגעזאָגט. ער האָט מיר פון חיפה אַריינגעשיקט אַן איידעלן בריף, אַז עס טוט אים זייער לייד, וואָס ער קאָן מיט מיר דאָס געשעפט נישט מאַכן. דאָס ווייב איז קעגן דעם, ס׳געפעלט איר נישט – און שוין! אַ ווילד לאַנד, זאָגט זי, און ווילדע מענטשן. דערביי גיט ער צו, אַז אַביסל בין איך אַליין שולדיק אין דעם. ווען איך פאָלג אים און איך פאָר אויך קיין חיפה, וואָלט זי זיך אפשר דאַן געלאָזט איינרעדן. נאָר איצט איז שוין פאַרפאַלן. זי, דאָס ווייבל זיינס, איז אַ נגידיש קינד. זאָגט זי ניין, מעג זיך שוין די וועלט איבערקערן. און אָן איר דעה טוט ער קיין זאַך נישט, ווייל זי האָט אים געבראַכט דאָס מזל אין שטוב אַריין.

נאָר דאָס איידעלע בריוול פון מיין גאַליציאַנער לאַנדס־מאַן האָט שוין אויף מיר קיין איינדרוק נישט געמאַכט, ווייל איך בין גרייט געווען דערצו און דעריבער האָב איך באַצייטנס

באַפּוילן אונדזערע בחורים, זיי זאָלן זען פאַר מיר עפּעס אַן אַרבעט, כאָטש אויף אַ צוויי-דריי טעג אין דער וואָך. און אויף צבי מיט חנניהן קאָן מען זיך פאַרלאָזן. זיי האָבן זיך גענומען דערצו אַזוי געטריי, אַז עס איז שוין דאָ אַ האָפנונג, איך זאָל היינט-מאָרגן געהאָלפן ווערן מיט אַ כשר-פּראָלעטאַרישן גראָשן.

און דערווייל בין איך שוין אין דער קאָלאָניע אַ תּושב געוואָרן. איך האָב זיך באַזעצט ביי די בחורים אין געצעלט, ווי ביי זיך אין דערהיים, און מיין פרייע צייט נוץ איך אויס אויף צו שליסן נייע באַקאַנטשאַפטן צווישן די אַלט-געזעסענע איינוווינער פון דאָרף. די היגע קאָלאָניסטן זענען ערלעכע האָרעפּאַשניקעס און גרויסע פּרויען-פאַרערער. זיי זאָגן, אַז אין לאַנד קאָן זיך איינפונדעווען אַ יידישער ישוב נאָר דאַן, ווען די ווייבער ווילן עס. און איז נישטאָ דער ווייבערישער גוטער ווילן דערביי, איז אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע האָרעוואַניע. אויב איך וויל זיי נישט גלויבן, קאָן איך עס זען דאָ אין דער קאָלאָניע. איין קאָלאָניסט האָט אַ ווייב אַ בריה, איז ער דאָ אַן עושר געוואָרן, און דער חבר זיינער, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט גלייך מיט אים, איז ער אַ קבצן ביזן היינטיקן טאָג, ווייל ער האָט זיך אַראָפּגענומען אַ פּריצטע, וואָס ווייסט נאָר צו לייענען ביכער.

און שטעל זיך פאָר, מיין ליב מיידל, איך בין געווען אַ בעלן צו גיין אָנקוקן די ביידע ווייבער, — ערשט זיי, די דאָרפס-בעל-הבתים זענען גערעכט. דאָרט ביי דער בריה וווינט מען אין אַ הערלעך-געמויערטן הויז מיט גאַרדינען אויף די פענסטער און אַ קלאַוויר אין סאַלאָן, און דער גרויסער בופעט איז איבערפולט מיט גלעזערנע סלאָיעס און סלאָיעקלעך,

וועלכע פינקלען קעגן דער זון מיט געלייטערטע זאַפטן פון מאַרינירטע און געפּרעגלטע פּרוכטן. פון אַלע פּירות און גרינסן, וואָס וואַקסן דאָ אין די בערג, קאָן די דאָזיקע בעל־הביתטע מאַרינירן און פּרעגלען דעליקאַט־פּיקאַנטע מאכלים פאַרן איי־גענעם הויז־געזינד און נאָכמער האָט זי דערביי אין זינען די איידעלע קונים פון יידן און נישט־יידן, וואָס קומען צו איר אינם גרויסן כל־בו־געוועלב ביים רעשיקן ירושלימער טראַקט.

נאָר איין חסרון האָט די דאָזיקע געבענטשטע אשת־חיל: זי האָט קיינמאָל קיין צייט נישט אויפצונעמען אַ גאַסט. זי האָט מיר בלויז געוויזן איר בעל־הבתישקייט מיט די מאַרינאַטן און קאָנפיטורן, וואָס פינקלען אין פאַרשידענע קאָלירן דורך די געגלייזטע טירלעך פון איר גרויסן בופעט, און מיין וויזיט איז שוין געווען פאַרענדיקט.

איך בין אין איילעניש אַוועק פון דאָרט און האָב זיך געלאָזט קלעטערן באַרג־אַרויף צו דעם קליינעם דאָרפישן שטיבל מיט דער שטאָל ביי דער זייט און צוויי יונג־ציטריקע בוימלעך ביי דער טיר. אינעווייניק איז עס געווען אָפּגעלאָזט פון נויט און געפאַלנקייט. אויף דער אַלט־צעבראָכענער קאָמאָדע איז געלעגן אַ רויט־פּלושענער אַלבום מיט בילדער און אויף אַ גרין־געפאַרבטער באַנק נעבן דער וואַנט זענען געשטאַנען עטלעכע גרין־פאַרבליטע בלומען־טעפּ. דער לוקסוס־אַלבום מיט די צאַרטע וואַזאָנעס האָבן זיך זייער נישט געפּאַסט צום אָרעמען פויערישן שטיבל. און אַ לוקסוס איז דאָ אויך געווען די בעל־הביתטע, וואָס האָט פאַר פינף און דרייסיק שווער־פויערישע יאָרן דאָ אין דאָרף נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון אירע איידל־שטאָטישע געוווינהייטן צו לייענען ביכער׳

די דאָזיקע פרוי האָט מיך איבערראַשט. אויפן ערשטן

בליק איז זי אַלט, געבויגן און קרענקלעך אָפּגעצערט. נאָר מיט אַמאָל הויבט זי אויף דעם קאָפּ און גלייכט זיך אויס. דאַן וואַקסט אויס פאַר דיר אַ צאַרט ווייבלעכע געשטאַלט מיט טיפע שפּורן פון פאַרוועלקטער שיינקייט און אינטעליגענץ. זי האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט און גלייך האָט זי מיר פאַרגעלייגט אַ גלאָז קאַלטע זויער־מילך צום טרינקען. דערנאָך האָט זי מיך געפרעגט, אויב איך דאַרף צו אירע זין. אַלע דריי אַרבעטן זיי אויבן אויפן באַרג. דער אַלטער איז שוין אָן כוחות. קיין ערד איז נישטאָ פאַרוואָס צו קויפן, זענען די יינגלעך געוואָרן טאָג־האָרעפּאַשניקעס און האַלטן אויס די פאַמיליע.

איך האָב זי אויסגעהערט מיט גרויס נייגעריקייט און אַז איך האָב איר געזאָגט וועגן דעם צוועק פון מיין באַזוך ביי איר אין הויז, האָבן זיך איר די אויגן אָנגעצונדן מיט אַ יוגנט־גלאַנץ און זי איז מיט אַמאָל געוואָרן זייער באַוועגלעך. יאָ, ס׳איז אמת. זי האָט ליב צו לעזן, איבערהויפּט רוסיש און דייטש, און אַן אינטערעסאַנט בוך איז ביי איר דאָס בעסטע מיטל צו באַרויקן זיך די צעטרייסלטע נערוון. נאַטירלעך, דאַנקט זי מיר פאַר מיין וויזיט. אויף אירע נערוון ווירקט אַ נייער מענטש אויך צום גוטן. ס׳איז איר נאָר אַ שאָד וואָס איך בין פון גאַליציען און איך קען אַזוי ווייניק די געגנטן פון ווילנע און ביאַליסטאָק, ווו זי האָט אַמאָל אַלס נגידיש־בעל־הבתישע טאָכטער אירע יונג־מיידלשע יאָרן פאַרבראַכט. נאָר אַז איך האָב זיך פאַררופן אויף דיר, מיין פריינדן פון גראָדנע, האָט זי זייער ערנסט געבעטן אָפּגעבן דיר אַ גרוס פון א לאַנד־שוועסטער.

אויך האָב איך איר געמוזט געבן מיין וואָרט, אַז איך

וועל קומען נאָכאַמאָל צו באַקענען זיך מיט אירע זין און פאַרן אוועקגיין האָב איך נאָך געמוזט איר צוליב טון און אויס־טרינקען נאָך אַ גלאָז קאַלטע זויער־מילך. מיט פאַרבראָכענע הענט איז זי געשטאַנען נעבן מיר און האָט געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן זיך, וואָס זי האָט נישט קיין בעסערס, מיט וואָס מיך מכבד צו זיין. נאָר אַז איך וועל קומען אַ צווייטן מאָל, וועל איך זי פרעגן, ווו זי נעמט די גלעזער קאַלטע זויער־מילך, האָט זי עס פון אייגענע קי, אָדער זי קויפט עס באַרג־אַראָפּ אין געוועלב? נאָר איך וועל אומבאַדינגט קומען נאָכ־אַמאָל און ווען איך בין זייער רייך, וואָלט איך דאָרט, ביי יענער גוטער בעל־הביתטע פונם גרויסן מויער ביים ירושלימער וועג, געקויפט עטלעכע סלאַיעס מאַרינאַטן און קאָנפיטורן און געבראַכט עס אַ מתנה אַהער אינם קליינעם שטיבל צו דער אַלט־אויסגעבענקטער לעזערן פון דער רוסישער און דייטשישער ליטעראַטור.

און דיר, טייערע, אַ דאַנק פאַרן גמילות־חסד, וואָס דו ווילסט מיר שיקן. גוט, אַז מען האָט אַ רייכע קרובה אין דער משפחה. האָסט אָפּגענומען פאַרן ערשטן חודש דיין געהאַלט, ביסטו שוין אַזאַ גבירה, אַז דו שלאָגסט זיך אָן מיט אַ הלוואה. זייער פיין פון דיין זייט, נאָר דערווייל בין איך נאָך אַליין אויך אַ שטיקל עושר. פון שומרון האָט מען מיר אָפּגעשיקט דעם חוב, וואָס מיר איז געקומען אין דער קאָלאָניע פאַר דער דייטשישער לעקציע, און איך באָד זיך איצט ממש אין געלט. געקויפט זיך אַ נייעם רעגן־מאַנטל, אַ טונקל־גרויען, ווי דו האָסט ליב. גוט אַזוי?

און אַ גרוס דיר פון אונדזער ווינקעלע אין שומרון. די וואָך געוועזן פון זיי אַ בריף. חברה כאַפּן דאָרטן איצט, נעבעך,

אַ ציטער. אין געצעלטל איז נאַס און קאַלט. איבער די הילצערנע ווענטלעך שמייסט דער ווינטער-רעגן מיט אַ משונהדיקן אימפּעט און דאָס איידעלע ברעטער-שטיבל אונדזערס איז אונטערן יאָמערדיקן געבייזער פונם ווינט אַזוי אומבאַהאָלפן און אַזוי שוואַך. טובה קלאָגט זיך, אַז די פענצטער-שויבן האָבן נאָכגעלאָזט פון די ראַמען און דאָס וואַסער שטראָמט אינווייניק איבער די ווענט. אפילו אונדזער שומר „שמח" האָט זיך אינגאַנצן איינגעקנייטשט אין די ברוין-האָריקע פאַלדן פון זיין פעל. נאָר ער ליגט אויף זיין געטריי-הינטישן פּאָסטן ביי דער טיר, אַזוי ווי תמיד.

און פעסט ביי זיך איז אויך די קליינע צפורה. זי פרייט זיך וואָס דער גאָרטן בליט. אונדזערע קאַלאַפּיאָרן שיקט מען שוין אין שטאָט אַריין און זיי האָבן חן ביי אַלע שטאָטישע בעל-הביתטעס. דעריבער האָפט זי, צפורה, אַז מען וועט אינגיכן קויפן אַ נאַפט-אויוועלע. אין מיטן געצעלט וועט מען דאָס אויוועלע אַוועקשטעלן. מען וועט קאָכן מיטאָג, זידן טיי, ווען דאָס האַרץ גלוסט און ס׳וועט דערביי אויך זיין וואַרעם און שטוב. נאָר דערווייל שעפּן זיי מיט די הענט דאָס וואַסער, וואָס רינט אַריין דורך די פענצטער און אַז עס ווערט זיי זייער קאַלט, טאַנצן זיי אַ „הוירא".

אַ גרוס דיר אויך פון אונדזער דאָקטאָרין. די וואָך האָב איך זי באַגעגנט אין ירושלים. זי בענקט נאָך אַלץ קיין חברון. זי קאָן נישט פאַרגעסן אירע שבתדיקע נאָכמיטאָג-שטונדן, ווען זי פלעגט זיך אָפּרוען אין שאָטן פון די חברונער אור-אַלטע דעמבבענע-פליינען. יעדן בוים, זאָגט זי, קאָנען דאָרטן קוים אַרומנעמען פיר פּאָר געשלאָסענע מענטשן-אָרעמס. זייערע שטאַמען זענען שוין אינגאַנצן באַרשטיינערט געוואָרן פון אַלטקייט,

נאָר די קעפּ זענען ביי זיי גרין אין אַלע פיר צייטן פון יאָר. אַ פאַרחלומטע פלעגט זי דאָרטן ליב האָבן צו קוקן אויף די ווייסע טויבן־פּאָרלעך, וועלכע פליען איבערן העל־געפלאַס־טערטן טורעם פון דער „מכפלה"־הייל, און האָט זי אַמאָל אַריינגעקוקט אין די לעכער פון דער מויער־וואַנט, האָט זי דאָרטן געזען גאַנצע פּעק געבעט־קוויטלעך אויף פאַרשידענע שפּראַכן פון יידן אין אַלע עקן וועלט. זי האָט דאָרטן געזען יידישע בקשה־קוויטלעך אפילו אויף עספּעראַנטאָ.

אַ מילד ווייבל איז זי אונדזער דאָקטאָרין, זי האָט זייער ליב אַלטערטימלעכקייטן. אָפט פלעגט זי דאָרט באַזוכן די ליים־געצעלטן, ווו אַראַבער מאַכן לאָגלען פון שעפּסן־ און רינד־פעל צו האַלטן וואַסער אין דער קיל און זייער געמיטלעך האָט זי געשמועסט מיט די חברונ'ער אַראַבערינס, ווען זי האָט זיי געטראָפן נעבן דער מוטער שרה'ס ברונעם שעפּן וואַסער מיט דער מוטער רבקה'ס וואַסער־קריגל. אָ, די פאַרגרעבטע אַראַבישע ווייבער פון חברון! זיי האָבן זי געוואָלט אָפּגילטן, נאָר סגולות האָבן זיי געבעטן: סגולות צו קינדער האָבן, סגולות און אָפּ־שפּרעכענישן איינצוהאַלטן אויף אייביק דעם מאַנס ליבע...

יאָ, מיין ליב מיידל, ס'האָט זיך איר געלוינט צו שטו־דירן מעדיצין אין דעם בעסטן אוניווערסיטעט פון אייראָפּע.

שרייב, טייערע.

אַ גרוס חרמונה'ן.

ד י י ן   ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר.

ג

מיין ליבע חברטע!

א דאַנק דיר פאַר דיין קלוגן לצנות-בריוול, דיין הויכ-מוטיקייט איז מלא-חן. ס׳געפעלט דיר, וואָס איך האָב זיך פאַרליבט אין אַן אַלטער יידענע און דו שיקסט איר אַ האַרציקן גרוס דערפאַר. קרובות, הייסט עס. ביידע האָט איר אַ בשותפות׳דיקן פריינט, וואָס בענקט פון צייט צו צייט נאָכן גאַליצישן קליינשטעטלדיקן בין-השמשות אינם מונקאַטשער „שטיבל", ווו זיין טאַטע, דער אַלטער שוחט, דערציילט שפּאַ-נענדע מעשות פון אַמאָליקע צדיקים און חסידים.

יאָ, טייערע, ביסט גערעכט. איך האָב מיר דאָ אין די בערג געפונען אַ מונקאַטשער „שטיבל". דאָ שמעקט אפילו שטאַרק מיט ליטווישער לומדות פון פאַר׳עקשנ׳טער תורה-לערנעריי, אַזאַ מזל האָב איך שוין. דוקא פאַנגען מיך אַלע מאָל די ווייט-פרעמדע געגנטן פון מזרח-פוילן, ווו יידישע טעכטער זענען אַזוי וווילגעלערנט און קלוג. נאָר ווער פון זיי ס׳קען זיך צונויפרעדן מיט אַזאַ פאַרברענטן גאַליציאַנער, ווי איך – מיט יענע איז שוין עפּעס נישט אין אָרדנונג. אַזעלכע האָבן זיך ערגעץ אָנגעשטעקט מיט אַ קליין ביסעלע חסידישער האַרציקייט פון אונדזערע גאַליצישע שטעטלעך.

אַזעלכע „געכאַפּטע" ליטוואַקעס זענען אויך די דאָזיקע

קאָלאָניסטן וואָס וווינען באַרג־אַרויף אין זייער אָרעמען דאָרפישן שטיבל. אַלע טאָג קלעטער איך אַהין צו דער יידיש־פויערישער נעסט, וווּ מען האָט די פשוט'ע אַרבעט ביי פעלד און גאָרטן פאַרוואַנדלט אין חסידות.

דער אַלטער איז ביי דער דאָזיקער געהייליקטער עבודה אַן אייביקער שווייגער געוואָרן: איינגעבויגן און געעלטערט פאַר דער צייט, גראָבט ער זיך אַ גאַנצן טאָג אין דער ערד, ווי אַ טכויר. זיין אָפּגעצערט פאַרמעטן פּנים זעט אויס ווי פאַרגליווערט פון עפּעס אַ שווערן געדאַנק, וואָס האָט צוגע־דריקט אויף אייביק זיין געמיט. זיין ווייב זאָגט, אַז די קענ־טענישן פון דער ריגער גימנאַזיע, וואָס ער האָט געענדיקט, מיט פערציק יאָר צוריק, האָט ער שוין אינגאַנצן פאַרגעסן.

נאָר זי איז נאָך וואַך, ווי אַמאָל אין דער יוגנט, ווען זי איז געווען אַ רייך־בעל־הבתישע טאָכטער פון אַ ליטוויש־משכילישן גביר. זי איז דורכאויס באַגייסטערט מיט ערד־אייגנטום, וואָס איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר אירע דריי געזונטע און הויך־געוואַקסענע זין. ערד און טיכטיקע חלוצות פאַר שניר פעלן איר איבערהויפּט. זי בעט גאָט, ער זאָל זיי אויסהיטן פון שטאָטישע אינטעליגענטינס, ווייל ווער ווייסט נאָך אַזוי דעם ביטערן טעם, ווי לעבן אין פויערישער נויט פינף און דרייסיק יאָר און דערביי געדענקען אויף אויסנווייניק די רוסישע און דייטשישע ליטעראַטור.

נאָר זי זאָגט אַליין, אַז אַזעלכע וועט זי שוין פאַרבלייבן ביזן טויט אַריין. ווען די זון פאַרגייט, האָט זי ליב צו זיצן ביי דער טיר און קוקן אויף די זתים־גערטנער, וואָס גרינען אויף די רוקנס פון די אַרומיקע בערג. נאָר מיט אַמאָל פאַר־ברעכט זי די הענט און שטאַמלט אין צער:

— ערד! כאָטש עטלעכע דונאַם ערד פאַר די קינדער!

האַרט ביים וועג ליגט אַ פאַרלאָזענע נחלה פון עפּעס אַן עובר-בטל׳דיקן אַראַבישן עפענדי, גיט איר דאָס שטיק פעלד מיט די אַלטע איילבערט-בוימער קיין רו נישט. צוליב קנאה און שנאה צווישן די יורשים קאָן מען עס קויפן ביי דעם אַלטן פאַר אַ שפּאָט-ביליקן פּרייז, נאָר נישטאָ מיט וואָס. פון דער האָרעפּאַשנער טאָג-אַרבעט אויבן אויפן באַרג קאָן מען נישט אָפּשפּאָרן קיין אייגנס.

— ערד! ערד! רעדט זי ווידער אַרויס אין דער שטיל. זי שלינגט אַראָפּ אַ טרער און אַ צווייטע פּאַלט איר אויף די אויסגעדאַרטע הענט. זי שטייט נאָך אַלץ ביי דער טיר און קוקט אַ פאַרבענקטע אויף די פאַרשוואַרצטע בנינים פון דעם אַלטן עפענדיס פאַרלאָזענער נחלה. נאָר דערביי שטייט אַ צו־שמייכלטער דער שלאַנק-געוויקסיקער זון אירער און ער דער־ציילט מיר פון די שכנים אין דעם אַרומיקן ישוב. אָט דאָרט, זאָגט ער, האָבן דאָס קריסטלעכע דאָרף געגרינדעט די אָפּי־צערן און זעלנער פון נאַפּאָלעאָנען. זיי האָבן זיך דאָרט ווייבער גענומען און זענען געוואָרן בעלי-הבתים. די ערד איז געווען פריי.

— און איצט האָבן זיי די בעסטע איילבירטן — זיפצט די מאַמע זיינע און זי קוקט נאָך אַלץ אַ פאַר׳חלום׳טע אויף דער פאַרגייענדער זון מיט די רויט-גליענדע אָפּגלאַנצן אויף די בערג.

יאָ, מיין טייער מיידל, איך האָב זיך פאַרליבט אין אַן אַלטער יידענע. אַלע פרימאָרגן שטייט זי ביים וועג, ווען איך גיי באַרג-אַרויף אין סאַנאַטאָריום. איך האָב דאָרט אַ צייטווייליקע אַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג. אָפט באַגלייט זי מיך

אַרויס אַביסל צום ירושלים׳ער טראַקט און דערבײַ פֿרעגט זי מיך אַן עצה, אויב זי זאָל ווידער שרײַבן צו אירע קרובים קיין אַמעריקע וועגן דער גרויסער ערד-נויט פֿון אירע קינדער. עטלעכע מאָל האָט זי שוין געשריבן צו זײ, נאָר זײ פֿאַר-שטייען נישט אירע בריף. דאָרט, אינם שטעטל נעבן ביאַליס-טאָק, צוזאַמען זיך געהאָדעוועט און איצט פֿאַרשטייען זײ זי נישט. אַלע געפֿינען זײ זיך בײַ איר אויף דער צעבראָכענער קאָמאָדע אינם רויט-פּליושענעם אַלבום, אַלע מיט ווײַבער, טעכטער, זין, שנירן און אייניקלעך. נאָר זײ זענען פֿרעמדע. אויסגעפּוצטע, פֿרעמדע מענטשן אין גאָלדענע פֿענסנע מיט סיגנעטן אויף די פֿינגער. ווי אַזוי רעדט מען מיט זײ? — פֿרעגט ווידער די ייִדענע – ערד איז אַן איידעלער ענין... זײ פֿאַרשטייען נישט... אפֿשר שרײַבן אין ענגליש?

ווי אַזוי מײַנסטו, מײַן ליבע, אין ענגליש וועלן זײ פֿאַרשטיין?

איך שרײַב דיר דעם בריף פֿון סאַנאַטאָריע העט אויבן אויפֿן באַרג. אַזוי גרינג איז דאָ צו אָטעמען. אין דער געליי-טערטער בלויקייט אונטער די הימלען ליגט דאָס גאַנצע לענ-דעלע אונדזערס, ווי אויף דער האַנט. דער נײַער בנין פֿון דער פּראָלעטאַרישער הייל-אַנשטאַלט איז פֿריש געפּאַרבט און גלאַנצט מיט זויבערער קלאָרקייט פֿון די געווייסטע פֿענצטער און טירן. די דינערשאַפֿט איז דאָ נאַטירלעך דורכאויס פֿון אינטעליגענץ. די געהילפֿן פֿון דער קעכן האָט געענדיקט אַ הויך-שולע אין דײַטשלאַנד. לאַך נישט, מײַן ליב מיידל, אַזוי איז עס. הונדערט-פּראַקטישע אינטעליגענטן זענען דאָך אויך די היגע געסט, וואָס די קראַנקן-קאַסע שיקט אַהער אָפּרוען זיך פֿון דער שווערער האָרעוואַניע אין אַלע פֿיר צײַטן פֿון יאָר.

אַלע זיצן זיי איצט נעבן דער גרויסער טעראַסע און וואַרעמען זיך קעגן די העל-שפּינענדע זונען-שטראַלן פון מיטן טאָג. איך האָב פאַרגעסן וואָס פאַר אַ דאַטום היינט איז. אין אַלע צימערן שימערט אַזאַ שיינענדיקע וואַרעמע ליכטיקייט, אַז עס גלויבט זיך נישט, ערגעץ זאָל זיין ווינטער אויף דער וועלט.

די אַלטיטשקע מיינע פונם פויערשן שטיבל בארג אַראָפּ איז היינט דאָ ביי מיר געווען צו גאַסט. האָב איך דאָ געלויבט פאַר אַלעמען אירע קאַלטע זויער-מילך. נאָר דערביי איז מיר איינגעפאַלן אַריינצוזאָגן איר אַ שטיקל פילאָזאָפיע, אַז דאָ ביי אונדז אין ארץ-ישראל איז איצט אַ גלאָז קאַלטע זויער-מילך וויכטיקער, ווי דאָס ליד פון בעסטן דייטשישן דיכטער, נאָר מיר איז גלייך נישט היימלעך געוואָרן פון מיין פּקחות, ווייל די יידענע האָט אויפגעציטערט מיט אַ נערוועזן פלעמל אין די אויגן. זי איז אָבער געניג טאַקטפול. זי האָט גאָרנישט גע-ענטפערט.

אַ בעל-גאווה'טע, אַזוי ווי דו.

מיידל, ווען קומסטו פּראָדוצירן קאַלטע זויער-מילך? אונדזער חברה פון שומרון שרייבן, אַז זיי באָדן זיך דאָרט איצט אין כל-טוב. די קליינע צפורה האָט ווידער באַקומען פאַרב אין די בעקלעך. פון די יחוס'דיקע ציגן, וואָס דוב האָט איינגעהאַנדלט אין זכרון, איז דעם לעצטן פריייטיק צונאַכטס אַ דור געקומען אויף דער וועלט. ס'זענען געבוירן געוואָרן צוויי שוואַרץ-האָריקע ציגעלעך מיט לאַנגע ווייס-געפינטלטע אויערן, אמת'ע ראַסן-מוסטערן, ריין-בלוטיקע שומרונ'ער. און דער עולם איז גליקלעך. טובה מיט צפורה'ן האַלטן אין איין קושן די ציגענע ווייס-געפלעקטע קעפּלעך, ווי קליינע קינדער זענען זיי דאָרט. מעגליך, אַז איך וועל צופאָרן אַהין די טעג.

וואָס טוט אין אַלעקסאַנדריע דער הער היימאַן? יאָ, מיר זענען אַלטע באַקאַנטע. איך קען אים פון קראָקע, נאָר ער האָט געמעגט זיין אַ נאַר אין אַ גרעסערער שטאָט, כאָטש ער האָט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט. נאָר ער האָט אַ גרויסע מעלה: ער קאָן ווייל̃ן דאַמען. און אויב ס'איז דיר זייער אומעטיק, מיין ליבע חברטע, רעקאָמענדיר איך דיר זיין געזעלשאַפט. גיב עס אויך איבער חרמונה'ן.

ס'פרייט מיך זייער, וואָס דו האָסט געמאַכט „אַ קידוש" ביים באַנייען דאָס אויסגעגנייטע קישעלע, נאָר ווו בין איך דאַן געוועזן?

אומעטיק, אומעטיק, מיין ליב מיידל. איך פאָר קיין שומרון.

דיין גאַליציאַנער.

ד

מיין ליב מיידל!

אַ דאַנק דיר, טייערע, פאַר דיין האַרציקייט און גע־טריישאַפט, וואָס דו ביסט אַזוי צופרידן מיט מיין אָפּרו אין אונדזער שטיל־דאָרפיש ווינקעלע. דאָרט איז ווירקליך איצט פּאַראַן אַביסל ציגן־מילך צום טרינקען און די שפּע פון גאָרטן האָט דערמוטיקט אונדזערע מאָגער־וואַסערדיקע מאָל־צייטן פון אַמאָל. נאָר איך בין קיין שומרון נאָך נישט געפאָרן און דעריבער ווייס איך נישט, ווי אַזוי צפורה זעט אויס נאָך דעם, ווי זי האָט באַקומען פאַרב אין די בעקלעך. איך גלויב, אַז איר, דער קליינער שטיפערקע פּאַסט עס זייער. אפשר וואָלט איך ספּעציעל צוליב דעם צוגעפאָרן אַהין, ווי אַזוי מיינסטו, כדאי?

נאַטירלעך, וועסטו מיר געבן אַ קלוגע עצה. אָ, ווי קלוג דו ביסט! נאָר וואָס וועט דערויף זאָגן דאָס מיידל דיינס, יענע, וואָס בונטעוועט זיך אַלע מאָל קעגן דיין געזונטער לאָגיק? אַ קאַפּריזנע בת־יחידה איז זי ביי דיר. זי לאָזט דיר נעבעך דעם קאָפּ נישט אויפהויבן. און איך שטעל מיר פאָר, ווי אַזוי דו קעמפסט מיט איר, לערנסט זי דרך־ארץ. ביזט דאָך עפּעס אַ פּעדאַגאָגין. נאָר דאָס דאָזיקע פאַרביסענע שלעגל איז שטאַרקער פון דיר. ס׳אינטערעסירט זי דאָך, ווי

אַזוי צפורה זעט אויס, נאָכדעם ווי זי האָט באַקומען פאַרב אין די בעקלעך...

יאָ, דאָס מיידל דיינס איז זיך נוקם אין דיר, און וויסן זאָלסטו, מיין גוטע חבר'טע, אַז איך בין דורכאויס איר צד. איך האָב זי ליב מיט אַלע אירע ווייבלעכע חסרונות. זי פאַר־ברינגערט מיר אויך מיין שווערן גורל אַלס העלד פון אַ ראָמאַן אָן ליבע, אין דיין יעדן בריוו לייען איך מיט פרייד איר ביסל לייכטזיניקייט מיטן גרוס, וועלכער שמייכלט פון דיינע קלוגע שורות ספּעציעל פאַר מיר.

בונטעווע זיך, מיידל. קענן דיין שטרענגער לערערן און שיק מיר דיינע ליב־שמייכלענדע גרוסן. איך האָב זיך פאַר־פליכטעט נישט צו רעדן וועגן ליבע, ווייל אונדז איז באַשערט צו לעבן אין אַ צייט פון מיד־פאַר'יאושטע געמיטער און אָפּ־גע'חוזק'טער יוגנט־פרייד. ווען מיר זיך דעריבער, מיין ליב מיידל, פאַרשטיין אָן ווערטער. גוט? דאָס וויכטיקסטע, וואָס אונדז אינטערעסירט וועלן מיר לייענען צווישן די שורות און ווייטער, ווערט אַלץ זיין אין דער בעסטער אָרדנונג, ווי אַלע מאָל.

איך בין נישט געפאָרן קיין שומרון צוליב קליינִיקייטן. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן בין איך שוין געווען אינגאַנצן רייזע־פערטיק צו לאָזן זיך אין וועג אַריין מיטן זאַק און שטעקן, נאָר ס'האָט מיך פאַרהאַלטן דער גאָס־רעגן, וועלכער האָט צוויי טאָג נאָכאַנאַנד געשטורעמט באַרג און טאָל. בין איך דערווייל געווען אַ גאַסט אינם קליינעם שטיבל באַרג־אַרויף ביי דער אַלטער דאָרפישער לעזערן, נאָר ס'איז געווען צום גוטן. פאַר די צוויי מעת־לעת, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך דעם אַלטן פאַרריכט אַ זאָטל, ביי דער בעל־

הבית׳טע האָב איך זיך אויסגעלערנט דעקלאַמירן אין רוסיש דאָס פּאַטעטישע ליד „דער נביא" און דערבײַ האָב איך זיך באַפרײַנדעט מיט זײַער צווייטן גאַסט, וואָס האָט אינם גאַס־רעגן פאַרבלאָנדזשעט אין זײַער אָרעם־פּויערישער נעסט אויפן באַרג.

ס׳איז אַ וווילהאָבנדער יידישער יונגערמאַן פון דײַטש־לאַנד. ער רייזט איבער פּאַלעסטינע אַלס טוריסט און דערבײַ האָט זיך אים געוואָלט באַזוכן זײַן ברודער, וועלכער וווינט אין תל־אביב און איז דאָרט אַ חבר אינם יידיש־דײַטשישן טעכ־ניקער־קאָלעקטיוו. דער דאָזיקער פאַרמעגלעכער סוחר פון דרעזדען איז זײַער ווייט פון זײַן ברודערס קאָלעקטיווע אַרבעטס־אידעען. ער האָט אויך קיין באַציונג נישט צו דעם היגן יידישן ישוב. נאָר פעיקע פּאַרטיי־לײַט, צו וועלכע ער האָט צוטרוי, האָבן אים דאָרט בײַ זיך אין שטאָט געמאַכט פּאָר אַ פּינקטליכן שקל־צאָלער און די דאָזיקע האָבן אים אויך אונטערגעגעבן חשק זיך דורכפאָרן אַביסל אַ קוק צו טון וואָס דאָס איז אַזוינס. ער צאָלט פּינקטליך אין אַלע פאָנדן, כּדאי צו זען אין וואָס מענטשן זענען עס אַזוי פאַרקאָכט.

האָט ער גענומען אַן אויטאָ און וווּהין דער שאָפער פירט אים, פאָרט ער. אַזוי אַרום האָט אים אויך דאָס גליק געטראָפן צו האָבן מיך פאַר אַ גאַסט אין זײַן אויטאָמאָביל. נאָר ער האָט געמאַכט מיט מיר נישט קיין שלעכט געשעפט. דעם גאַנצן וועג איבערן עמק און גליל האָב איך אים געדינט זײַער געווויסנהאַפט מיט מײַנע ידיעות. נאַטירליך, נישט אומ־זיסט. ער האָט מיר צוגעזאָגט אין תל־אביב צו פאַרגיטיקן דערפאַר מיט נוצלעכע באַקאַנטשאַפטן צווישן די דײַטשישע אינזשעניערן און טעכניקער.

דערווייל בין איך אַריינגעפאַלן צווישן דייטשן. דער טעכניקער-קאָלעקטיוו פאַרנעמט דעם גאַנצן אויבערשטן שטאָק פון אַ גרויס הויז אין צענטער שטאָט. די דריי פרויען פונם קאָלעקטיוו פאַרוואַלטן מיט דער הויז-ווירטשאַפט און די אַכט מענער גייען אַלע פרימאָרגן אַוועק צו דער אַרבעט פון זייער ספּעציאַליטעט, נאָר די אָוונטן און דעם שבת׳דיקן טאָג פאַר-ברענגט מען צוזאַמען אויף דער גרויסער טעראַסע, וווּ ס׳ווערן איינגעאָרדנט מוזיק- און טאַנץ-פאַרווײלונגען דורך די אייגענע מיטגלידער, וועלכע זענען אַלע מוזיקאַליש. די כאָר-געזאַנגען פון זייערע רו-שטונדן אויף דער גרויסער טעראַסע ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט: ס׳בלייבן שטיין פאַרבייגייער אויף די טראָטואַרן און אין די נאָענטע הייזער הערט מען זיך איין פאַרגאַפטע ביי אַלע פענצטער און טירן.

אַזוי קאָנען זיך ווײלן נאָך דער אַרבעט יידישע דייטשן און צווישן אַזאַ מערהייט האָב איך זיך געמוזט אַסימילירן. מען האָט מיך אין דעם ערשטן אָוונט פאַראייניקט מיטן כאָר און איך האָב געמוזט באַווייזן מיינע קענטעניש. בייטאָג דאַרף איך אויך צוהעלפן אין דער ווירטשאַפט, וועלכע ווערט אָנגע-פירט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט פונם ערשטן טאָג, וואָס דער טעכניקער-קאָלעקטיוו האָט אַהער אַריינגעבראַכט פון דייטשלאַנד דאָס מאַסיווע-דעמבענע מעבל מיט די וויג-שטולן אויף דער טעראַסע צום רוען, און מען האָט דאָ אין די זעקס צימערן אַ באַקוועם בעל-הבתישע היים איינגעפונדעוועט. נאָר איך פאַרדין מיר מיין חיונה בכבוד. אין דער פרי טו איך מיר אָן מיין בלאָען כאַלאַט און ביז די דאַמען מאַכן אָרדנונג אין שטוב, קויף איך איין אין מאַרק פון כל טוב. דערנאָך

בין איך געהילף ביי דער קיך, אָדער איך פרעס מענער־הצמדער און ווייס־פּיקענע אַנצוגן, וואָס ווערן כּסדר דאָ גע־וואַשן פאַר די חברים פונם קאָלעקטיוו.

אַזעלכע גוטע טעג האָב איך מיר דאָ דערלעבט ביי די דייטשן, נאָר דאָס איז נאָך אַלץ דערווייל. זיי, די טיכטיקע יונגען, זוכן פאַר מיר אַרבעט לויט מיין ספּעציאַליטעט און מיט מיין נייעם פריינט פון דרעזדען רעד איך זייער איידל וועגן אַ שותּפות׳דיקער זייף־פאַבריק אין תּל־אביב. נאַטירלעך, האָב איך זיך פריער אָנגעפרעגט וועגן זיינע פאַמיליען־אָנגע־לעגנהייטן, אויף וויפל דאָס ווייב האָט ביי אים אַ דעה אין די געשעפטן. ערשט אין דעם פּרט איז נישטאָ קיין סכּנה, ווייל ער האָט גאָר קיין ווייב נישט, אַ גע׳גט׳ער, און אַזוי גיך, זאָגט ער, וועט ער נישט חתונה האָבן, ווייל ער מוז זיך פריער אויסהיילן פונם הארץ־ווייטיק, וואָס ער האָט זיך אָנגע־ליטן פונם ערשטן ווייב, אַזוי אַרום איז עס, דאַכט זיך, גאָר גוט. נאָר ער אַליין געפעלט מיר עפּעס נישט, ווייל דער גאַנ־צער יידישער ענין, וואָס ער איז געפאָרן אָנקוקן דאָ אין לאַנד, האָט ביי אים אַ פּנים פון חוזק.

— ס׳איז, זאָגט ער, דאָ אַלץ אַזוי קליין, אַזוי אָרעם און אומעטום פעלט אַ דייטשישע האַנט. אַזאַ זאַך וואָלט געדאַרפט זיין אַ דייטשישע אונטערנעמונג.

בין איך מיט אים מסכּים און זאָג אים, אַז די יידישע דייטשן האָבן דאָ אינעם ניי־יידישן ישוב זייער וויכטיקע אויפ־גאַבן. אַ זאַך פון גרויס־דייטשישן פאַרנעם איז אויך די זייף־פאַבריק, וועלכע איך לייג אים פאָר צו גרינדן דאָ אין תּל־אביב. נאָר מיין דרעזדענער פריינט געפינט קיין ווערטער נישט צו ענטפערן. ער שמייכלט צו מיר מיט זיין פולן מויל גאָלדענע

ציין זייער גוטמוטיק און דערבײַ נעמט ער שעמעוודיק אַרויס פון קעשענע אַ ווייס זעקעלע זאַמד מיט אַ שטעמפּל פון אַ רב אין טבריה.

– ס'איז אַ געשאַנק פאַר מיין אַלטן פאָטער...

איך האָב גוט באַטראַכט דאָס הייליקע זעקעלע ערד, וואָס דער יידישער דייטש פירט פונם יידישן לאַנד זיין אַלטן טאַטן אַ מתנה, און מיר האָט זיך אויך פאַרגלוסט צו שמייכלען. מיין דרעזדענער פריינט האָט זיך באַליידיקט. חבר'טע טייערע, איך האָב, דאַכט זיך, ווידער פאַרשפּילט דעם שותּף פון מיין זייף־פאַבריק!

נאָר נישט געזאָרגט. ביז וואַנען מען קאָן נאָך שרייבן בריוו קיין אַלעקסאַנדריע, איז נאָך בכלל די וועלט נישט אַזוי שלעכט.

און דאָרטן ביי אונדז אין שומרון רעגנט מיט שפע. דאָס פעלד גרינט, דער גאָרטן האָט זיך צעבליט און די קאַלאַפּיאָרן זענען אויסגעוואַקסן ריזיק־גרויס, נאָר קיין נאַפּט־אויוועלע אין אונדזער ברעטער־שטיבל איז נאָך אַלץ נישטאָ. דאָך האָבן חברה דערוויי'ל זיך אַן עצה געגעבן. מיט היימישע מיטלען האָט מען ווי עס איז פאַרריכט די פענצטער זיי זאָלן קענעןביישטיין דעם ווינטערדיקן גאָס־רעגן, – קאָן מען אין געצעלט אָפּעסן און טאַנצן אַ „הורא", נאָר שלאָפן גייען די מיידלעך צו דער דאָקטאָרין אין קיך און די בחורים האָבן פאַרנומען אייער געוועזענע מיידלשע קעמערל. איך שטעל מיר פאָר וואָס פון אייערע קלאָר־ציטריקע פאָרהענגלעך ביי דער טיר איז שוין דאָרט געוואָרן.

און שבת עסט מען אַלע ביי דער דאָקטאָרין אין סאַלאָן. נאָר טובה שרייבט אַז עס שטערט זיי דאָרטן דער טעפּיך פון

דער וואַנט מיט דער זײד-געהאָפטענער פּאַווע. די דאָקטאָרין איז אַ ליבע חבר'טע, נאָר די פּאַווע וואָס מינעט זיך אויפן טעפּיך אין אַלע קאָלירן פונם זונען-שטראַל מיטן טואַלעטן-שפּיגל אין דער מילך-בײנערנער ראַם דערמאָנען צופיל אירע בורזשואַזע געוווינהייטן פון איר טאַטנס אַלט-נגידישער שטוב אינם אַמאָליקן אַלט-פריצישן רוסלאַנד.

נו, דאַכט זיך געשריבן דיר וועגן אַלץ גענוי.

פאַרוואָס שרײבסטו גאָרנישט וועגן הײמאַנען. קומט ער צו דיר? אפשר אַביסל קלוגער געוואָרן? קײן שומרון וועל איך דאָך צופאָרן אויף אַ פּאָר טעג.

דײן גאַליציאַנער.

ה

טייערינקע!

אַ גרוס דיר פון שומרון. איך האָב דיך געפאָלגט און בין צוגעפאָרן זען וואָס עס טוט זיך עפּעס אין אונדזער ווינקל. און ס'טוט מיר נישט באַנג. דאָס שטיקעלע נחלה אונדזערס וועסטו נישט דערקענען. די צוויי באַנאַנען-ביימלעך, וואָס מיר האָבן פאַרפלאַנצט ביי דער טיר, זענען אויסגע-וואַקסן. די בלעטער זענען דריי איילן די לענג און שיצן פון דער זון, ווי מיט אַ שירם.

פונם גאָרטן וואָלסטו אויך גרויס נחת געהאַט. די רויטע טאָמאַטן רייצן דאָס אויג און די קאַלאַפיאָרן אונדזערע האָבן אַ שם אין חיפה. מען ווייזט זיי אויף חדושים אַמעריקאַנער טוריסטן. יידישע און אַראַבישע בעל-הבית'טעס שטעלן זיך אָפּ ביי די פענצטער פונם קאָאָפּעראַטיוו און שטוינען איבער די ווייס-באַגרינטע ריזן-קעפּ פון בלומען-קרויט, וואָס מיר האָבן אויסגעהאָדעוועט דאָ, נעבן אונדזער שטיבל.

אינווייניק אין געצעלט איז פייכטלעך. די ווענט נעצן אַביסל, נאָר אַרום אָטעמט מיט אַ זאַפטיקער פרישקייט פון די גערטנער אין זכרון און פון די בלומען-פעלדער אין בנימינה. אַ בונטע גרינקייט האָט באַצירט באַרג און טאָל און פונם דאַך איבער אונדזער שטיבל זעט זיך דער בלאָער ים ווייט

אונטער די הימלען, ווי תמיד. געדענקסט, מיר פלעגן אָפט קלעטערן אָנצוקוקן פון דער הויך אונדזער גרענעצלאָזע אונ־ענדליכקייט פון אַלע שבע ימים, ווו יידן זענען צו זייט. נאָר איצט זענען דאָ נישטאָ קיין בעלנים אויף אַזעלכע ראָמאַנטישע אונטערנעמונגען, ווייל ביי דער ווינטער־אַרבעט אין פעלד און אין גאָרטן זענען אַלע זייער פאַרנומען. אפילו אונדזער געטרייער פירפיסיקער שומר „שמח" קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט זיינע דאָפּלטע פליכטן – צו היטן די שטוב און באַגלייטן דוב'ן אין די בערג פיטערן די ציגן.

די ציגן־סטאַדע איז אויך אַביסל גרעסער געוואָרן. צו־געקומען נאָך קלײנוואַרג און די, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט דאָ קלײנינקע, זענען שוין אונטערגעוואַקסן. נאָר אונדזער פאַסטוך איז, נעבעך, נישט געזונט. דוב'ן האָט זיך ווידער אָפּגערופן דאָס פיבער, וואָס ער האָט אַמאָל געכאַפּט אין חדרה באַלד ווי ער איז אַהין געקומען. און דוב איז דאָך אַ צאַרט ייִנגל. ווייסט דאָך, אַלע זיינע יאָרן ביי רייכע טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד געווען. נאָך דער מאַמעס קיכלעך און שטרודלען, וואָס זי האָט אים אָנגעבאַקן אויפן וועג, האָט ער זיך דאָרט אין חדרה געפּלייסט צו עסן אוגערקעס און גלייך פאַרזופּן מיט קאַלט וואַסער. געדענקסט, ער פלעגט זיך באַרימען דערמיט.

איצט איז ער שטיל געוואָרן. נישטאָ מער דאָס אַמאָליקע, שיינע און לוסטיקע ייִנגל. אינגאַנצן איז ער אַ פאַרענדערטער. די איינגעפאַלענע באַקן פלאַמען אים פון היץ און מיטאַמאָל, אַז עס הויבט אים אָן טרייסלען די קעלט, מוז אים צפורה איינדעקן מיט אַלע קישנס און מאַנטלען, וואָס עס זענען דאָ אין שטוב, און אַליין טאָר זי נישט אָפּטרעטן פון אים. אַנדערש קאָן ער זיך נישט באַרויקן. דערנאָך, אַז עס לאָזט אים אָפּ,

שמייכלט ער, ווי אַ פאַרשוילדיקט קינד און בעט צפורה׳ן, זי זאָל אויף אים נישט זיין ברוגז, וואָס ער שרייט אויף איר, ווען עס באַפאַלן אים די פיבער־קראַמפן. נאָר זי, צפורה, לאַכט שוין דאַן מיט איר קלינגענדן געלעכטער און שלעפט אים פון בעט, ער זאָל גיין מיט איר טאַנצן.

יאָ, מיין ליב מיידל, מען מוז מודה זיין, אַז דעם בורא האָט זיך געלוינט צו באַשאַפן דאָס ביסל ווייבליכקייט אויף דער וועלט. ס׳איז זיין הערליכסט ווערק. ווען דו קוקסט אָן צפורה׳ן נעבן דוב׳ן: אַ געטרייע און געדולדיקע מאַמע, אַ האַרציקע שוועסטער, אַ ליבנדע פרוי, וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר איר געליבטן און אַ ליב־אונטערטעניק טעכטערל, וואָס וואַכט נעבן דעם טאַטנס קראַנקן־בעט. אַלץ איז עס ביי איר אַזוי פשוט און נאַטירליך, ווי זי וואָלט נאָר דערצו געבוירן געוועזן, ווי דער גורל וואָלט זי באַשטימט אין לעבן נאָר צו ראַטעווען דעם עלנטן דוב פון זיין פיבער־קראַנקהייט.

טובה זאָגט, אַז זיי זענען ביידע אַ פאַרליבט פּאָרל און ווען ער ווערט נישט קראַנק, וואָלטן זיי אין גיכן חתונה געהאַט. איצט איז עס, נאַטירליך, ווייט דערפון. נאָר זי וועט אים שוין נישט פאַרלאָזן און אָט דאָס פשוט׳ע מיידל וועט נאָך נעבן דעם קראַנקן חבר ווייזן העלדישקייט פון גאָר אַ הויכער מדרגה.

ניין, טייערע, ס׳איז נישט ווי דו זאָגסט. נישט דער דור פון אונדזער צייט איז אַזעלכער, נאָר מיר אַליין מיט אונדזער איבערגעקליגטער אינטעליגענטישקייט פאַרפיטערן אין זיך דאָס גוטע וואָס אין אונדז איז דאָ. אונמיטלבאַרע און פשוט׳ע מענטשן קאָנען נאָך ליב האָבן. און ס׳לוינט אפשר אויפצוגעבן דאָס ראַפינירט ביסל איידלקייט, וואָס האָט אַזוי פאַרשפּיצט

אונדזערע געזונט-מענטשליכע חושים, און ווערן פשוט אויף צפורה׳ס שטייגער. נאָר, ווייזט אויס, אַז דאָס איז אַזוי שווער, ווי דער אַלטער יידישער אינטעליגענטין פון די בערג צו ווערן אַ פויערטע. נאָך פינף-און-דרייסיק נויטליידנדע יאָרן אין דאָרף לייענט זי און דעקלאַמירט נאָך אַלץ די רוסישע און דייטשישע ליטעראַטור.

זענען מיר, הייסט עס, פאַרפאַלן אויף אייביק. שוין גאָר קיין תקון נישטאָ פאַר אַזעלכע קלוגע און איבערגעקליגטע, ווי איך מיט דיר. תמיד וועלן מיר וואַכן איבער זיך אַליין און אָפּחוזק׳ן אונדזער ביסל גליק, אויף וואָס יעדער מענטש האָט דאָס רעכט אין לעבן.

אַ שווערער גורל, ליבינקע מיינע. שווער צו ליידן פון זיך אַליין. נאָר אפשר איז דאָך פאַראַן אַ מיטל דערצו?

איך בין נעכטן געווען אין דער קאָלאָניע האָב איך זיך צופעליק דאָרט באַקאַנט מיט אַן אַלטן גר. איז עס אַ ריזיקער קאַצאַפּ, ווי אַ דעמב, מיט בלויע אויגן און אַ געלבליך-ווייסער באָרד. דערצו פאַרמאָגט ער נאָך אַ מעלה, וואָס ער קאָן גוט נייען שיך. אויך האָט ער פיינט דעם „ביטערן טראָפּן”, ווייל אַזוי האָט מען אים צוגעוווינט אין זיין מאָלאָקאַנער דאָרף פון צפון-קאַווקאַז. ער האָט זיך פאַר מיר אויסגעבאַרימט, אַז זיינע דריי זין האָט ער שוין ערצויגן אין יידישקייט. זיי זענען שוין, זאָגט ער, אמת׳ע יידן. זיי קאָנען גוט האַלטן רעדעס אויף העברעיש און ווילן נישט דאַוונען. נאָר ס׳איז דאָך אַ שטות. דעם יידן וועט עס אָן אַ תפילה נישט גיין. מען דאַרף זיך אומקערן צוריק, ווייל אָן אַ תפילה איז עס דאָך דאָס זעלבע היידנטום. ניין! ער וויל דאָס וואָכעדיק-אפיקורסישע העברעיש אויף זיין געוויסן נישט נעמען. אָן איינפאַל פון אַ

גר. װי אַזוי מײנסטו, מײן ליב מײדל, איך מיט דיר קאָנען מיר זיך נאָך אומקערן צוריק?...

יאָ, ס'איז מיר אַביסל אומעטיקלעך, כאָטש די חברה האָבן מיך זײער געשיקט אײנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. איך בין איצט דער אױפזעער פונם גאַנצן בעל-הבתישקײט. איך מוז האָבן אױפן אױג די הינער, געבן זײ עסן און רײניקן די שטעלכלעך. צפורה'ן העלף איך באַקן ברױט און שיק אָפּ יעדן פרימאָרגן די מילך אין דער קאָלאָניע, און מאָרגן װעל איך גײן מיט דוב'ן אין די בערג פּיטערן די ציגן, װײל די לעצטע טעג לאָזט אים דאָס פיבער נישט אָפּ. דעריבער מוז מען זען עמיצער אַנדערש זאָל װערן פּאַסטוך און ביז חנניה װעט קומען צופאָרן פון ירושלים איז אויף מיר געפאַלן דער גורל, איך זאָל באַגלײטן דעם קראַנקן דוב'ן מיט דער סטאַדע.

נאָר דער דאָזיקער אַמט מײנער איז נישט אַזױ שלעכט. איצט איז אין די בערג זײער אָנגענעם. איך װעל מיטנעמען אַהין דעם תנ"ך מיט מײנע העפטן פון עספּעראַנטאָ און װעל מיר פּרוּװן איבערזעצן אַ װעלכן עס איז קאַפּיטל פון דער ביבל. װי אַזױ מײנסטו דער דור המדבר האָט אַ סך דיסקוטירט װעגן ליבע?

װעסט מיך פאַרן הײנטיקן בריף זיכער באַשטראָפן. צופיל האָב איך מיר פאַררעדט װעגן ליבע-אָנגעלעגנהײטן. נאָר איך נעם עס אָן פאַר ליב, דו װעסט דאָך שטראָפן מיט רחמים, װײל דאָס מײדל דײנס װעט מיך שיצן קעגן דיר. זי איז דאָך אַלע מאָל מײן צד. איך גריס איר האַרציק.

און חרמונה'ן גיב איבער, אַז איך בין אין דער קאָלאָניע געװען אויף דער פּאָסט. האָט זיך דער פּאָסט-פאַרװאַלטער זײער דערפרײט מיט מיר. אפשר געדענקט זי נישט, װער דאָס

איז, קאָן איך איר דערמאָנען, אַז דאָס איז איר אַמאָליקער לערער פון ראש־פנה. ער האָט נאָך איצט אויך זייער אַ שלעכטע מיינונג וועגן די אשכנזישע פרויען. אַלע זענען זיי לייכטזיניק און פאַלש. דאָך רעכנט ער אינגיכן נעמען זיך אַ פּאָר וואָכן אורלויב און צופאָרן קיין עגיפּטן, געוויר ווערן זיין אַמאָליקע שילערן.

און היימאַן מענטשלט זיך. איך האָב דאָך דיר געשריבן, אַז ער איז אַ ווירטואָז צו ווייזן דאַמען. וויל ער, הייסט עס, פאָרן קיין תל־אביב און עפענען דאָ אַן אַדוואָקאַטן־ביוראָ? פיין. פיין. אויף אַדוואָקאַטן קוקט מען זיך דאָרטן די אויגן אויס. וועט ער אויך קומען צו מיר צו גאַסט? מוחל, מוחל!

נאָר צו דיר האָט עס קיין שייכות נישט. מעגסט אים געבן טיי אַלע אָוונט און זיך דורכפאָרן צוזאַמען קיין קאַירא. וועט חרמונה אויך פאָרן, אָדער זי וועט פאַרבלייבן היטן די שטוב?

איך קוש דאָס מיידל דיינס און דיר, חבר'טע מיינע, בלויז אַ גרוס. צייטנווייז ביסטו פאַר מיר אַביסל צו האַרט. אָ, ליטע, ליטע, דיינע יידישע טעכטער זענען אַזוי ווילגע־לערנט און קלוג!

דיין גאַליציאַנער.

ו

מיידל טייערע!

אויף שבת זענען געקומען אונדזערע בחורים צבי מיט חנניה'ן און זונטיק אין דער פרי האָב איך אָפּגעפירט דוב'ן קיין היפה אין שפּיטאָל אַריין. דאָס פיבער איז אים אַריין טיף אין די ביינער און מען מוז אים ערנסט קורירן. נאָר אים איז זייער שווער געווען זיך צו שיידן מיט צפורה'ן.ביידע האָבן זיי זיך צעוויינט ביים געזעגענען, ווי צוויי קליינע קינדער און זי האָט אים געמוזט געבן אַ האַנט, אַז אַלע וואָך וועט זי קומען געוויר ווערן צו אים. נאָר דו קאָנסט זיך שוין אויף איר פאַרלאָזן. זי וועט נישט פאַרפעלן צו קומען פּינקטלעך אַלע וואָך, אויך וועט זי גוט געדענקען צו ברענגען אים עפּעס היימישע נאַשערייען, וואָס זי אַליין האָט געקאָכט און געבאַקן.

יאָ, מיין ליב מיידל, ווייל איך זיך, הייסט עס, מיט צפורה'ס ליבע צו דוב'ן און אויב אַזוי, מעגסטו זיך ווילן מיט היימאַנס פיקאַנטע וויצן, וואָס ער דערציילט. נאַטירלעך, מיינסטו פלאַכע און נאַרישע וויצן, ווייל צו זאָגן עפּעס פיקאַנ-טעס איז היימאַן נישט פעיק. ווען ער הערט עס, וואָלט ער אַליין זיך צולאַכט דערפון. נאָר דו מיינסט דאָך עס נישט ערנסט און דו זאָגסט עס מיר נאָר אַריין אַזוי זיך, ווייל דו

ווילסט אַזוי, מעגליך, אַז פּשוט פון אומעט, ווייל דיר איז זייער לאַנגווייליק מיט אים, שעם זיך נישט. זאָג דעם אמת, מיין מיטגעפיל דיר, טייערע, מען דאַרף זיין טאַקע פון אייזן אויסצוזיצן אַ ווינטער-אָוונט אין היימאַנס געזעלשאַפט.

אויך קאָן איך דיך באַרויקן וועגן צפורה׳ן. זי ווייזט מיך שוין מער נישט מיט איר ליבע צו דוב׳ן. איך פאָר נישט צוריק קיין שומרון. איך פאַרבלייב דאָ אין חיפה צו זוכן אַרבעט. אַן אַלטער יידישער דאָקטאָר, וועלכן איך האָב אַמאָל געקענט אין ווין, דערלעבט דאָ זיינע אַלטע יאָרן אין דער דייטשישער קאָלאָניע. פאַרמאָגט ער אין זיין רשות אַן אויבער-שטיבל מיט אַ פענצטער, וואָס קוקט אַרויס אויפן כרמל, האָט ער מיך איינגעלאַדן אַהין אַלס אומזיסטער שכן נאָר מיט דעם באַדינג, איך זאָל ביי אים אַלע טאָג עסן דעם וועגעטאַרישן מיטאָק, וועלכן ער אַליין גרייט-צו, — האָב איך גרויסמוטיק אָנגענומען די דאָזיקע איינלאַדונג און בין געוואָרן אַ תּושב פון דער דייטשישער קאָלאָניע אין חיפה.

נאָר היינט אין דער פרי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ חוץ דעם וועגעטאַרישן מיטאָק פונם בעל-הבית בין איך נאָך פאַרפליכטעט צו טרינקען קאַווע מיט שמאַנט, וואָס עס גרייט-צו די בעל-הבית׳טע. ער האָט געפאָדערט מיין ערן-וואָרט דערויף, און זי — אויך דאָס זעלבע. נאָר איך האָב זיך נישט געגעבן מיט ביידן. דער מיטאָק האָט זיך נישט געהאַט צו שעמען פאַרן קריגעלע געווייסטע קאַווע, וואָס די אַלטיטשקע האָט מיר מוטערליך דערלאַנגט אין פרי-מאָרגן.

דער אַלטער האָט אָנגעקוואָלן וואָס מיר איז געפעלן געוואָרן זיין „מעניו״, וועלכן ער האָט ספּעציעל צוגעטראַכט צוליבן גאַסט. שלעכט איז נאָר געווען, וואָס ער האָט מיך

נאָכן עסן פאַרהאַלטן ביים טיש העכער אַ שטונדע צייט און געמוזט האָב איך מיט אים דיסקוטירן וועגן יידישע פּראָבלעמען, דערנאָך פאַרנאַכט האָט ער אָנגעקלאַפּט מיטן שטעקן אין מיין טיר, איך זאָל גיין מיט אים אַביסל שפּאַצירן באַרג-אַרויף, וועט ער מיר ווייזן דעם כּרמל אין זיין גאַנצער הערליכקייט. און ווידער האָב איך אים געמוזט פאַרענטפערן אַלע יידישע פראַגן פון אונדזער צייט.

באַטירליך, ווען עס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועל איך זיך מוזן אָפּזאָגן פון מיין איינקומעניש אינם אויבערשטיבל פון דער דייטשישער קאָלאָניע אין חיפה.

נאָר דערווייל, טייערע, האָב איך זיך נישט צו באַקלאָגן. דער גאָרטן נעבן אונדזער הויז בליט. דאָס געזינדל פונם רייכן דייטשישן בעל-נחלה באַאַרבעט אים זייער פיין און אַז מיין בעל-הבית, דעם אַלטיטשקן דאָקטאָר, ווערט אומעטיק צו לעזן די פּראָבלעמען פון יידנטום, נידערט ער אַראָפּ פון די טרעפּ, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן, און נעמט זיך צו העלפן עפּעס ביי די בייטן פון גרינוואַרג און בלומען.

דעם אָוונט בין איך נעכטן געזעסן אין דער היים. דורכן פענצטער פון מיין אויבערשטיבל האָב איך געקוקט אויף די שטראַלנדע פייערלעך פון די לאַמטערנעס, וואָס באַלייכטן דעם כּרמל. פון צייט צו צייט האָט אַ פּערל-העלע ליכטיגקייט זיך געגליטשט איבער די געפלאַסטערט-רונדע וועגן פונם פינצטערן באַרג-אַראָפּ, טרייסלענדיק די לופט מיט גערויש פון אויטאָמאָביל געיעג. מיין בעל-הבית האָט ווידער געקלאַפּט מיטן שטעקן אין דער טיר. ער האָט מיר געראַטן, איך זאָל זיך איצט אַביסל דורכגיין אין די גאַסן פון דער קאָלאָניע און געבן אַ קוק, וואָס פאַר אַ פייערלעכע שטילקייט ס'הערשט

אומעטום. די דייטשישע קאָלאָניע-יוגנט ווילט זיך נאָר שבת-צו-נאַכטס און זונטיק און אַ גאַנצע וואָך אַרבעט מען, און נאָך דער אַרבעט דאַרף מען רוען. דעריבער לייגט מען זיך שלאָפן תּהילת-נאַכט און מען יאַרידעוועט נישט אויפן יידישן שטייגער.

דער אַלטער דאָקטאָר קאָן נישט רוען. ער האָט צופיל פרייע צייט און צופיל ענערגיע לויט זיינע יאָרן, איז ער בייטאָג און ביינאַכט פאַרנומען מיט פעלקער-פּראָבלעמען. אויף וויפל ער איז פאַרליבט אין די דייטשן מיט זייער שטילער לעבנס-אָרדנונג, אַזוי ווייט קאָן ער נישט סובל זיין דאָס טומלדיקע יאָגעניש פונם היינטוועלטיקן יידן. ער איז דורכאויס באַגייסטערט מיט די פרומע טראַדיציע-יידן און דאָס מאָדערנע ביסל יידישקייט וויל ער לחלוטין נישט אָנערקענען. יענע, זאָגט ער, קאָנען זיך כאָטש צונויפרעדן מיטן בורא-עולם און מיר טויגן זיך נישט אויס צו גאָרנישט. אַלץ וואָס מיר שאַפן איצט אין כלל און אין פרט איז באַהערשט מיט מאַרק-טומל און שרייענדיקער אָנמעכטיקייט. ניין, מיט רעזאָלוציע-פלאַקאַטן וועלן מיר ווייט נישט אַוועקגיין. אויב מען וויל לעזן דאָס יידישע פּראָבלעם און ווערן לייטן-גלייך, דאַרפן מיר בלויז די דייטשן אַלס לעבנס-לערער צו האָבן, ווייל זיי באַזיצן דאָס אמת'ע לעבנס-פאַרשטענדעניש פונם מאָדערנעם געזונטן מענטש.

איך האָב מיט אַלץ איינגעשטימט. נאָר דערביי האָב איך אים דערמאָנט פאַרבייגייענדיק, אַז לויט דער פּינקטלעך-דייטשישער לעבנס-אָרדנונג איז שוין איצט די העכסטע שעה צום רוען. דער אַלטער האָט זיך געכאַפּט פאַרן שטעקן און זאָגנדיק מיר אין איילעניש אַ גוטע נאַכט, האָט ער נאָך צוגעגעבן אַז מאָרגן וויל ער מיר פאַרשאַפן אַ באַזונדער גייסטיק פאַר-געניגן: ער וועט מיך באַקענען מיטן פּאַסטאָר פון דער

קאָלאָניע מיט וועלכן ער איז ברידערליך באַפריינדעט.

ביים אָפענעם פענצטער קענען די מינוטענדע פייערלעך אויפן כרמל בין איך גיך איינגעשלאָפן, נאָר די גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט שרעקלעכע חלומות וועגן וועגעטאַרישע מיטאָקן אָן זאַלץ און ברידערליכע דיסקוסיעס איבער פעלקער-פּראָבלעמען צווישן אַן אַלטן יידישן דאָקטאָר און אַ יונגן דייטשישן פּאַסטאָר, וועלכער איז געווען זייער טאַקטיש און גוט ערצויגן. ער האָט מיט אַ פיינעם שמייכל געלויבט דאָס יידישע פאָלק און דער אַלטיטשקער האָט נישט אויפגעהערט צו אַנטציקן זיך מיט די דייטשן.

אין דער פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קאַלטן שווייס אויפן שטערן און אינגאַנצן אַ צעביסענער פון מאָסקיטן. ביים בלויען מאָרגן-שיין האָב איך ערשט באַמערקט דעם ווייכ-טיולענעם פאָרהאַנג איבער מיין בעט, מיט וועלכן די אַלטע גוטע דאָקטאָרין האָט מיך מוטערליך פאַרזאָרגט נאָך בייטאָג, ווען איך בין מיט איר מאַן געגאַנגען שפּאַצירן.

זי איז מלא-חן, די דאָזיקע אַלט-יידישע ווינערין. תּמיד איז זי אָנגעטון אין ווייסן און זילבער-ווייס איז איר אויך דער גלאַט-פאַרקעמטער קאָפּ מיטן ברייטן שרינט אין דער מיט. היינט פרי, ווען איך האָב זיך שטילערהייט אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ צו גיין אין שפּיטאָל אַריין געוויר ווערן דוב׳ן האָט זיך אויפן 2-טן שטאָק געעפנט דאָס טירל פון קיך און די אַלטיטשקע איז אַרויסגעשפּרונגען מיר אַנטקעגן מיטן קריגל געווייסטע קאַווע אין דער האַנט. איך האָב איר געמוזט צוליב טון און אויסטרינקען עס ביזן דעק דאָ אויף די טרעפּ. דערביי האָט זי געשטאַמלט אין דער שטיל, אַז איך דערמאָן איר דעם יונגסטן זון אירן, וועלכער וווינט אין פּאַריז. אינגאַנצן בין

איך ענליך אויף אים און נאָך שטילער האָט זי געבעטן איך זאָל אומבאַדינגט קומען צו מיטאָג. זי װעט זען, דער דאָקטאָר זאָל מיך אַזױ לאַנג נישט פאַרהאַלטן מיט זײַנע געשפּרעכן.

איך האָב איר באַדאַנקט פאַר אירע איידל-װײַבלעכע באַנעמונגען און צום מיטאָג, האָב איך געטראַכט, װעל איך זיכער קומען. נאָר צי װעט זי מיך פאַרהיטן פון די ערנסטע נאָכמיטאָג-געשפּרעכן?

אָבער יאָ. זי האָט געהאַלטן װאָרט און די שװערע מינוטן בין איך שוין איבערגעקומען. גלײַך נאָכן עסן האָט זי דעם מאַן זײַער ערנסט אַװעקגערופן אין קיך אַרײַן, ער זאָל איבערקוקן די פּערסיקעס, װאָס זי דאַרף צושטעלן קאָכן, און איך בין דערװײַל אַנטלאָפן אין מײַן אױבער-שטיבל, שרײַבן דיר דעם בריף.

דוב׳ן האָב איך אין דער פרי נישט געזען, װײַל ער האָט געהאַט זײַער אַ שלעכטע נאַכט און אין פרימאָרגן איז ער אַביסל אײַנגעשלאָפן. נאָר פאַרנאַכט װעל איך װידער גײן צו אים און דערװײַל בין איך גליקליך, װאָס קײנער שטערט מיר נישט אַביסל צו רעדן מיט דיר.

נאָר איך מוז פאַרענדיקן, חבר׳טע טײַערע. מײַן בעל-הבית קלאַפּט מיטן שטעקן איבער די טרעפּ. און ער איז נישט אַלײן. נאָך עמיצער גײט מיט אים אַהער. אָ, ס׳איז דאַכט זיך צפורה׳ס קול! װאָס טוט זי דאָ אַזױ גיך? זיך שוין, אודאי, פאַרבענקט נאָך דוב׳ן.

שרײַב, מײַן ליבע.

ד ײ ן ג אַ ל י צ י אַ נ ע ר.

ז

מיין ליב און קלוג מיידל!

אַ גרוס דיר פון דוב'ן. ער דאַנקט דיר פאַר דיין האַרציק בריוועלע. ער איז זייער קראַנק. די פיבער־קראַמפּן לאָזן אים איצט נישט אָפּ, יעדן טאָג טרייסלט אים. אויך זענען אים אַביסל אָנגעגריפן די לונגען און ביי זיין פּאַראַיידלטן און אָפּגעצערטן אָרגאַניזם איז ער פּשוט באַדראָט מיט לעבנס־געפאַר. צפּורה איז דאָ געזעסן נעבן אים צוויי טעג און איז אַוועקגעפאָרן, נאָר נעכטן איז זי ווידער געקומען אַהער. אויס־געוואַשן אים דאָס וועש, איבערגעניצעוועט זיין אויבער־העמדל, וואָס איז שוין געווען שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועט, און געקומען גאַנץ פרי מיט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס איז צופעליק פאַר־בייגעפאָרן פון זכרון.

דוב האָט זי דערזען אַריינגיין אין הויף פונעם שפּיטאָל מיטן בינטל אין האַנט, איז ער פאַר פרייד שיר נישט אַראָפּ־געשפּרונגען פונעם באַלקאָן. ס'האָט זיך אים נאָר געגלוסט, מיר זאָלן דאָ אויף דער טעראַסע אַלע דריי טאַנצן אַ „הוירא“. מיר האָבן אים קוים באַרויִקט און צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בעטל. צפּורה האָט אים צוגעקעמט די האָר מיט איר קעמעלע און אָנגעטאָן אים דאָס איבערגעניצעוועטע העמדל מיט אַ ניי שלייפל ביים האַלדז. דערנאָך האָבן מיר גענומען טראַכטן,

וואָס צו טון, זי זאָל דאָ קענען זיין נעבן אים, ווייל אַרומ־פאָרן אַזוי אַלע טאָג אַהין און צוריק איז דאָך נישט מעגליך און אָן איר ליגט ער גאַנצע טעג מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ גוסס׳ער.

האָבן מיר באַשטימט, זי זאָל דאָ אין חיפה זוכן אַרבעט און דערווייל האָט איר מיין בעל־הבית׳טע געגעבן ביי זיך אין קיך אַ ווינקל צום שלאָפן. נאָר נישט אומזיסט. צפורה האָט איר גלייך אויסגעוואַשן אַלע פענצטער און טירן פון שטוב און מאָרגן שטעלט זי זיך אַרבעטן ביי אירס אַ גרויס געוועש, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט פון דריי חדשים. אַזוי אַרום וועט זי שוין אויך האָבן אויף אַ פּאָר טעג גרייטע וועגעטאַ־רישע מיטאָגן, און צום פרישטיק — קאַווע מיט שמאַנט צוגלייך מיט מיר. דערנאָך וועלן מיר זען. אפשר וועט זיך איר מאַכן עפּעס אַרבעט אין אַ פריוואַט־הויז, זי זאָל קאָנען אַרבעטן בלויז אַ האַלבן טאָג און די איבעריקע צייט זיין נעבן דוב׳ן.

און איך בין נאָך דערווייל פריי, ווי אַ פויגל. צו די געשפּרעכן פון מיין בעל־הבית איבער די פּראָבלעמען פון יידנטום האָב איך זיך שוין צוגעוווינט אַביסל. איצט גייט עס שוין פון מיין זייט בלויז אויף קרעדיט. איך הער נאָר, וואָס ער רעדט און ענטפערן בין איך נישט מחויב. דערפאַר מוז איך מיט אים יעדן טאָג שפּאַנען באַרג־אַרויף אויסצוקוקן דעם כרמל אין זיין גאַנצער הערליכקייט און צוריקוועגס, באַגעגנענדיק דעם דייטשישן פּאַסטאָר פון דער קאָלאָניע, בין איך פאַרפליכטעט יעדעס מאָל אויסצוהערן פון אים די זעלבע גוטע מיינונג איבערן יידישן פאָלק.

נאָר צו וואָס, טייערע, קאָן זיך דען אַ מענטש נישט צוגעווינען?

ווייטער איז ביי מיר אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג. די אַלטע דאָקטאָרין איז נאָך אַלץ צו מיר אַזוי מוטערליך־גוט, ווי פריער. זי רעדט מיט מיר זייער אָפט וועגן תּכלית. איך ווייסט זי ווי שווער אַ יונגן מענטשן איז צו לעבן איינזאַם. זי שרייבט עס אַלע מאָל קיין פּאַריז צו איר יונגסטן זון. ער איז דאָרט זייער גוט איינגעאָרדנט אויף אַ פּאָסטן און קאָן שאַפן אַ גוטע היים פאַר ווייב און קינד, נאָר ער וויל זי נישט פאָלגן, ער וויל זיין פריי. אַזוי גייען אַוועק די יונגע יאָרן און אַז מען וועט זיך אַמאָל דערמאָנען חתונה האָבן, וועט זיין צו־שפּעט. אַ יונגע וועט זיין צו יונג און אַן עלטערע צו אַלט. נאָר היינטיקע יונגע לייט ווילן זיין פריי. עס איז מיט זיי גאָרנישט צו מאַכן.

מיין ליב מיידל, זאָלן מיר זיך אפשר באַציִיטנס עפּעס אָפּלערנען פון מיין בעל־הבית׳טעס לעבנס־פילאָזאָפיע. אָט אַזוי, פירנדיק אַ ראָמאַן אין בריף צווישן פּאַלעסטינע און עגיפּטן, קאָנען מיר זיך פאַמעלאַך דערוואַרטן, אַז די יונגע וועלן זיין צו יונג פאַר אונדז און די עלטערע — צו אַלט. יאָ, מיין ליבינקע, אַזוי קאָן עס מיט אונדז געשיין. האָסטו נישט מורא דערפאַר?

נאָר איך קאָן דיך טרייסטן, איך האָב זיך דאָ באַקענט מיט אַן אַלטן קאָלעגע, וועלכער האָט דאָ אין לאַנד געמאַכט אַלערליי עקספּערימענטן פון זייף־פאַבריצירונג אינם משך פון עטלעכע און צוואָנציק יאָר. האָט ער מיר זייער גוט אינפאָרמירט וועגן די היגע אינדוסטרי־מעגליכקייטן און גלייכצייטיק האָט ער מיר אויך אַרויסגעזאָגט זיין טרויעריקע מיינונג וועגן הייראַט. גאַנצע דרייסיק יאָר האָט ער פאַרוואַנדעט אויף שלום־בית און לסוף האָט ער זיך געמוזט גט׳ן מיטן ווייב אין דעם

טאָג פון זייער איינציקער טאָכטערס חתונה. נאָך דער חופּה, ווען דאָס יונגע פּאָר איז אָפּגעפאָרן קיין עגיפּטן אויף אַ לוסט-רייזע, איז ער מיטן ווייב אַוועק צום רבּ און זיך גע׳גט.

און פון דעמאָלט אָן איז ביי זיי אַזאַ גוט לעבן, וואָס זיי געדענקען עס נישט פון ערשטן יאָר נאָך דער חתונה. יעדן טאָג עסן זיי מיטאָג צוזאַמען, ווייל זי קאָכט פאַר זיך, האָט זי שוין אים אויך אין זינען און אין אָוונט קומט ער צו איר אַריין שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך אָדער זיי גייען ביידע אין קינאָ. די טאָכטער מיטן איידעם האָבן שוין וויפל מאָל געפּרוווט ווירקן אויף טאַטע-מאַמע, זיי זאָלן צוריק חתונה האָבן, נאָר ער מיטן ווייב לאָזן זיך נישט פאַרפירן. ווייטער וועלן זיי שוין אויף אַזעלכע קאָמבינאַציעס נישט גיין, פּשוט נמאס געוואָרן צו קריגן זיך אין משך פון דרייסיק יאָר און אויף דער עלטער ווילט זיך זיי ביידן האָבן אַביסל מנוחה.

אַזעלכע איז די לעבנס-פילאָזאָפיע פון מיין אַלטן קאָלעגע, וועלכער זוכט פאַר מיר אַרבעט דאָ אין חיפה און וואָרנט מיך אויף יעדן שריט איך זאָל נאָר נישט חתונה האָבן, דאַן וועט שוין אַלץ זיין אין אָרדנונג.

יאָ, טייערע. די וועלט האַלט זיך אויף פאַרשידענע מיי-נונגען. נאָר שאַפן זיך צוליב דעם אַ שלעכטע שטימונג איז נישט כּדאי. אויך מעג איך זיך ווייטער אַנטציקן מיט צפּורה׳ס גוטסקייט און טרייהייט צו דוב׳ן, פונקט ווי דו ערלויבסט זיך דאָס פאַרגעניגן צו פלירטירן פון אומעט מיט היימאַנען. בפרט, אַז ס׳איז דאָך אין דיין סטיל. אויפצוגעמען דאָס אמת׳ע ליבעס-וואָרט, זאָגסטו, איז דער מאָדערנער מענטש נישט פעיק. נאָר ביי אַ ביסל פלירט-שפּיל פילן מיר זיך דאָך איצט אַזוי לייכט און אַזוי גוט. קיינע איבערלעבונגען, קיינע פליכטן,

קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט. ממש אַ ווינער וואַלצער.

אַ שאָד נאָר, וואָס איך קאָן זיך דאָ נישט ווײַלן מיט צפורה׳ן. זי ווייסט דאָך אויך די חכמה פון מאַכן אַזעלכע אומשולדיקע חנד׳לעך, אַז דעם אַנדערן צד זאָל זיך פון זיי פאַרדרייען דער קאָפּ. נאָר זי איז, נעבעך, איצט זייער פאַר־אומערט איבער דוב׳ן. אין אָוונט בין איך געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן אויפן ברעג, ווו ס׳שפּילט מוזיק, זי זאָל זיך אַביסל פאַרגעסן. נאָר זי איז צו אַלץ גלייכגילטיק. זי פרעגט מיך דורכאויס, אויב ער איז אַזוי געפערליך, ווי איר דאַכט זיך עס. טייער, קליין מיידל, וואָס זאָל איך איר ענטפערן?

און פון זיך, מיין ליבע חבר׳טע, בין איך היינט נישט צופרידן. מיר דאַכט אַז איך האָב דיר היינט אַ צו שטרענגן בריף אָנגעשריבן און איך וואָלט דיר געוואָלט מיט עפּעס פאַר־גיטיקן. האָב איך זיך דערמאָנט אַ קלייניגקייט. אַלע מאָל טראַכט איך צושיקן דיר אַ מתנה, נאָר מיין השגה איז תּמיד אין דעם פּרט גרעסער פון מיינע מעגליכקייטן. נאָר איצט האָב איך זיך דערמאָנט וועגן אַן אַלט־געפלאָכטן קייטעלע פון טונקעלן גאָלד, וואָס מיין מאַמע האָט געטראָגן אויפן האַלדז שבת און יום־טוב. האָט זי פאַרן טויט אָנגעזאָגט דעם טאַטן, ער זאָל דאָס קייטעלע באַהאַלטן פאַר מיין כּלה. ליגט דאָס בלוי־סאַמעטענע שאַכטעלע מיטן קייטל שוין צוועלף יאָר אין מיין טאַטנס פאַרשלאָסענער ספרים־שראַנק, ווייל ער האָט מורא, מיין עלטערע שוועסטער זאָל עס ערגעץ דערזען און מאַכן זיך אַ היתּר אויף איר מאַמעס צירונג און דערביי פרעגט דער קליינשטעטלדיקער ייד פון גאַליציען ביז וואַנען וועט ער היטן מיין כּלה׳ס מתנה, ער איז דאָך אַן אַלטער מאַן. חברטע טייערע, אפשר וואָלסטו באַפרייט מיין אַלטן טאַטן

פון זיין גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט צו זיין אַ שומר חנם פון מיין כלה'ס ירושה-צירונג?

איך שרייב קיין גאַליציען מען זאָל עס מיר אָפּשיקן פאַר דיר.

צפורה גריסט דיר און דוב דאַנקט דיר נאָך אַמאָל פאַר דיינע האַרציקע גרוסן.

דיין גאַליציאַנער.

ח

שלעכט און ליב מיידל!

דיין לעצטער בריף האָט מיר געמאַכט זייער אַ גוטע שטימונג. ביסט מלא חן. וועסטו, הייסט עס, מיין מאַמעס מתנה נישט נעמען, ווייל צפורה האָט מער רעכט אויף מיין פאַרשטאָרבענער מאַמעס צירונג, ווי דו. אין צפורה׳ן בין איך, לויט דיין מיינונג, פאַרליבט איבער די אויערן און מיט דיר פיר איך זיך אַזוי אַ קלוג-חבר׳שן ספאָרט-ראָמאַן דורך דער פאָסט, וואָס גייט דורכן מדבר צווישן עגיפּטן און פּאַלעסטינע, ווייל ווען ס׳איז נישט קיין מאָדערנער ספאָרט-ראָמאַן, וואָלט איך זיך שוין לאַנג דורכגעפאָרן צו דיר קיין אַלעקסאַנדריע זיך זען מיט דיר און אויב איך טו דאָס נישט, ווייל איך בין פאַרנומען מיט צפורה׳ן, האָסטו דערפאַר צו מיר קיין טענות נישט. נאַטירליך, דאַרף איך טון אַזוי ווי ס׳הייסט מיר מיין געפיל, און דו נויטיקסט זיך אויך נישט אין קיין פאַרגיטיקונג.

אַ דאַנק דיר, מיין ליבע, פאַר דיין גרויסמוטיגקייט, נאָר ס׳איז פיין, ס׳איז הערליך. לסוף הער איך פון דיר אַן אויפריכטיק וואָרט פון אַ פרוי מיט לעבעדיקע חושים. ס׳רעדט אין דיר שטאַרק די גדלות פון דיין ליטווישן טאַטן, דעם קלוגן און וועלטליכן תורה-לערנער פון גראָדנע. האָסטו זיך פאַרפאַנצערט הינטער זיבן שלעסער. נאָר ס׳העלפט דיר נישט.

דאָס מיידל ברענט פון אייפערזוכט. גאָט צו דאַנקען, איך האָב שוין דערלעבט, אַז דו אייפערסט מיך צו עמיצן. נישט וויכטיק צו וועמען, מעג זיין צו צפורה׳ן און, ווי ביי יעדן אייפער־זיכטיקן מענטש, שפּילט ביי דיר שטאַרק די פאַנטאַזיע און ס׳שאַפן זיך ביי דיר פון גאָרנישט לעבעדיקע בילדער און געשעענישן.

נאָר ס׳געפעלט מיר. איך האָב אַלע מאָל געוווסט, אַז דאָס מיידל דיינס איז מיין צד און עס וועט קומען אַמאָל אַ טאָג, וואָס זי וועט זיך ביי דיר אַזוי צעבוגטעווען קעגן דיין קלוגן קאָפּ, אַז זי וועט אָנהויבן רעדן מיט אַ מיידלשן לשון לייכטזיניקע און פּוסטע רייד אויפן ווייבערשן שטייגער. און אָט איז ווירקליך די גוטע צייט געקומען. אונדזער קלוגער ספּאָרט־ראָמאַן איז געענדיקט. ווי באַלד צווישן אונדז איז שוין פאַראַן אייפערזוכט, מעג מען שוין אויך רעדן וועגן ליבע. ווי דו זעסט איז נאָך דער מאָדערנער מענטש ווייט נישט אַזוי פּוסט און שלעכט. אפילו אַזאַ איבערגעקלוגט פּאָרל, ווי איך מיט דיר, פאַרמאָגן נאָך אויך אַביסל נאַטירלעכקייט פון געפיל צו ליבן און זיין אייפערזיכטיק איינס אויף דאָס אַנדערע.

בלייבט עס אַזוי, מיין טייערע. איצט וועלן מיר מוזן אונדזער פּערזענליך לעבן גענויער אַביסל באַטראַכטן. מיר וועלן זיך דאַרפן אַן עצה האַלטן וועגן זער פּאָסט צווישן פּאַלעסטינע און עגיפּטן, וועלכע פירט דורכן מדבר אַזוי פּינקטליך אונדזערע בריף. עמיצער פון אונדז וועט איינגיכן אַליין מוזן אַריבערשפּאַנען דעם דאָזיקן מדבר און אויב דו וועסט עס דורכאויס פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל עס טון, וועל איך דיר פאָלגן. נאָר מיין אַלטער קאָלעגע, דער זייף־פאַברי־צירער, רעקאָמענדירט מיר אַ ביורא־פּאָסטן ביי זיין זון, וועלכער

איז אין חיפה אַן אָנגעזעענער אַרכיטעקטאָר. אויב איך וועל זיך קאָנען צופּאַסן צו אַזאַ מין אַרבעט, וועסטו אויפגעבן דיין העברעישע פּיאָנערן-אַרבעט אין די ספרדישע קהלה-שולן פון אַלעקסאַנדריע און דאַן וועסטו מוזן אַריבערשפּאַנען אונדזער אַלטן מדבר-סין.

צוליב מיר וועסטו דאָס טון, צוליב מיר אַליין, צוליב מיר וועסטו ווערן אַ בורזשואַזע דאַמע דאָ אין חיפה.

און וועגן צפורה׳ן זאָל דיר גאָט מוחל זיין דיינע זינדיקע געדאַנקען. זי איז אַזוי אומגליקליך. דוב איז האָפנונגסלאָז. זיין איידעלער אָרגאַניזם ווערט פאַרצערט פון שווינדזוכט מיט אַ משונה׳דיקער שנעלקייט, נאָר ווי אַלע שווינדזיכטיקע פון זיין עלטער, פילט ער נישט, אַז עס לויערט איבער אים דער טויט. ער איז פול מיט האָפנונג. ס׳דאַכט זיך אים אַלע טאָג, אַז ער ווערט שוין געזונט און ער קאָן שוין פאָרן אַהיים צוריק פיטערן זיינע ציגן אין די גרינע בערג פון שומרון.

און צפורה האַלט אונטער די דאָזיקע שטימונג זיינע. אַרטיסטיש ווייַלט זי אים מיט אויסגעטראַכטע מעשיות. זי זינגט אים נייע לידער. טאַנצט פאַר אים וואָלינער דאָרפישע טענץ און לייענט אים פאַר שפּאַנענדע ראָמאַנען. דערנאָך קומט זי פונם שפּיטאָל און פאַלט אַנידער אַ טויט-בלאַסע אויפן אייזנעם בעטל ביי מיין בעל-הבית׳טע אין קיך. די אַלטע נאָבעלע דאָקטאָרין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר אַרבעט און זי גיט איר דאָס צימער צו וווינען אומזיסט. נאָר צפורה קומט בלויז נעכטיקן, ווייל דעם גאַנצן טאָג געפינט זי זיך אין שפּיטאָל. פאַרן עסן העלפט זי דאָרט צו דער דינערשאַפט ביי דער אַרבעט.

נעכטן האָט זי איבערגעלעבט אַן אויסטערליש-ביטערן

טאָג. ס׳האָט זיך אויסגעגעבן זייער אַ זוניקער פרימאָרגן. די לופט איז געווען פריש און איבערן ים האָט געשימערט אַ בלוי־גאָלדענע ליכטיקייט. האָט זיך דוב פּאַרקוקט פון דער טעראַסע אויף די לויטערע ווייטקייטן אונטער די הימלען און איז מיט אַמאָל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט אַ דערפרייטער, ווי אַ גרויס גליק וואָלט אים געטראָפן.

– צפורה! – האָט ער געשריגן מיט אַלע זיינע כחות.

און אַז זי איז צו אים אַרויסגעלאָפן פון קאָרידאָר אַ דערשראָקענע מיט דער באַרשט אין די הענט אין מיטן דער אַרבעט פון רוימען די צימערן, איז ער צו איר צוגעפאַלן מיט אַ געבעט:

– צפורה׳לע טייערע, קום איצט צום רב שטעלן אַ חופה.

– דוקא איצט? – האָט זי געפרעגט מיט אַ שמייכל אויף איר שטייגער.

– יאָ, יאָ איצט, מיידעלע מיינס. חתונה האָבן דאַרף מען נאָר אין אַזאַ זוניקן פרימאָרגן. צפורה׳לע, אַ חופה שטעלן און מאַרש צוריק אַהיים קיין שומרון. פון דער סטאַדע ווערט דאָרט אַ תל.

און שוין רייסט ער ביי איר אַוועק די באַרשט פון די הענט. דערנאָך הויבט ער אָן זוכן איר סוועטער מיטן טיכל פונם קאָפּ. ער מיינט עס ערנסט, זי זאָל גלייך אין דער מינוט גיין מיט אים שטעלן אַ חופה. דערביי בעט ער איר קליין שפּיגעלע פונם רידיקול. ער וויל זיך אָנקוקן. די האָר זענען, דאַכט זיך, ביי אים אַביסל צעשויבערט. ווייטער איז אַלץ אין אָרדנונג. קוים האָט זי אים באַרויקט מיט דעם גרויזאַמען פאַקט וואָס ביים רב שטעלן אַ חופה דאָ אין שטאָט דאַרף קאָסטן אַ גאַנצער פונט שטערלינג און אין דער רגע איז אים

נישט געווען ווו צו נעמען. נאָר זי האָט אים געמוזט געבן איר ערן-וואָרט אַז אין די נאָנטסטע טעג וועט זי זען באַקומען ערגעץ געלט און ווען עס וועט אויספאַלן נאָך אַזאַ ליכטיק-זוניקער פרימאָרגן, וועט זי מיט אים גיין צום רב שטעלן אַ חופּה.

שפּעטער, ווען איך בין געקומען אים געוויר ווערן, האָט ער מיר עס אָנפערטרויט מיט גרויס באַגייסטערונג. דערביי האָבן אים געפלאַמט די באַקן און אינגאַנצן האָט ער געפּיבערט אין אַ גליקלעכער יום-טוב-איבערלעבונג. ביי דער זייט איז אויך געשטאַנען די שמייכלענדע צפּורה. זי האָט עס מיר באַשטעטיקט אויף זיין גליקליך-פאַרטרויליכן שטייגער און מיר איז אויסגעקומען נאָר צו געבן זיי ביידן מיין ברכה. אַלע דריי האָבן מיר זיך צעקושט און איך האָב געמוזט צוזאָגן דוב'ן, אַז איך וועל זען שאַפן דעם פונט, וואָס עס דאַרף קאָסטן ביים רב די חופּה. דאָס ערשטע מאָל האָט אים באַנג געטון, וואָס ער האָט ווען עס איז נישט געלאָזט זיך איבעררעדן דורך זיינע בורזשואַזע טאַטע-מאַמע צו נעמען ביי זיי כאָטש אַביסל טאַשן-געלט.

אין אָוונט, ווען צפּורה איז געקומען אַהיים, האָבן מיר לאַנג גערעדט דערפון. זי ווייסט שוין, אַז ער שטאַרבט, און שטעל דיר פאָר — זי בעט מיך אויך אַז דאָס געלט זאָל זיין גרייט. ווען עס וועט אויספאַלן אַ שיינער פרימאָרגן און ער וועט ווידער בעטן, זי זאָל מיט אים גיין שטעלן אַ חופּה, זאָגט זי, אַז זי וועט עס אים צוליב טון, ער זאָל האָבן די אילוזיע פון גליק אין די לעצטע עטליכע טעג פון זיין לעבן.

מיידל טייערע, וואָס וועסטו זאָגן דערויף? מען מוז זיך דאָך וואונדערן צו אונדזערע קדמונים. אַ דור גייט אַוועק, אַ דור

קומט און די וועלט מיט די פריידן און ליידן פונם מענטש זענען אייביק. פון שעקספירס צייטן ביז היינטיקן טאָג האָט זיך גאָר נישט געענדערט. דאָס אַלט-פאַרליבטע פּאָרל ראָמעאָ און יוליאַ שפּאַנען איבער דורות און צייטן און נישטאָ דער בייזער גייסט, וואָס זאָל זיי קאָנען צושיידן. אפילו דאָס וועריעמדיק-צעפרעסענע הפקרות פון אונדזערע טעג האָט אויף זיי קיין שליטה נישט.

און איצט באַרויק זיך. צפורה׳ן האָב איך ליב פאַר איר גוטסקייט און מסירת-נפש. איצט רידט מיך דער טרויעריקער גורל אירער און, אַחוץ מיר, האָט זי דאָ נישט קיין איין נאָנטן מענטשן. נאַטירליך, בין איך איר אַ חבר און אַ פריינט צוגלייך מיט דוב׳ן.

נעכטן בין איך ביי איר איבערגעזעסן די נאַכט. פון גרויס אָנשטרענגונג און צער האָט זי באַקומען שטאַרקע קאָפּ-שמערצן און אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך זי נישט געקאָנט איבערלאָזן אַליין אין קיך אויפן אונטערשטן שטאָק. נאָר אין דער פרי האָט זי זיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער און איז אַ שמייכלענדע אַוועק אין שפּיטאָל אַריין. אַ וווּנדערבאַר מיידל!

איך פאַרענדיק, טייערע. ס׳איז באַלד מיטאָג-צייט. מען דאַרף גיין געוווּיר ווערן דוב׳ן. מיין מאַמעס קייטעלע געהער דיר. דו ביסט די איינציקע, וואָס האָט דערויף דאָס רעכט איך וועל עס דיר אָפּשיקן מיט דער ערשטער פּאָסט. דוב דאַנקט דיר פאַר דיינע גרוסן.

דיין גאַליציאַנער.

ט

מיין ליב מיידל!

קאָנסט מיר אָפּגעבן מזל-טוב. איך אַרבעט ביי מיין קאָלעגעס זון אין ביוראָ שוין צוויי טעג און מען האָט נאָך מיך נישט אַראָפּגעזעצט פונעם פּאָסטן. מיין בעל-הבית איז אַן אָנגעזעענער אַרכיטעקטאָר אין שטאָט און ער האָט אַ גרויסע קליענטעלע צווישן יידן און אַראַבער. נאָר דער פּאָטער זיינער זאָגט אויף אים, אַז זיין קאַריערע האָט ער געמאַכט בלויז מיט אַ קליין ביסעלע ערליכקייט. דאָס דאָזיקע אַרטיקל, זאָגט ער, איז היינט געוואָרן אַ יקר-המציאות, אַז מען קאָן דערפון האָבן גאַנץ שיין פּרנסה.

ער איז אַ שטיקל וויצלינג, דער אַלטער קאָלעגע מיינער. איך האָב דיר שוין געשריבן פון אים. ס'איז דערזעלבער, וואָס האָט זיך צוליב שלום-בית אויף דער עלטער גע'גט מיטן ווייב פונקט אין דעם טאָג, ווען זיי האָבן חתונה געמאַכט די בת-יחידה זייערע. איצט פאַרבעט ער מיך יעדן אָוונט אויף טיי צו דעם גע'גט'ן ווייב זיינעם און, זיצנדיק מיט איר נעבן דעם ווייס-געגרייטן טיש, פּאַלט ער אַריין אין אַזאַ גוטער שטימונג, אַז ער הויבט אָן שיטן מיט וויצן, ווי פון אַ זאַק, און דאָס איז פּונקט אַזאַ אָפּקומעניש, ווי די דיסקוסיעס איבער יידישע

פּראָבלעמען, וואָס דער אַלטיטשקער ווינער דאָקטאָר איז מיך מכבד נאָך זיינע וועגעטאַרישע מיטאָגן, וועלכע ער קאָכט פאַר זיך און אויך פאַר מיר, זיין אומזיסטן שכן פון דעם אויבער־שטיבל.

נאָר איך האַלט זיך אָנשטענדיק, ווייל צוויי רייכע שותפים צו דער זייף־פאַבריצירונג האָב איך שוין פאַרשפּילט דורך מיינע שטאָלץ־פּראָלעטאַרישע פּרינציפּן. וויפל טאַקע איז דער שיעור צו זיין אַ בטלן? נאָר מיר וועלן שוין זען. אומ־באַדינקט וועסטו צוליב מיר ווערן אַ בורזשואַזע דאַמע דאָ אין חיפה. אויפן הדר־הכרמל וועלן מיר זיך אויסמויערן אַ ווייס־געטאָקט שטיבל מיט ציפּרעס־בוימער אונטער די פענצטער און בלומען־בייטלעך פאַר דער טיר; אין שטוב וועסטו טראָגן בונט־פאַרביקע קימאָנאָ־קליידער און אין גאַס וועט דיר דאָס אַראַבישע דינסט מיידל נאָכטראָגן דאָס קוישל פון מאַרק. אַפּלעבנדיק אַזוי אַ פּאָר יאָר, וועסטו באַקומען אַ ווייס גוידערל מיט אַ ווייך פעלדל אונטערן גאָמבעלע, און איך — אַ פעט־רויטן קאַרק.

חבר׳טע טייערע, געפעלט דיר עפּעס אַזאַ מין אידיליע? אָדער שוין גלייכער זיך איינפונדעווען צוריק אין אונדזער קבצניש ווינקעלע פון שומרון, וווּ מען עסט טאָמאַטן מיט ברויט וואָך און שבת און מען פאַרהאָרעוועט מיטן שווייס ספּעציעלע גערעכטיקייט פאַר יידן און פאַר דער וועלט. וועגן דעם, מיין ליבע, דאַרפן מיר זיך נאָך גוט מישב זיין, נאָר דערווייל וועלן מיר זיך טרייסטן מיט דעם געדאַנק, אַז מיר זענען פריי צו טון, וואָס אונדז געפעלט און ביז וואַנען די לונגען וייסן נאָך נישט פון קיין שווינדזוכט־באַצילן, איז דאָס לעבן בכלל אַ גאַנץ גוטע זאַך.

און דוב האָט זיך מיטן שווינדזוכט אויך געגעבן אַן עצה. גאָר פּשוט: ער באַמערקט עס נישט, ווי ס'וואָלט צו אים גאָר קיין שייכות נישט געהאַט. די וועלט זעט אים אויס צו זיין אַ גן־עדן, און ליב איז זי אים, ווי דאָס מיידל, וואָס ער האָט נעכטן מיט איר חתונה־געהאַט. אַזוי לאַנג האָט ער גע־בעטן ביז צפּורה האָט אים צוליב געטון.

עטליכע טעג איז געלעגן ביי מיר דער פּונט שטערלינג, וואָס איך האָב צוליב דעם צוועק געליצן ביים אַלטן כעמיקער. איך האָב ביז דער לעצטער מינוט נישט געגלויבט, אַז דאָס קאָן געשען, ווייל די כחות פאַרלאָזן אים פון טאָג צו טאָג. ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו עסן. דאָס פּנים איז אים געל געוואָרן, ווי ביי אַ מת. נאָר אין די אויגן גליט נאָך ביי אים אַ פייערל פון צייט צו צייט. דאַן גיט ער זיך אַ ריס פון בעט מיט אימפּעט פון אַ געזונטן מענטשן און הויבט אָן בעטן, מען זאָל אים אָפּלאָזן אַהיים קיין שומרון. אין דער סטאַדע זענען דאָרט פיר ציגעלעך פאַר דער צייט געבוירן. די באַנאַנעס פאַר דער טיר זענען שוין אודאי אויסגעוואַקסן אין אַ מענטש די הויך און די טרוסקאַווקעס, וואָס צפּורה האָט דאָס ערשטע מאָל פאַרזייט אויף פּרווו, שרייבט טובה, אַז זיי וואַקסן אויף חדושים. ער וויל עס כאָטש אָנקוקן. נאָר, ווען דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער טאָר זיך איצט נישט רירן פון דאַנען, האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן מיט צפּורה'ן וועגן שטעלן אַ חופּה. און נעכטן, ווען עס איז אויסגעפאַלן אַ ליכטיקער זונען־טאָג, האָט עס געמוזט געשען.

מיטאָג־צייט איז געקומען צו לויפן צפּורה צו מיר אין ביוראָ און שמייכלענדיק אויף איר שטייגער, האָט זי געשלונגען

טרערן און געבעטן דעם פונט שטערלינג, דוב פּיבערט אַ גאַנצן טאָג אין אַזאַ אויפֿרעגונג, אַז זי מוז עס אים צוליב טון. זי וועט רופֿן דעם רב אין שפּיטאָל אַרײַן. זאָל ער געבן חופּה־קדושין, וועט ער זיך באַרויִקן. די שוועסטערן פֿון שפּיטאָל האָבן איר אַן עצה געגעבן, זי זאָל צוטראַכטן עפּעס אַ תּירוץ, אַז מען רופֿט זי דרינגענד אַרויס אַהיים קײן שומרון און זאָל זי אַוועקפֿאָרן אויף עטליכע טעג. נאָר אַן אכזר׳טע וואָלט זי געדאַרפֿט זײַן, זי זאָל עס טון. איר לעבן וואָלט זי אַוועקגעגעבן צו פֿאַרגרינגערן אים זײַנע לעצטע מינוטן.

איך האָב, נאַטירלעך, אײַנגעשטימט צו געבן דאָס געלט. זי האָב איך מיט דער רגע אָפּגעשיקט צוריק אין שפּיטאָל אַרײַן, זי זאָל באַרויִקן דוב׳ן, און אַלײן בין איך אַוועק צום רב. דאָרט האָט מען זיך בײַ מיר פֿונאַנדערגעפֿרעגט נאָך וואָס מען דאַרף עס אין אַזאַ אײַלעניש מיט אַ געפֿערליכן חולה שטעלן אַ חופּה, נאָר, אַז איך האָב פֿאַרטרויליך געענטפֿערט, אַז מען מוז אַזוי טון — האָט דער רב מער גאָרנישט געפֿרעגט און זיך געהײסן ברענגען אַ פֿורל. דערבײַ האָט ער מיר צוגעזאָגט צו מאַכן עס וואָס שנעלער. ער האָט אויך נישט פֿאַרגעסן מיטצונעמען אין אַ פֿלאַש אַ ביסל ווײַן און אַ זילבערן רינגל.

ווען מיר זענען געקומען אין שפּיטאָל אַרײַן, זענען שוין חתן־כּלה געווען גרייט. צפּורה האָט אָנגעטון איר ווײַס באַטיסטענע בלוזע מיט איר גראַנאַט־געקאַרבטן קלײדל און דוב איז געזעסן אין וויג־שטול אַ צוגעקעמטער, מיט אַ ווײַס טיכעלע אויף די קניען. אַרום זענען געשטאַנען די נײַגעריקע שוועסטערן און אײניקע פֿון די אַרומגײענדע חולאים. אַלע שווײַגנדיקע און פֿאַרגאַפֿטע פֿונם אויסטערלישן געשעעניש.

נאָר דער רב האָט זיך צוגעאײַלט. זיין שמש האָט שנעל אָנגעשריבן די כתובה, חתן־כלה האָבן זיך אונטערגעשריבן און ער האָט מסדר קדושין געווען. און שוין איז אַלץ געווען פאַר־ענדיקט. מיט דער רגע האָב איך אַרויסבאַגלייט דעם רב מיטן שמש און אַרויסגעבעטן דעם נייגעריקן עולם פון צימער. דער־נאָך האָב איך איבערגעלעבט די פיינלעכסטע מינוטן אין מיין לעבן. ביידע, איך און צפורה, האָבן מיר געדאַרפט אונטער־האַלטן דוב׳ס געהויבענע שטימונג. אים האָט זיך גאָר געוואָלט, אַז אַלע דריי זאָלן מיר טאַנצן אַ „הוירא״. אויך האָט זי אים געמוזט צוזאָגן, אַז נאָך היינט וועלן זיי ביידע אָנשרייבן וועגן זייער חתונה צו זיינע טאַטע־מאַמע קיין וואַלין. אַ שווערער בלוט־שטורץ האָט איבערגעהאַקט זיין באַגייסטערט גערעדעריי און ער איז געפאַלן צפורה׳ן אין די אָרעמס.

איך האָב גלייך צאַלאַרמירט די וואַרטע־שוועסטער, זי זאָל אים געבן שנעלע הילף און אַליין בין איך אַוועק אין ביוראָ. נאָר ווען איך בין פאַרנאַכט ווידער אַמאָל געקומען אין שפּיטאָל אַריין איז צפורה געזעסן אין דערזעלבער פּאָזע, האַלטנדיק דוב׳ס צוגעקעמטן קאָפּ ביי זיך אויף די קניען. זי איז נאָך אַלץ געווען אויסגעצירט אין איר ווייס־באַטיסטענער בלוזע מיטן געקאַרבטן גראַנאַט־קליידל, וואָס זי פלעגט אָנטון תמיד, ווען זי איז געפאָרן אין שטאָט אַריין. דוב׳ן האָט דער דאָקטאָר שטרענג פאַרבאָטן צו רעדן. איז ער געלעגן אַ שטילער מיט טויט־פאַרשלאָסענע ליפּן און האָט זיך איינגעהערט די דער־ציילונג, וואָס צפורה האָט אים פאָרגעלייענט.

זי האָט דורכאויס געוואָלט בלייבן דאָ נעכטיקן, נאָר דאָס האָב איך פאַר קיין אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, ווייל זי איז שוין געווען אַזוי ערשעפּט פונם אומגליקלעך איבערגעלעבטן

טאָג, אַז זי האָט געמוזט רוען אַביסל כאָטש ביינאַכט און זי האָט מיך געפּאָלגט. מיר זענען געזעסן נעבן איר ביז עלף אַזייגער. דאַן, אַז ער האָט אַביסל איינגעדרימלט, זענען מיר ביידע אַוועק אַהיים. נאָר ארויסגייענדיק פון שפּיטאָל אין גאַס אַריין, האָט זיך דאָס מיידל אַזוי צעוויינט, אַז איך האָב זי דעם גאַנצן וועג נישט געקאָנט איינשטילן. איך האָב איר געמאַכט טיי און אַראָפּגעטראָגן אָוונט-ברויט, צוגעלייגט איר אַ קאָמפּרעס צום קאָפּ און זי האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן. אַלע רגע איז זי אויפגעשפּרונגען פונם בעט און האָט זיך גענומען אָנטון אינמיטן דער נאַכט צו גיין אין שפּיטאָל אַריין; אַ צעפלאַמטע און אַן אויפגערעגטע, האָט זי געשטאַמלט:

— לאָז מיך גיין! קום מיט מיר! קום! ער גוסס׳ט דאָרט... איינער אַליין, אַלע שלאָפן... היינט אין זיין לעצטע נאַכט... די לעצטע מינוטן... ער רופט מיך?... ער וויל זיך מיט מיר געזעגנען... קום! קום מיט מיר!...

נאָר איך האָב זי מיט געוואַלד אַריינגעלייגט צוריק אין בעט אַריין און אַליין האָב איך מיר גענומען עפּעס לייענען. אַזוי בין איך געזעסן ביז דריי אַזייגער. צפּורה האָט נישט געשלאָפן. זי איז געלעגן מיט אויפגעריסענע צעברענטע אויגן און האָט געקוקט אויף דער סטעליע, אַ שווייגנדיקע און אַ פאַרשטאַרטע פון צער. אַזוי האָב איך זי איבערגעלאָזט און בין אַוועק צו זיך. נאָר גייענדיק אויף די טרעפּ האָב איך דערהערט, אַז זי וויינט, בין איך אַראָפּגעלאָפן צוריק און האָב זי אויף די הענט אַרויפגעטראָגן אין מיין אויבערשטיבל. דאָ האָב איך זי אַוועקגעזעצט נעבן דעם אָפענעם פענצטער און אַליין האָב איך זיך אויף מיין אויסגעשפּרייטער קאָלדרע צוגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע.

אַזױ האָב איך אײנגעדרימלט מיטן פאַרלאָשענעם ציגאַר צװישן די פינגער, און אַז איך האָב זיך אױפגעכאַפּט איז שוין געװען שפּעטער פרימאָרגן. דער כּרמל האָט געשטראַלט אין זונען-שײַן און צפּורה איז שוין אין צימער נישט געװען. איך בין װי פײַל אױסן בױגן, אַװעק אין שפּיטאָל אַרײַן, געװויר װערן דוב׳ן. נאָר אין מיטן װעג האָב איך באַגעגנט צפּורה׳ן גײן צוריק אַ שמײכלענדע און אַ צאַרטע, װי תּמיד. דוב האָט דוקא די נאַכט נישט שלעכט געשלאָפן נאָר ער איז אַזױ שװאַך, אַז ער רעדט קוים, און זי גײט איצט אַ הײם צו-לײגן זיך אַביסל אָפּרוען, װײַל זי האַלט זיך קוים אױף די פיס. ממש אַ העלדן, אין שפּיטאָל שטױנען אַלע איבער איר.

מײַן ליב מײדל! פאַרװאָס איז דײַן לעצטער בריף אַזױ קורץ? שוין צײַט מיר זאָלן זיך זען. איך בין אַזױ פאַרבענקט נאָך דיר די לעצטע צײַט! עס בענקט זיך, מײַן ליבע, נאָך אַ קלײן ביסעלע פרײד. אָ, װען דו קאָנסט איצט קומען צו מיר! דוב דאַנקט דיר פאַר דײַנע בריװעלעך, זײ מאַכן אים אַלע מאָל אַ גוטע שטימונג. אָרעם ײנגל! ער צאַנקט װי אַ ליכט.

דײַן גאַליציאַנער

י

מיין ליב גאָלדן מיידל!

דיין בריף איז געשריבן זייער מענטשליך און דיין באַציונג צו צפורה׳ן איז רירנד. איך וועל איר, נאַטירליך, בײהילפיק זיין מיט וואָס איך וועל קאָנען, פאַרשפּאָרסט מיך צו בעטן וועגן דעם, זי איז איצט נעבעך אַזוי דערשלאָגן און אַזוי אומגליקליך!

דוב איז געשטאָרבן דעם דריטן טאָג נאָך דער חופּה. ווידער אַמאָל האָט ער געהאַט אַ בלוט-שטורץ און דערנאָך איז ער שוין פונם בעטל נישט אויפגעשטאַנען. פאַרצערט געוואָרן און אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. נאָר גערעדט האָט ער ביז דער לעצטער מינוט, נישט ווייסנדיק, אַז זיין סוף איז נאָנט. ביז דער לעצטער מינוט האָט אים צפורה געלייענט עפּעס אַ שפּאַנענדן ראָמאַן. דערביי האָט זי אים געווישט פון שטערן דעם קאַלטן שווייס, ביז ער האָט זיך אויסגעצויגן און איז שטיל געוואָרן...

אַ העל-זוניקער טאָג געווען, ווי ער האָט ליב געהאַט. איך האָב אים צוגעמאַכט די אויגן און אויסגעגלייכט די הענט און פיס, און צפורה האָט אים צוגעקעמט דעם קאָפּ מיט איר ברוין קעמעלע פון די האָר. דערנאָך האָט זי לאַנג געקושט

זיין יונג-פאַרענדערט פּנים. איך האָב זי קוים אַוועקגעריסן פונם בעטל, ווען די דינערשאַפט האָט זיך גענומען אַראָפּטראָגן עס אונטן, אַ געחלש'טע, האָב איך זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די שוועסטערן און אַליין בין איך אַוועק איינאָרדענען די לויה.

נאָר מען האָט עס געמאַכט גיך. איך האָב טעלעפאָנירט צו מיין בעל-הבית, האָט ער מיר גלייך צוגעשיקט אַ ביסל געלט און ס'איז שוין אַלץ געווען אין אָרדנונג. פון בית-עולם האָב איך צפורה'ן געבראַכט אויף אַ פורל אַהיים, אַ רויט דערהיצטע פון אויפרעגונג און טרערן. איך האָב זי גלייך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און ווידער בין איך איבער-געזעסן נעבן איר אַ נאַכט. פיבערנדיק אין היץ און אין קעלט, האָט זי געריידט וועגן דוב'ן, ווי ער וואָלט נאָך פאַר איר אַ לעבעדיקער געווען, און אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך זי נישט געקאָנט איבערלאָזן אַליין אין צימער.

ערשט פאַרטאָג האָט זי זיך אַביסל באַרויקט. איך האָב זי איינגעדעקט מיט מיין וואַרעמען פּאַלטאָ און בין אַרויף צו זיך אינם אויבער-שטיבל. נאָר איך האָב שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן. די נאַכט האָט זיך אויסגעבלייכט, אויפן פרמל האָבן זיך אויסגעלאָשן די לאַמטערנעס און דער העל-בלויער באַגינען האָט מיר געררייצט מיינע נערוון. איך האָב זיך אַרויס-געריסן פון מיינע אונרויקע געדאַנקען, וואָס האָבן מיך באַהערשט און איך בין אַוועק בעל-הבית'עווען ביי זיך אין צימער, וועל-כער איז געווען זייער פאַרלאָזט פאַר די לעצטע פאָר וואָכן, וואָס דוב האָט גע'גוסס'ט אין שפּיטאָל. אין דער מינוט האָב איך באַשלאָסן אַז מען דאַרף דאָס לעבן נישט נעמען אַזוי ערנסט, ווייל אַלע אַרום מיר און איך אַליין אויך זענען מיר

בלויז צופעליגקייטן און איך האָב דערויף אַזוי פיל צו שאַפן וויפל דער לעבנס-פאַרליבטער דוב האָט געהאַט צו שאַפן אויף זיין שווינדזוכט, וועלכע האָט אים צו פיר און צוואַנציק יאָר געטריבן אין קבר אַריין.

און ס'האָט מיך מיט אַמאָל באַהערשט אַ ווילדער אימפעט צו אַרבעטן, האָב איך אויסגעהאָנגען אויפן באַלקאָן לופטערן דאָס בעטגעוואַנט, אויסגעפוצט דעם אַנצוג, איבערגעקוקט דאָס וועש, אויב ס'איז גאַנץ, און געמאַכט אָרדנונג אין אַלע מיינע פאַפירן. אַזוי האָב איך זיך געַרעש'ט נעבן מיין בעל-הבתיש'קייט אַ גוטע פאָר שעה. די זון איז אויפגעגאַנגען און העט אונטן האָט דאָס דייטשישע קאָלאָניע-געסל אָנגעהויבן צו באַוועגן זיך. מיט האַנט-וועגעלעך האָט מען געפירט ברויט און זעמל אין די געוועלבער און אַ הייזעריקע דייטשקע אין אַ ברייט-געשטרייפטן פאַרטוך מיט אַ שווערער קאַן אין דער האַנט, האָט געשריגן, אַז זי האָט מילך צו פאַרקויפן פאַר אַלע לייטישע שכנות פון גאַס. בין איך אויף די שפּיץ פינגער אַריין צו דער בעל-הבית'טע אין קיך, ווו צפורה איז געשלאָפן, און אַראָפּכאַפּנדיק דאָרט אַ קריגל פון דער וואַנט, האָב איך זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ פון די טרעפּ, קויפן מילך צפורה'ן אויף מיטאָג, ווייל איך בין נאָך אַלץ אַ וועגעטאַריער-גאַסט ביי מיין בעל-הבית און פאַר איר האָט מען דאָך געמוזט עפּעס אָנגרייטן. האָב איך אין געוועלבל ביי דער שטוב געקויפט גרויפּן אויף אַ קאַשע, ברויט מיט גרינע אייַלבירטן און סאַלאַט.

נאָר אַז איך בין אַרויפגעקומען צוריק אין מיין אויבער-שטיבל, האָב איך דערזען, אַז מיין ספּירט-מאַשינקע שטייט ליידיק און ליידיק איז אויך דאָס ספּירט-פלעשל, בין איך

ווידער אַראָפּגעשפּרונגען אונטן, ווי אַ קליין יינגל, און אַז איך האָב אַרויפגעבראַכט דעם ספּירט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז צום סאַלאַט דאַרף מען האָבן אַביסל בוימאייל, אויך דאַרף מען זאַלץ דערצו. בין איך צום דריטן מאָל אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן, פאַרגעסנדיק, אַז מיין אויבער-שטיבל געפינט זיך אויפן פערטן שטאָק, דערנאָך ערשט האָב איך זיך גענומען ראַזירן, אָנטון און פרישטיקן. נאָר שטעל זיך פאָר, אַז איך בין געקומען אין ביוראָ און איך האָב אַ קוק געטין אויף זיך אין שפּיגל, איז מיר געוואָרן אַזוי נישט היימליך פון מיין אָפּגע-פרישט יום-טוב'דיקן אויסזען אַז איך האָב אַליין געוואָלט זיך אָנברעכן די ביינער.

חבר'טע טייערע, דער מענטש איז זייער אַ געמיין באַ-שעפעניש. דאָך האָב איך זיך מיט דעם נישט געקאָנט טרייסטן. מיין ראַזירט צופרידן פּנים מיט דעם אָפּגעפרישטן אַנצוג, וועלכן איך האָב גוט באַשפּריצט מיט אָדעקאָלאָן, האָט מיר נאָך אַלץ געשטאָכן אין די אויגן אַריין. באַרויקט האָב איך זיך ערשט מיטאָג-צייט, ווען איך בין געקומען אַ היים און האָב געטראָפן צפּורה'ן ליגן אין בעט אַ פאַרשמאַכטע מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און אויסגעוויינטע אויגן. יאָ, אויף דוב'ס אונטערגעהאַקט יונגן לעבן איז נאָך פאַראַן ווער עס זאָל וויינען! ער האָט איבערגעלאָזט אַ געליבטע פרוי, וועלכע האָט מיט אים דריי טאָג פאַרן טויט אַ חופּה געשטעלט, און נישט יעדן פאַלט אויס אַזאַ גליקליכער גורל צו זיין געליבט פון אַזאַ צפּורה'ן. ניין, ער נויטיקט זיך נישט אין קיין טרער פון אַ חבר. גענוג פאַר אים דער שטילער צער פון צפּורה'ס אַלמנה'שאַפט.

זי האָט גאָרנישט געגעסן. אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעגרייט,

איז געלעגן אויפן טיש נישט גערירט. אַ קליינינקע און אַן אָפּגעצערטע, איז זי געלעגן אין בעט, ווי אַ בלאַס קליין מיידעלע. מיט צעברענטע און ווילד-ליידנדע בליקן האָט זי געקוקט צו דער סטעליע, נישט ענטפערנדיק מיר קיין וואָרט אויף אַלץ וואָס איך האָב איר געפרעגט. איך האָב באַשלאָסן לאָזן זי צורו און בין אַריין צום בעל-הבית עסן מיטאָג. דערנאָך בין איך אַוועק אין ביוראָ און ווען איך בין פאַרנאַכט געקומען אַהיים, האָב איך זי געטראָפן ליגן אַ פאַרשטאַרטע אין דערזעלבער פּאָזע. נעבן בעט אויף אַ בענקל איז געשטאַנען אַן אָפּגעקילט גלאָז קאַקאַאָ, וואָס די בעל-הבית'טע האָט איר דאָ אַריינגעטראָגן. דערביי איז אויך געלעגן אַן אָפן תּנכ"ל אין אַ דייטשישער איבערזעצונג. אויפגעמישט איז געווען די איוב-טראַגעדיע. דאָס האָט דער אַלטער דאָקטאָר דאָ אַוועקגעלייגט, צפּורה זאָל עס לעזן און געפינען פאַר זיך אַ טרייסט אין איוב'ס ליידן.

נאָר זי האָט דעם קאַקאַאָ נישט געטרונקען און האָט אויך נישט געוואָלט אָננעמען די טרייסט פון איוב'ס צרות. איך האָב זי קוים איינגעבעטן, זי זאָל עסן אַביסל מילכיקע זופּ, וואָס איך האָב פאַר איר אָפּגעקאָכט. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אַליין כאַפּן אַ שמועס מיטן אַלט-קלאָגנדיקן איוב. פאַרן רוימען דאָס צימער און פאַרפּומירן זיך דעם אַנצוג אין היינטיקן פרימאָרגן האָב איך מיר דאָך געמוזט זוכן אַביסל סם אין מיין געמיט.

נאָר, טייערע מיינע, דער מאָדערנער מענטש איז, זעט אויס, דאָך אַ געמיין באַשעפעניש. איוב'ס ליידן האָבן מיך איינגעשלעפערט, אויפן ווייסן טאַבורעט דאָ אין דער זויבערער קיך און דאָס תּנכ"ל מיט די שווערע טאָוולען איז אַרויסגעפאַלן

פון מיינע הענט מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ, וועקנדיק צפּורה׳ן פון איר אונרויקן שלאָף. איך בין אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איך האָב זיך געכאַפּט פאַר דער האַנט מיטן זייגער, ערשט ס׳איז שוין איינס ביינאַכט. אַרום האָט געהערשט אַ טויט-שטילקייט און איך בין געווען פשוט מיד. בין איך אַרויף אין מיין אויבער-שטיבל, איבערלאָזנדיק איוב׳ן אויף דער ווייס-געגלאַנצטער קיך-באַנק, און אויף מיין ריין-אויסגעלופטערטן בעטגעוואַנט האָב איך מיך גלייך געלייגט שלאָפן.

אין דער פרי בין איך אויפגעשטאַנען געזונט ווי אַ שטיין. אין די אויגן איז מיר עפּעס געווען אַזוי ליכטיק, ווי איך וואָלט זיך ערגעץ איינגעטונקט אין זונען-שיין. איך בין ווידער אַראָפּגעלאָפן קויפן עסן פאַר צפּורה׳ן, נאָר אַז איך האָב איר פאַר מיין אַוועקגיין אין ביורא אַריינגעטראָגן אַ גלאָז הייסע מילך, איז זי שוין ביי זיך אין צימער נישט געווען. דאָס בעט איז געווען צוגעבעט. מיין וואַרעמער פּאַלטאָ, מיט וועלכן זי האָט זיך צוגעדעקט ביינאַכט, איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, און אויף דער ווייס-שפּיגלדיקער קיך-באַנק איז געלעגן דאָס אָפענע תנכ״ל מיט דער דייטשישער איבערזעצונג, אויפגעמישט אויף אַ מיטלסטן בלעטל פון דער רות-אידיליע... איך האָב זיך געפּרווט דערמאָנען אויב איך האָב עס נעכטן פאַרן שלאָף אַזוי אַוועקגעלייגט. נאָר איך האָב גאָרנישט גע-דענקט. אין צימער איז געווען זייער ליכטיק, פונם אָפענעם פענצטער זענען געפאַלן גאַנצע סנאָפּעס זונען-ליכט אויף די ווענט און באַלקנס. ס׳האָט מיר געבלענדט אין די אויגן און איך בין שנעל אַוועק צו מיין אַרבעט.

צפּורה איז אַהיים געקומען ערשט צום מיטאָג און דער-ציילט האָט זי מיר, אַז זי איז געווען אויפן בית-עולם. דעם

גאַנצן פרימאָרגן האָט זי דאָרט געאַרבעט נעבן דוב׳ס קבר. זי האָט דאָס אָנגעשאָטענע בערגל ערד אויסגעגלייכט אין אַ בייט און האָט עס אַרומגעצוימט מיט שטיינדלעך. דערנאָך האָט זי מיטן אויטאָמאָביל פון זכרון איבערגעשיקט אַ קוויטעלע צו טובה׳ן, זי זאָל דורך אַ זיכערער געלעגנהייט צושיקן אַ זעקעלע ברוין-שוואַרצע ערד פון די בלומען-פעלדער אין בנימינה, וועט זי אויף דוב׳ס קבר פאַרפלאַנצן רויזן און מיאָסטע. די בנימינה׳ער מיאָסטע-בלומען האָט ער זייער ליב געהאַט. אַלע מאָל פלעגט ער זי רופן, זי זאָל גיין מיט אים אַהין שפּאַצירן.

דערנאָך האָט זי מיר געזאָגט, אַז נאָך מיטאָג וועט זי גיין זוכן אַרבעט, ווייל ביז זי וועט דאָס בלומען-בייטל אויף דוב׳ס קבר נישט ברענגען אין אָרדנונג, וועט זי פון חיפה נישט אַוועקפאָרן. איך בין, נאַטירלעך, געווען קעגן דעם זי זאָל שוין גיין זוכן אַרבעט און איך האָב זי אָנגעהויבן בעטן זי זאָל דערווייל נישט טראַכטן דערפון. כל זמן איך האָב דעם פּאָסטן, זאָל זי זיך דערווייל אָפּרוען דאָ ביי מיר, ווייל נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען דאַרף זי זיך ערהאָלן. איך האָב איר אויך געזאָגט אַז אינגיכן וועסטו קומען צופאָרן און דאַן, אויב זי וועט דורכאויס וועלן זיין אין חיפה, וועלן מיר זיך איינאָרדנען אַלע צוזאַמען. אַלע דריי וועלן מיר אַרבעטן און אין דרייען וועלן מיר שאַפן אַ היימישע קאָמונע, איינטיילנדיק זיך מיט דער שטוב-אַרבעט פאַר אַלעמען גלייך.

יי רויק, טייערע. איך וועל אונדזער קליינע אומגליקליכע חבר׳טע נישט פאַרלאָזן. זי וועט וווינען מיט אונדז. יאָ, מיין ליבע? נאָר ווען קומסטו צופאָרן? קום און זע מיין ביסל פאַרמעגן, וואָס איך האָב זיך די לעצטע צייט ערוואָרבן. איך גרייט מיך שוין צו אונדזער בורזשואַזער בעל-הבתישקייט.

גײענדיק פֿון בּיוראָ האָב איך הײנט געקױפֿט אַ האַנט־קײשל צו גײן אין מאַרק אַרײן. אַלע פֿרימאָרגן צופּליט זיך בּײ מיר דער סאַלאַט, װען איך טראָג עס פֿון געװעלבּל. איצט האָב איך שױן פֿאַרן װינט קײן מורא נישט.

װען־זשע קומסטו, מײן ליב גאָלדן מײדל?

דײן גאַליציאַנער.

יא

מיין טייערע!

ווידער האָסטו זיך צעבונטעוועט קעגן דיין קלוגן קאָפּ און ווידער פּלאַפּלסטו פּוסטע דבורים גאָר אויפן ווייבערישן שטייגער. אויב דו ביסט אַזוי זיכער, אַז איך בין שטערבליך פאַרליבט אין צפורה'ן, פאַרוואָס-זשע גאַר איך אַזוי נאָך דיין קומען צו מיר? די לעצטע צייט צייל איך ממש די טעג און דו מיין ווייל געלערנט קלוג מיידל איילסט זיך דוקא נישט, האָסט צייט. דיר ווילט זיך אַלץ וויסן, אויב איך בין אויף אַן אמת פאַרליבט אין צפורה'ן, נאָר איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט מיך אַליין אויך אַמאָל האָבן אין זינען.

מעגליך, אַז איך שרייב דיר ווירקליך צופיל וועגן איר? נאָר פאַר מיינע אויגן איז דאָך פאַרגעקומען אַ גרויס אומגליק מיט אונדזערע אייגענע חברים, און וועמען זאָל איך שרייבן וועגן דעם אויב נישט דיר? דוב'ס טויט האָב איך דאָך איבער-געלעבט צוגלייך מיט איר און לאָזן זי אַן עלנטע ביי אַזאַ לאַגע, האָב איך נישט געקאָנט. ערשט מיט אַ פאָר וואָכן צוריק האָסטו דאָך מיך אַליין געבעטן, איך זאָל איר בייהילפיק זיין מיט וואָס איך וועל קאָנען און איצט האָט דיך שוין ווידער אַ ביס געטון דאָס שלענגל דיינס און ס'איז אַרויסגעשפּרונגען

פון דיר דאָס מיידל מיט אַ פּאָר צוגליטע אייפּערזיכטיקע איי-
געלעך, און ווידער האָט זיך אין דיר צושפּילט די פאַנטאַזיע
וועגן מיין ליבע צו צפּורה'ן.

נאָר זי, די האַרציקע און געטרייע צפּורה ווייס נעבעך
פון גאָרנישט. זי טרויערט נאָך דוב'ן און זי איז אים געטריי
נאָכן טויט, ווי געטריי זי איז אים געווען פאַרן לעבן. זי
האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז טובה וועט איר צושיקן
שוואַרץ-ברוינע ערד פון שומרון צו באַפלאַנצן די בלומען-בייט
אויף זיין קבר. זונטיק איז זי מיט אַ צופעליקן לאַסט-אויטאָ-
מאָביל אַליין אַוועקגעפאָרן וועגן דעם ענין קיין בנימינה און
נעכטן איז זי געקומען פון דאָרט צוריק מיט אַ זעקל זאַמד
אויף די פּלייצעס און אויף דער האַנט אַ קיישל מיט פיר-
טעפּלעך פלאַנצונגען פון מיאַטע-בלימלעך און רויזן אין פאַר-
שידענע קאָלירן.

היינט אין דער פרי האָב איך זי באַגלייט דערמיט אויפן
בית-עולם. געהאָלפן איר כאָטש טראָגן דעם זאַק מיטן זאַמד.
איצט איז שוין נאָכמיטאָג און זי אַרבעט נאָך דאָרט. איך האָב
שוין צוויי מאָל אָנגעוואַרעמט פאַר איר די זופּ און זי איז
נאָך אַלץ נישטאָ. דאָס איילט זי זיך היינט צו באַפלאַנצן דעם
קבר, ווייל פון מאָרגן הויבט זי שוין אָן אַרבעטן. מיין בעל-
הבית'טע, די אַלטיטשקע דאָקטאָרין, האָט איר דאָ אין דער
דייטשישער קאָלאָניע רעקאָמענדירט הויז-אַרבעט אין אַ גרויסן
יידישן פּענסיאָנאַט, וווּ זי וועט, אַרבעטנדיק פון אַכט אין דער
פרי ביז פיר בייטאָג, באַקומען צוויי פונט אַ חודש מיט מיטאָג
און פרישטיק. נאָר זי פאַרבלייבט וווינען דאָ ביי מיינע בעלי-
בתים אין קיך, אַזוי ווי פריער, צאָלנדיק פאַר דער דירה נישט
מיט געלט, נאָר אַלע דאָנערשטיק מיט אַ געוועש פון דעם

גאַנצן גרעט, וואָס ביי דעם אַלטן פאָר-פאָלק וועט זיך אָנזאַמ-לען פאַר דער וואָך.

אַזוי אַרום האָט זי זיך איינגעאָרדנט דערווייל דאָ אין שטאָט און ווען זי וועט זיך אומקערן צוריק אינם קאָלעקטיוו, ווייס איך נישט. געווען דאָ צבי פריער מיט עטליכע טעג, האָט ער זי געבעטן, זי זאָל מיט אים אַהיימפאָרן, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צוליבן קבר, וואָס זי דאַרף דאָ באַפלאַנצן און אַרומצוימען. אַזוי האָט מיר צבי דערציילט. נאָר איך האָב זי וועגן דעם נישט איבערגעפרעגט, ווייל איך היט זיך, נישט צו רעדן מיט איר דערפון. זי איז אַזוי אויך גענוג פאַר'מרה-שחורה'ט. אין אַלגעמיין איז עס אירער אַ פּערזענליכער ענין. זי וויל פאַרבלייבן דאָ אין שטאָט. האָט דען עמיצער דאָס רעכט צו זאָגן איר דערויף אַ דעה?

אויך מיט דיר, מיין טייערע, וועל איך דאָסמאָל רעדן זייער ערנסט. גענוג צו מאַכן מיידל'שע חנ'דלעך, גענוג צו רעדן נאַרישקייטן וועגן מיין הייסער ליבע צו צפורה'ן און בכלל גענוג צו ליבן זיך דורך בריף. די דאָזיקע פּאַפּירענע ליבע אונדזערע ווערט אונדז ביידן לאַנגווייליק. קום צופאָרן. אמת, דו האָסט אַן אָפּמאַך מיט דער קהלה אויף אַ יאָר, דאָס ווייס איך. און אַ לערערן קאָן אין מיטן יאָר איר קלאַס נישט אַוועקוואַרפן, סיידן ס'זאָל זיין עפּעס אַן אויסטערלישע סיבה דערצו. נאָר אָט איז דאָ אַזאַ סיבה. דו ביסט אַ כלה און דו מוזט גלייך פאָרן חתונה האָבן, ווייל דער חתן דיינער גייט אויס פון בענקעניש. ער קאָן מער נישט לעבן אָן דיר. איז עס נישט קיין גענוגנדע סיבה? אויך איז עס זייער אויסטער-ליש אין אונדזערע האַרט-ניכטערע צייטן, אַזוי שטאַרק צו בענקען נאָך אַ כלה.

מײן ליב, טײער מײדל! איך מײן עס זײער ערנסט. רעד זיך צונויף מיט דײנע ספרד׳ישע גבאים פון דער קהלה און בעט, זײ זאָלן דיך באַפרײַען אין מיטן יאָר. װאָס שנעלער זאָלן זײ באַשטימען אַ לערערן אויף דײן פּלאַץ, װײל דו מוזט דרינגענד אָפּפאָרן קײן חיפה צוליב זײער װיכטיקע פאַמיליען-אָנגעלעגנהײטן.

װעסטו אַזוי טון? און דאַן זאָלסטו פאַרנעמען דײן ביסל בעל-הבתישקײט מיטן קישעלע, װאָס דו האָסט זיך אויסגענײט בײ די בורזשואַז-קהל׳שע קעסט פון אַלעקסאַנדריע. איך װיל אויך האָבן אַן אָנדענק פון דײן לוקסוס-לעבן אין עגיפּטן און גלײך זאָלסטו זיך נעמען פּאַקן דײן װאַליזע, װאָס װאַנדערט מיט דיר שוין היפּשע עטליכע יאָר פון זינט דו האָסט אַ-לאָזן דײן טאַטנס הילצערן שטיבל, דאָרט בײ די גראָדנער ברעגעס פון ניעמאַן. שוין צײט דײן װאַליזע זאָל זיך אַביסל אָפּרוען. װעסט קומען צו פאָרן, װעל איך דעם דאָזיקן הײמישן צנטיק דײנעם באַהאַלטן אויפן בוידעם ערגעץ אין אַ פינצטערן װינקל, ס׳זאָל פאַרגעסן די אומענדליכע װעגן און שטעגן פון ים און יבשה, װוּ אַלערלײ רײזע-געפּעק באַגלײטן קלוגע ײדישע טעכטער.

װי דו זעסט, בין איך איצט זײער בורזשואַז געשטימט. אַזוי איז עס. דער פּאָסטן פון צװעלף פונט אַ חודש האָט שוין געװירקט אויף מײן פּסיכיק. איך האָב זיך שוין אײנגעבירגערט בײ מײן אַרכיטעקטאָר אין ביוראָ און בײ אים אין שטוב בין איך זײער הײמיש. אין די צימערן דאָרט איז האַלב-טונקל, אויפן אָריענטאַלישן שטײגער, און די בונט-פאַרביקע קאָלירן פון די טעפּיכער מיט די קישעלעך שאַפן אַ רײצנדע געמיט-ליכקײט אין אַלע װינקעלעך פון הויז. די פאַרנאַכטיקע טײ-

שטונדן אויף דער קליינער טעראַסע, וווהין די בעל־הבית׳טע לאַדט מיך איין יעדן טאָג, זענען זייער אָנגענעם. איך זיץ מיר ברייט צעלייגט אויף אַ שטרוי־געפלאָכטענעם שטול, דערביי זופּ איך די טיי מיט פרישע קאָנפיטורן און קוק מיר פאַרטראַכט אויפן בלוי־שפּיגלדיקן נחל־קישון מיט דער ווייס־שימערנדער שטאָט עכּו, וועלכע איז איינגעהילט אין ראָז־גאָלדענע נעפּלען.

איך זאָג דיר, טייערע: הנאה האָבן פונם לעבן דאַרף מען זיך נור לערנען ביי זיי, די בעל־הבתּים און בעל־הבית׳טעס פון אַ גאַנץ יאָר. ווען וועסט קומען צופאָרן, וועלן מיר זיך אָפּזוכן אַ רויק ווינקעלע ערגעץ אין דער געגנט פונם כּרמל. אַ קישעלע האָסטו דאָך שוין אין אָריענטאַלישן סטיל און אַ טעפּיך וועלן מיר קויפן. דאַן וועסטו פאַרמאַכן די גרין־געקאַרבטע לאָדן און אין מיטן טאָג וועט דאָס שטיבל אונדזערס איינדרימלען אין אַ קאָלירטער האַלב־טונקלקייט, ווי די גאַסט־שטובן ביי די רייך־שטאָטישע אַראַבער.

נאָר ווען קומסטו שוין צופאָרן? איך בין עפּעס אַזוי אומרויִק, וואָס דו קאָנסט נאָך איצט נישט קומען. האָסט שוין דאָ געדאַרפט זיין פון לאַנג. עס האָט שוין איצט באַדאַרפט זיין ביי אונדז אַ דריי חדשים נאָך דער חתונה. אָנשטאָט אָט די אַלע קלוגע בריוועלעך וואָלט מען דאָך פשוט געדאַרפט שטעלן אַ חופה און זיין צוזאַמען. אַ שטיקל ברויט מיט עטלעכע גרינע איילבירטן וואָלטן מיר דאָך ווי־עס־איז אויסגעאַרבעט פאַר זיך און דאָס אויבערשטיבל ביי דעם אַלטיטשקן דאָקטאָר איז דאָך דערווייל מיין אייגנטום.

מיין נאָבעלער בעל־הבית׳טע האָב איך שוין דערציילט, אַז אין גיכן וועל איך דאָ האָבן אַ גאַסט. ס׳וועט קומען פון עגיפּטן מיינע אַ פריינדן, וועלכע איך האָב זייער ליב. זי

האָט דערויף גוטמוטיק געשמייכלט מיט איר פולן מויל ווייס־פרעמדע ציין. מיט אַמאָל האָט זי צו מיר אויסגעשטרעקט איר בלאַס אויסגעדאַרט הענטל און ס׳האָבן זיך אויף מיר אַ שאָט געטון אַ פולע מאָס מיט ברכות און גליקווינטשונגען. דערביי האָט זי געשטאַמלט פאַר זיך, אַז זי וואָלט געוואָלט הערן אַזעלכע בשורות פון איר קלענסטן זון, וועלכער האָט אין פּאַריז זייער אַ גוטן פּאָסטן און וויל נישט שאַפן זיך קיין פאַמיליען־לעבן. רעדנדיק אַזוי פּאַרטרוילעך, האָט זי אָפּגעזיפצט און צוגעשוויגן, ווי זי וואָלט זיך גע׳ישוב׳ט אויף עפּעס. דערנאָך האָט זי געזאָגט שטיל:

— איך האָב מורא, אַז ער האָט דאָרט עפּעס אַ פרוי אין דער זייט, אַזאַ פרוי, וואָס מען שעמט זיך צו ווייזן מיט איר צווישן מענטשן. און אודאי איז עס נאָך אַ קריסטן. און דערויף בלוטיקט מיר מיין האַרץ. מיין איזאַק האָט עס נישט געדאַרפט. ער איז נישט אַזעלכער. ער איז אַ באַשיידענער, אַן ערלעכער. ער האָט געדאַרפט האָבן אַ ווייב מיט קינדער, ווי גאָט האָט געבאָטן און אַ זייטיקע ליבע איז נישט פאַר אים.

— אַ זייטיקע ליבע קאָן אויך געבן זייער פיל גליק אין לעבן — האָב איך געפּרוּווט מאַכן אַ באַמערקונג.

נאָר די אַלטע האָט פאַרצויגן די ליפּן זייער שטרענג.

— ניין! מיין איזאַק׳ן וועט זי קיין גליק נישט געבן. אַזעלכע ליבעס זענען צייטווייליקע. דאָס זענען בחור׳שע ליבעס, וואָס גילטן נאָר ביז דער חתונה, און מיין איזאַק איז אַ נאָבל־מאַן. ביי אים קאָן עס, חלילה, גילטן אויפן גאַנצן לעבן. ער קאָן אַזוי אויסלעבן די יאָרן מיט אַ פרוי, וואָס מען שעמט זיך מיט איר גיין אין גאַס. אַזעלכער איז

מיין איזאַק. ער איז דער נאָבלסטער מענטש, וואָס איך האָב וועז געזען.

איך האָב געפּרוווט טרייסטן מיין גוטע און איידעלע בעל־הבית׳טע, אַז אָט די פּרויען פון דער זייט, וואָס מען שעמט זיך מיט זיי צו גיין אין גאַס, זענען אַמאָל ערלעכער און געטרייער, ווי די געקרוינטע פּרויען פון דער געזעלשאַפט. נאָר דאָס איז פאַר איר קיין נחמה נישט געווען, ווייל פונקט דערפאַר האָט זי מורא געהאַט. ערלעכקייט און געטריישאַפט איז גוט פון אַ כלה און ביי יענע פּרויען, וואָס מען האָט זיי ביי דער זייט, איז עס קיין מעלה נישט און, קענענדיק איר זון, ווי אַזוי באַשיידן ער איז אין אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן, דאַכט זיך איר דורכאויס, אַז די דאָזיקע געליבטע זיינע פון דער זייט, וואָס ער שעמט זיך מיט איר קומען צווישן מענטשן, באַזיצט דוקא אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט. און דאָס איז אַן אומגליק. אַזעלכע קאָן מען אַזוי לייכט נישט אַוועקוואַרפן. אַזעלכע קאָן אַמאָל אויך וועלן האָבן אַ קינד...

— און חתונה האָבן מיט איר? — האָב איך געפרעגט זייער ערנסט.

נאָר מיין נאָבעלע אַלטיטשקע האָט אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן.

— ניין! דאָס איז אוממעגליך. אין די קרייזן, ווו ער פאַרקערט, איז עס אוממעגליך. אָ, מיין אָרעמער איזאַק!

דערצו האָב איך, נאַטירליך, שוין קיין עצה נישט געהאַט.

האָב איך העפלעך געקושט דאָס בלאַס טרוקענע הענטל אירס, ווי מען איז זיך נוהג ביי אונדז אין פּוילן, און איך בין אַרויפגעלאָפן אין מיין אויבער־שטיבל, דערציילן דיר, ווי

הייראַט אויף צוויי יאָר

אַזוי מיין בעל-הבית'טע איז אומגליקליך, וואָס איר זון האָט אין פּאַריז אַן ערלעכע און געטרייע „קאָכאַנקע".

טייערע מיינע, ווען קומסטו צופאָרן? צפורה גריסט דיך.

דיין גאַליציאַנער.

יב

מיין טייערע!

איך דערקען דיך נישט, דיינע לעצטע צוויי בריף האָבן מיך איבעררעשט. פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען אַזאַ נערוועזיטעט? ווי קומט עס צו דיר? ווו איז דיין קלוגער קאָפּ, וואָס האָט אַלעמאָל געוואַכט איבער דיר? מיין ליב מיידל, ביסט דאָך עפּעס גאָר פאַרווייבערט געוואָרן.

בענק איך, הייסט עס, נאָך דיר, ווייל איך וויל, דו זאָלסט מיך אויסהיילן פון מיין ליבע צו צפורה׳ן און דערפאַר אייל איך עס אַזוי מיט דיין קומען אַהער. דערפאַר האָב איך עס קיין צייט נישט ביז עס וועט זיך ענדיקן דאָס שול-יאָר. צוליב דעם פאָדער איך פון דיר, דו זאָלסט גלייך אָוועקוואַרפן דעם פאָסטן און קומען צופאָרן. דרינגענד, הייסט עס, פאָדער איך דיך אַרויס אַלס דאָקטאָרן, דו זאָלסט מיך ראַטעווען פון מיין שווערער ליבע-קרענק צו אונדזער קליין-בלאָנדער חבר׳טע, וועלכע האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו באַוויינען איר פאַר-שטאָרבענעם געליבטן.

טייערע מיינע, ביסט געוואָרן אַ נאַר. ס׳האָט אויף דיר שלעכט געווירקט דער בורזשואַזער ווילשטאַנד פון דער עגיפּ-טישער הויפּט-שטאָט און דעריבער דאַרפסטו טאַקע וואָס שנעלער

אַװעקפאָרן פון דאָרט, װײל אויב דײן נאַרישקײט װעט פּראָ־גרעסירן אין דערזעלבער ריכטונג, װעט זײן שלעכט מיט דיר. קאָנסט דיך נאָך דורך דער תּל־אביב׳ער פּאָסט פאַרליבן אין דעם עלעגאַנטן אַדװאָקאַט הײמאַן. אָט װאָלט איך געהאַט אָן דיר אַ נקמה!

נאָר װאָס טראַכסטו, מײן ליב מײדל, דערװײל צו טון? מילא, איך בין פאַרליבט אין צפּורה׳ן, דאַרף איך דיך דאָ פאַר אַ קראַנקן־שװעסטער, אָבער װאָס פאַר אַ מיטל האָסטו צו דער דאָזיקער ליבע? אויב דו ביסט אַזױ אומרויִק דערפון, דאַרפסטו דאָך אויך זען עפּעס טון דערצו, אָדער איך אַלײן מוז דורכ־אויס זאָרגן װעגן דעם. איך מײן באמת, אפשר בין איך װירק־ליך נישט גלײכגילטיק צו אונדזער לוסטיק קלײן מײדל פון שומרון? געדענקסט, װי אַזױ הילכיק זי פלעגט לאַכן. איר געלעכטער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגערופן אין די אַרומיקע בערג.

נאָר איצט האָט זיך עס געפּילט. נישטאָ מער יענע צפּורה. איצט איז עס אַ שװײגנדיקע קלײנע אלמנה׳לע, װאָס זיצט שטונדן־לאַנג אויפן מאַנס קבר און שפּיגלט זיך אין דעם בלומען־בײט, װאָס זי האָט דאָרט פאַרפלאַנצט. נאָכמיטאָג, װען זי קומט פון דער אַרבעט, פאַרנעמט זי די בלעכענע קאַן פונם בעל־הבית׳ס גאָרטן און גײט אַװעק אויפן בית־עולם באַגיסן די בלומען און װען איך קום פון ביוראָ, טרעף איך זי זיצן בײ מיר אין מײן אויבער־שטיבל אַריבערגעבויגן דאָס קעפּל איבערן אָפענעם פענצטער. זי קוקט, װי אַזױ עס צינדן זיך אָן די לאַמטערנעס אויפן כּרמל און דערבײ זינגט זי עפּעס אין דער שטיל אַזױ האַרציק, אַז עס גלוסט זיך צופאַלן מיטן קאָפּ צו איר קני און בלײבן אַזױ שטײן שעהן לאַנג.

נאָר ווידער וועסטו זאָגן, אַז איך בין אין איר פאַרליבט, אָבער ס'איז נישט דאָס. מיר דאַכט זיך בלויז, אַז זי איז מיין קליין שוועסטערל, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר געוואַקסן אונטער מיין מאַמעס ליב-כשר'ע השגחה-בליקן ערגעץ ווייט אין אַ ליב-היימיש שטעטל פון גאַליציען.

אַמאָל זיצן מיר אַזוי ביידע ביים אָפענעם פענצטער ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין. זי דערציילט מיר פון איר היים דאָרט אין וואָלין, ווי איבער דער גאַנצער שטאָט ציט זיך די לאַנגע שאָסיי-גאַס, ביים וואָקזאַל וואַקסן טאָפּאָלן-ביימער און אַרום דעם אַלטן טורם פונם מאָנאַסטיר פליען ווייסע טויבן. פונקט אַנטקעגן איר טאַטנס שטוב איז דער קינאָ מיט די קאָלירטע בליך-לעמפּלעך ביי דער טיר. און איצט שרייבט מען איר, אַז באַרג-אַרויף נעבן דעם שאָסיי האָט מען פאַרפלאַנצט אַ נייעם שפּאַציר-גאָרטן מיט גלייכע אַלעען און געווייסטע בענק צום זיצן.

פשוט אַ ליב האַרציק מיידל און שוין. ווען מיר זענען געווען צוזאַמען אין אונדזער אַרבעטס-ווינקעלע פון שומרון, האָסטו דאָך זי אויך זייער ליב געהאַט. פאַרוואָס-זשע איז עס מיר פאַרבאָטן דאָ, אין חיפה, ווען דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל קומט אונדז אויס איצט וווינען אונטער איין דאַך?

טייערע מיינע, וואַרף אַוועק אַלץ און קום צופאָרן, וואָס שנעלער, צפורה וועט אונדז נישט שטערן. מיר וועלן זיך איינאָרדנען אַלע דריי אין אַ חברישער קאָמונע טאַקע דאָ ביי אונדזער גוטן דאָקטאָר אין הויז, ווייל איך צאָל שוין איצט דירה-געלט פאַר מיין אויבער-שטיבל, ווי אַלע לייטישע מענטשן, און אויב דו מוזט וואַרטן ביז מען וועט צוזוכן אויף דעם פלאַץ אַ פאַסיקע לערער, קאָן זיך עס פאַרציען,

ווייל דו זאָגסט דאָך אַליין אַז אין אַלעקסאַנדריען איז עס אין מיטן יאָר נישט אַזוי לייכט. דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט נישט וואַרטן. זאָג דאָרט דיינע גבאים פון דער קהלה, אַז דו מוזט דרינגענד פאָרן אַהיים, קיין איין טאָג קאָנסטו נישט וואַרטן.

די וואָך וועל איך דיר שיקן אַ דעפּעשע, אַז איך בין קראַנק, זאָלסטו זיך נישט דערשרעקן, ווייל דאָס וועט זיין בלויז פאַר דיר אַן אַרויספאָדערונג. דאַן זאָלסטו גלייך פאַרנעמען מיט זיך דיין גראָדנער וואַליזע און שוין זאָלסטו פאָרן צו דער באַן.

ווי דו זעסט בין איך אויך אַביסל נערוועז. דיינע לעצטע בריף ערגערן מיך זייער. ביסט לחלוטין נישט גערעכט און דיין נערוועזיטעט מאַכט מיר אַ שלעכטע שטימונג. איך בין בייז אויף זיך אַליין, נאָר אסור אויב איך ווייס פאַרוואָס. ניין, דו מוזט גלייך קומען צופאָרן. קיין איין מינוט קאָן איך דאָ מער נישט בלייבן אָן דיר. זאָלסטו עס וויסן, מיין ליב מיידל, און זיי נישט אַזוי עגאָיסטיש. טראַכט אַביסל מער וועגן מיר, וועסטו פאַרשטיין, ווי שווער מיר איז דאָ צו זיין אַליין. קומענדיק פון ביוראָ איז מיר אין מיין אויבער-שטיבל אַזוי פוסט, אַז ווען נישט צפורה, וואָלט איך אַנטלאָפן ערגעץ אין דער וועלט אַריין.

נאָר ווען זי וויל פאָרן צוריק אין דאָרף אַריין, וואָלט איך זי דאָ נישט פאַרהאַלטן. איך שווער דיר, אַז איך וואָלט זי אַפילו נישט געפרעגט, למאי זי טוט עס. נאָר — אַז זי וויל זיין דאָ אין שטאָט און גיין שפּאַצירן טאָג-טעגלעך מיט דער בלעכענער קאָן צו דוב׳ס קבר באַגיסן די בלומען, וואָס זי האָט דאָרט פאַרפלאַנצט, האָט דען עמיצער דאָס רעכט צו

זאָגן איר עפּעס וועגן דעם? פאַרקערט, מענטשן זענען געריירט דערפון ביז טרערן. מיין אַלטינקער בעל-הבית הערט נישט אויף צו רעדן וועגן איר. ער האָט געמיינט אַז די מאָדערנע יידישע פרוי איז שוין אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג, אַ פאַרפירטע דורך דער הפקרות און גאָטלאָזיקייט פון אונדזער צייט. ערשט ס'איז נאָך נישט אַזוי, די נשמה פון אַ יידישער טאָכטער איז נישט צו שאַצן אַזוי גרינג, וואָרום די ירושה-אייגנשאַפטן פון דער יידישער געאיידלטער ווייבלעכקייט זענען נאָך אין איר געבויג שטאַרק צו קעגנשטעלן זיך דעם צעפּרעסענעם מאָדערניזם פון היי-שעה-תענוגים. צפּורה, זאָגט ער, איז ראַסע. ס'איז די אמת'ע בלוט-ריינע יידיש-ווייבלעכע ראַסן-ליניע. זי, די בלאָנד-קליינע אלמנה'לע, איז ביי אים איצט אַ ניי פּראָבלעם פון יידנטום צו דיסקוסירן מיט יעדן איינציקן, וואָס האָט דערצו געדולד. און דערפאַר גרייט ער איר צו אַלע טאָג די בלעכענע קאַן פונם בעל-הבית'ס גאָרטן. ווען זי קומט פון דער אַרבעט, שטייט עס שוין גרייט ביי איר אין קיך און אַז זי גייט אַוועק אויפן בית-עולם, מוז ער, דער אַלטינקער דאָקטאָר, ריטערליך זי באַגלייטן אַ שטיק וועג פון דער שטאָט אַרויס.

פאַרנאַכט, ווען איך קום אַהיים, טרעף איך אים אָפט שפּאַצירן איבערן דייטשישן געסל אין אַ געהויבענער שטימונג, און אַז ער דערזעט מיך, שפּאַרט ער זיך אָן אויפן שטעקן און גיט אַ זאָג פאָטערליך-גוטמוטיק:

— וואָס זאָגט איר אויף אונדזער קליינער? זי איז דאָך נאָך נישטאָ פון בית-עולם. קומט מיר גייען זי באַגעגנען. שוין באַלד נאַכט.

און מיר לאָזן זיך גיין ביידע מיט זייטיקע שמאָלע שטעגלעך אַרויס פון דער קאָלאָניע צום אָפענעם פעלד. דער

אַלטער שפּאַנט זייער ענערגיש. דערביי גלעט ער זיך די וואָנסן און יעדעס מאָל כאַפּט ער זיך, צי זיין קליינער ספּאָרט-הוט זיצט אים גלייך אויפן קאָפּ. ער שוויגט גאָרנישט לויט זיין געוווינהייט און אַז איך קוק זיך אום, דערזע איך ביי אים אויפן האַלדז דאָס ערשטע מאָל אַזאַ פיין-זיידענעם קאשנע, וואָס רייצט דאָס אויג מיטן איידעלן געוועב און הערליכע קאָלירן.

און ס׳גלוסט זיך מיר צו שמייכלען. ווי אַזוי-זשע שמייכלט מען נישט? און איך פרעג אים בתמימות:

— נאָך פון ווין, דאָקטאָר? נאָך אין ווין געקויפט דעם קאשנע?

ווערט ער רויט, דער אַלטינקער, ווי איך וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ גנבה. קוים שטאַמלט ער אַרויס אַ פּאָר ווערטער:

— יאָ, נאָך פון ווין...

דערנאָך דערמאָנט ער זיך און גיט צו נאָך אַלץ אַ רויט-פאַרשעמטער:

— איך טראָג עס זעלטן, ווייל ס׳איז צופיל בונט-פאַרביק...

און ווידער שפּאַנען מיר שווייגנדיקע, גאָר נישט אויף אונדזער שטייגער. נאָר אָט קומט אונדז אָן אַנטקעגן צפורה מיט דער בלעכענער קאַן אין האַנט און מיין נאָבעלער בעל-הבית ווערט מיטאַמאָל אַזוי רעדעוודיק, אַז ער קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. מיט זיינע קליינע טריטעלעך פאַרשנעלערט ער דעם גאַנג און פלאָנטערט זיך פאָראויס, ווי אַ קליין קינד, וואָס פאַרלויפט דעם וועג טאַטע-מאַמע.

אַזעלכע גרויסע פאַרערער האָט דאָ צפורה. און איך,

דער באַשיידענער חבר אירער, בין, נאַטירליך, צופרידן דערפון, נאָר זי אַליין איז דערצו גלייכגילטיק. דאָס פנים האָט זיך איר שוין אַביסל אויסגעלייטערט, נאָר זי איז נאָך גענוג פאַר־אומערט און דאָס גיין טאָג־טעגליך אויף קבר־אבות צו דוב׳ן גיט איר אויך קיין געזונט נישט צו.

נעכטן האָט זי מיך געפרעגט, אויב דו קומסט אין גיכן צופאָרן. זי וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט שוין קומען. זי זאָגט, אַז מיר וועלן זיין אַ גליקליך פאָר־פאָלק, ווייל מיר פּאַסן זיך זייער איינס פאַרן אַנדערן. ביידע זענען מיר קלוג און שטאַרק און ביידע קענען מיר גוט דאָס לעבן. אַזוי פי־לאָזאָפירט איבער אונדז די קליינע צפורה. נאָר אין ליבע איז זי, דאַכט זיך, מער באַגלויבט, ווי אין דער פילאָזאָפיע. אָ, קאָן זי ליב האָבן. אַלע שבע עולמות קאָן זי געבן דעם, וואָס זי האָט ליב. אַ שאָד, טייערע, וואָס מיר זענען ביידע צו קלוג און מיר קאָנען זיך נישט דערהויבן צו צפורה׳ס ליבעס־מדרגה.

נאָר קום צופאָרן, און וואָס גיכער. איך פאָדער עס פון דיר צוליב דיין רויקייט, וואָס איז מיר טייער. ביידע זענען מיר כלו חייב וואָס מיר האָבן זיך צושיידט אויף אַזוי לאַנג. עס טוט מיר באַנג, וואָס איך בין נישט געפאָרן צו דיר מיט דריי חדשים צוריק, ווען בן־גאטא איז געפאָרן צו חרמונה׳ן. ער האָט מיך דאַן גערופן, מיר זאָלן ביידע פאָרן צו גאַסט, און אינם ספרדישן טעמפל פון אַלעקסאַנדריע זאָלן מיר אין איין טאָג שטעלן צוויי חופות. אמת, נישטאָ וואָס מקנא צו זיין אים מיט חרמונה׳ן. איידער אַזוי לעבן נאָך דער חתונה, איז שוין בעסער אַן אינטעליגענט־קלוגער ספּאָרט־ראָמאַן דורך בריף, וואָס די פּאָסט פירט פּינקטליך אַלע וואָך דורכן אַלטן מדבר סין.

זיי קומען דאָ אָפּט צו מיר. יעדעס מאָל, וואָס זיי קומען קיין חיפה, שטאַטן זיי מיר אָפּ אַ וויזיט און ביידע קלאָגן זיי זיך אויף זייער ביטערן גורל. חרמונה זאָגט, אַז ער לאָזט זי ממש דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. ער אייפערט זי ווי אַ ווילד-דער אַראַבער און מיט קיין מענער טאָר זי קיין וואָרט נישט אויסרעדן. צו אירע אייגענע ברידער אייפערט ער זי. ווען זי דאַרף נישט אַ מאַמע ווערן, וואָלט זי פון אים אַנטלאָפן ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אַריין.

און בן-גאטא קומט אויך צוגיין מיט טענות און אַז ער רעדט פונ'ם ווייב, שפּריצן אים פונקען פון די קויל-שוואַרצע אויגן. ער האָט געוווסט, אַז די אשכנזישע פרויען זענען כּל בו. זיי האָבן נישט קיין ערליכקייט און קיין טרייהייט אין האַרץ, נאָר אויף אַזוי פיל האָט ער זיך עס נישט פאָרגע-שטעלט. זי קאָקעטירט מיט יעדן פאַרבייגייער, אָן חרפּה און אָן בושה צולאַכט זי זיך מיט אַ זילבער-קול'כל פאַר יעדן איינציקן מאַנסביל. ער איז שוין אַזוי ווי משוגע. פאַראַן צייטן, אַז אים ווילט זיך איר אַזוי די ביינער צעברעכן, זי זאָל ווערן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן.

וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ מין אידיליע?

איך האָב זיי צוגעזאָגט ביידן, אַז דו וועסט קומען, וועסטו צווישן זיי שלום מאַכן.

טייערע, קום צופאָרן, מעג זיין אָן דער גראָדנער וואַ-ליזע, נאָר קום.

צפורה גריסט דיר. זי איז ערשט געקומען פון דער אַרבעט און האָט מיר געבראַכט דעם גאַנצן מיטאָג אירן, וואָס זי באַקומט אין פּענסיאָנאַט. איך זאָג דיר, אָן דעם ווייבליכן מין וואָלט גאָרנישט געלוינט צו לעבן אויף דער וועלט. אין

רחל פייגענבערג

אָ פּאָר טעג אַרום וועל איך דיך אָפיציעל אַרויסרופן מיט אַ דעפּעשע צוליב מיין קראַנקהייט. זאָלסטו דאָס וויסן.

מיין ליב מיידל, איך דערוואַרט דיך יעדן טאָג!

דיין גאַליציאַנער.

יג

מיין גאַליציאַנער !

גוטן אָוונט דיר! איך שרייב ביי דער לאָמפּ, ווי תמיד. די פענצטער זענען אָפן און אין מיין צימער קוקט אַריין די אַלטע און אייביק-יונגע כשוף-מאַכערן. דאָס איז די בלויע און טיף-אויסגעשטערנטע נאַכט פון עגיפטן. אונטן ביי אונדז אין הייפל איז שטיל, נאָר ערגעץ-ווייט רוישט די פּראַכטפול-זינדיקע פּאַלמען-שטאָט און איך בין עפּעס אַזוי אומרויק...

מיין בייזער גייסט פון גאַליציען, דו ווייסט נישט פאַר-וואָס איך בין אַזוי אומרויק?

נאָר דו ביסט גערעכט, מיין פריינט. איך בין די לעצטע צייט אַביסל פאַרוויילבערט געוואָרן. אָבער דאָס אַרט מיך נישט. געוועזן שוין ביי מיר אַזעלכע צייטן, וואָס מיין ווייבערישקייט האָט אויף מיר די גרויסע דעה געהאַט, דאָך בין איך אַלע מאָל געבליבן די זיגערן. איך האָב זיך קיינמאָל נישט אונטער-געגעבן דעם היציקן מיידל, איצט איז עס עפּעס נישט דאָס. גאָר צעטומלט געוואָרן. דו, גאַליציאַנער, האָסט מיך איינגאַנצן צעטומלט. און – אפשר זענען די יאָרן שולדיק. צייט דעם מיידל חתונה צו האָבן!

יאָ, צייט חתונה האָבן. שוין לאַנג צייט. מיין מאַמע האָט

שוין אין מיינע יאָרן היפשע קינדערלעך געהאַט. דעריבער, הייסט עס, דאַרף איך נעמען מיין ג״אָדנער וואַליזע און גלייך פאָרן קיין חיפה, שטעלן אַ חופּה, אָדער איך מוז זיך צואיילן צוליב עפּעס אַנדערש? אפשר צוליב דעם, אַן אידעאַלע חבר'טע זאָל ביי מיר אַזוי שטילערהייט דעם חתן נישט אַוועקנעמען?

בייזער מלאך פון גאַליציען, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי צעטומלט? בין איך עס אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דיר? מעגלעך, אַז יאָ, אָדער ליבע איז בלויז דער טאַלענט פון צפורה'ן? וועסט ווידער זאָגן אַז איך בין פאַרווייבערט געוואָרן. נאָר איך פיל, אַז צווישן אונדז וועבט זיך עפּעס אַ פלאָנטער. עפּעס אַ וואַנט איז אויסגעוואַקסן צווישן אונדז און מיר זעען זיך מער נישט איינס דאָס אַנדערע. וואָס איז געשען? זענען עס בלויז מיינע נערוון? בלויז מיין פאַנטאַזיע? איך גלויב נישט דערין.

נאָר איך פאָלג דיר טייערער. אויב איך מוז קומען וואָס שנעלער צו ראַטעווען מיין אייגן שיף, וואָס טרינקט זיך, וועל איך עס טון. נישט צוליב דיר, ווייל דיר דראָט דאָך נישט קיין געפאַר. נאָר איך מוז עס טון צוליב זיך, ווייל אַזוי וויל איך...

יאָ, איך פאָר!

און די גבאים פון דער קהלה ווייסן שוין, אַז דרינגענד מוזן זיי זוכן אויף מיין פלאַץ אַ לערערן. נאָר זיי זענען זייער נישט צופרידן דערפון. חרמונה'ן האָט אָפּגעגאַלטן. פונקט ווען זי האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, איז אויף איר גליק דאַן אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע אַ העברעיִשער לערער פון רוסלאַנד און ער האָט אויפגעכאַפּט דעם קהלשן פּאָסטן, ווי אַן אבן-טוב. נאָר דאָס איז געווען אַ צופאַל און

איצט מוז מען אַביסל אויסוואַרטן ביז מען וועט זיך צונויפ־שרייבן וועגן דעם מיט פּאַלעסטינע.

אָבער איך וועל זען זיך באַפרייען וואָס גיכער, און מיין וואַליזע איז גרייט. עטליכע טעג שטייט זי אַן אָפענע און וואַרט. די ביכער זענען שוין פּאַרפּאַקט. דאָס וועש איז איבערגעוואַשן. געמאַכט נייע צוויי ציכלעך אויף מיין גרויסן קישן פון גראָדנע, און מיינע נייע קליידער קאָסטן גאַנצע פינף פונט. דרך ארץ, גאַליציאַנער! איך פאַר דאָך עפּעס חתונה האָבן.

אָ, ווען מען ווייסט עס דאָרט ביי אונדז, אין גראָדנע! מיין מאַמע וואָלט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט און דער טאַטע וואָלט געשמייכלט אַ צופרידענער, נאָר דערביי וואָלט ער איר אַלע מאָל אַריינגעזאָגט:

— ניין, איך גלויב נישט. איך גלויב נאָך נישט אין דעם. ווי קומט עס צו איר? ס'איז דאָך עפּעס גאָר בדרך הטבע, אפשר האָט זי אַ טעות?

נאָר די מאַמע וואָלט זיך נישט געלאָזט איינרעדן. זי איז אַלע מאָל מיין צד. די שניידערינס וואָלט זי דאָרט פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, ווערסט שוין זען, וואָס פאַר אַ בור־זשואַזן אויסשטייער גראָדנע וועט מיר אַריינשיקן. נאָר ס'וועט זיך פּאַסן צו דיינע איצטיקע פּאַרדינסטן און השגות.

חבר פון גאַליציען, דו זאָלסט מיר אָנגרייטן אין דיין איבער־שטיבל אַ געשפּיגלטן קליידער־שראַנק און אַ ווייכע קושעטקע, איך זאָל האָבן ווו אַוועקצולייגן מיין לוקסוס־קישעלע, וואָס איך וועל ברענגען פונם רייכן עגיפּטן.

און צפורה, זאָגסטו, בלייבט ווינען צוזאַמען מיט אונדז? איז עס שוין אַ באַשטימטע זאַך? דאָך איז עס

משוגה, וואָס זי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם קאָלעקטיװ אין דער קאָלאָניע און איז געבליבן אַרבעטן אין שטאָט אין אַ פּריוואַט־הויז. ס׳איז, דאַכט זיך, גאָרנישט אַזאַ אָנגענעמע אַרבעט צו באַדינען טאָג־טעגלעך אַלערלײ זאַט־שפּאַצירנדע טוריסטן־הערן און טוריסטן־דאַמען. עבודת־פּרך וואָלט איך גערופן אײדער גײן אויף דינסט־אַרבעט אין אַ פּריוואַט־הויז, נאָר מסתּמא געפעלט עס איר, אָדער זי האָט אין שטאָט װעלכע ס׳איז אינטערעסן אַ חוץ אָפּהיטן די בלומען־בײט אויף דוב׳ס קבר. נאַטירלעך, איז עס איר אַ פּערזענלעכער ענין און קײנער האָט נישט קײן רעכט זיך אַרײַנצומישן אין דעם. נאָר אַז איך װעל קומען, װעל איך איר דורכאויס ראַטן, זי זאָל אַוועקפאָרן צוריק אין דאָרף אַרײַן, ווײַל ס׳איז פּשוט אַ חרפּה פאַר זיך אַלײן, אַן אינטעליגענטער מענטש זאָל אַוועקוואַרפן אַ קאָלעקטיװע חבר׳שע װירטשאַפט אויפן לאַנד און גײן אין שטאָט באַדינען אַ פּריוואַט־הויז.

נאָר װעגן שלום־בית פאַר חרמונה׳ן מיט בן־גאטאן לײגסטו אויף מיר אומזיסטע האָפנונגען, ווײַל דאָס איז אַזאַ װילדע פאָרל, וואָס קײן טאָטער װעט זײ נישט העלפן. ער האָט זי פריער אויך געאײפערט צו די לײדיקע װענט און זי האָט דערפאַר מורא געהאַט חתונה צו האָבן מיט אים. נאָר ער האָט זי געשראָקן מיט זעלבסטמאָרד, אַז ער װעט זיך אויפהענגען, אויב זי װעט נעמען אַן אַנדערן. האָט זי אויף אים רחמנות געהאַט און איצט װאָלט עמיצער אויף איר געדאַרפט רחמנות האָבן. עפּעס אַ דרײסטער „חלוץ" װאָלט זי געדאַרפט אַרױס־גנב׳ענען פון שטוב און אַוועקזעצן אויף אַ שיף, וואָס גײט קײן אײראָפּע. נאָר אויב זי דאַרף אַ מאַמע װערן, איז פאַר־פאַלן. דער װילדער ספרדי װעט זי שוין היטן, ווײַל אַ קינד

איז ביי זיי אַ הייליקטום און איצט איז נאָר איין מיטל פאַראַן פאַר איר. ווען זי קאָן אָפּשמד׳ן דעם ספרדישן קנאי בן-גאטא אויף אַ קולטורעל-איראָפּעישן אשכנזי, וואָלט ער זיך גלייך באַרויקט מיט אַ צווייטער ליבע און זי וואָלט ער געלאָזט אַביסל צו רו.

אָ, אונדז, גאַליציאַנער, איז גוט. מיר זענען אשכנזים און איראָפּעער. און ווייסט, מיין ליבער יונגערמאַן, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? ס׳איז אַ הערלעכער געדאַנק: אָט אַזוי זיצנדיק נעבן טישל ווען פאַר די אויגן שטייט מיר דאָס האַלב-פאַר-פאַקטע גראָדנער וואַליזע מיינע, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס בעסטע וואָלט איצט געווען פאַר אונדז ביידן, דו זאָלסט קומען אַהער. איידער איך זאָל דאַרפן איינרייסן אַזוי די וועלט און צווינגען די גבאים פון דער קהלה, זיי זאָלן דרינגענד אַרויספאָדערן פון א״י אַ לערערן אין מיטן יאָר, איז בעסער דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן פון דיין פּאָסטן און קומען צו מיר.

איך ווייס, אַז דאָרט ביי אונדז וואַלגערן זיך נישט קיין שטעלעס, און געוווּנג מי האָסטו פאַרווענדט ביז דו האָסט גע-פונען דעם דאָזיקן אוצר נאָר ס׳איז דאָך מער נישט ווי צוועלף פונט אַ חודש. אויך אַרבעטסטו נישט ביי דיין פאַך און איך בין דאָך דאָ אַ גאָלד-שפּינערן. מיט מיינע פאַרדינסטן קאָנען דאָ לעבן פיר מענטשן. און דו וועסט ביי מיר זיין אַזאַ טייערער גאַסט. ווי דו קומסט, שטעלן מיר אַ חופּה כּדת משה וישראל און פאַר דער חופּה וועלן מיר שרייבן תּנאים כּמנהג פוילן וגאַליציען און דיין טאַטן וועלן מיר שיקן אַ דעפּעשע מיט אַ מזל-טוב. צו דער חופּה וועל איך אָנטון דיין מאַמעס צירונג, אַלץ וועט זיין יידישלעך אויף דיין גאַליציש-קליינ-שטעטלדיקן שטייגער.

און לעבן װעלן מיר װי די טײַבעלעך. איך האָב אַ גרויס הײמלעך צימער מיט געקאַרבטע לאָדן, װי דו האָסט ליב. אין די זוניקע מיטאָג־שטונדן שימערט עס אין האַלב־טונקלקײט צװישן ליכט און שאָטן נישט ערגער װי אין די בורזשואַזע־בעל־הבתּישע װינקעלעך פון חיפה, װעלכע געפעלן דיר אַזױ שטאַרק. איך האָב אויך געקויפט אַ בונט־פאַרביקן טעפּיך אין עכט־אָריענטאַלישן סטיל. די לאָמפּ האָב איך אײנגעהילט אין פּוליאַר פון אָראַנזש קאָליר, און אין שטוב װעל איך זיך אָנטון אין ברײטע קימאָנאָ־קלײדער װי דו האָסט אַמאָל פאַנטאַזירט, זיצנדיק אַרבעטסלאָז אין דײַן אויבער־שטיבל פון דער דײַטשישער קאָלאָניע. אין שולע אַ לערערן און אין דער הײם װעל איך זײַן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע בעל־הבית׳טע מיט אַ בונט שליסלען, אויסגענײטע שטוב־שיכלעך און אַ װײַס שערצל. איך װעל נאָכקאָפּירן דעם גאַליציש קלײנשטעטלדיקן סטיל פון דײַן מאַמען. דאָ אין דער אַלטער פּאַלמען־שטאָט פונם אָריענט װעל איך דיר שאַפן אַ הײמישע אידיליע. אַלײן װעל איך קאָכן מיטאָג און באַקן קיכלעך צו טײ. דאַרפסט מיר נאָר שרײַבן, װעלכע קאָנפיטורן איך זאָל דאָ צוגרײטן.

יאָ, גאַליציאַנער, דו האָסט געזיגט. די גראָדנער װײַל־געלערנטע חבר׳טע דײַנע גיט זיך דיר אונטער. צוליב דיר װער איך פאַרװײַבערט אין אַלע הונדערט פּראָצענט, נאָר ס׳טוט מיר נישט באַנג. איך טו עס מיט פרײד, װײַל איך װיל אַזױ...

און דעריבער, מײַן פרײַנט, נעם דײַן טשעמאָדאַן, װאָס דו האָסט אַמאָל אין דײַנע סטודענטן־יאָרן אײַנגעהאַנדלט אין װין און פּאַק אײַן דײַן ביסל פאַרמעגן. געזעגן זיך מיט דײַנע ברויט־געבער. באַדאַנק דײַן בעל־הבית פאַרן אויבער־שטיבל מיט

די וועגעטאַרישע מיטאָגן און דער בעל־הבית׳טע פאַר די גלע־זער קאַווע מיט שמאַנט, וואָס זי פלעגט דיר יעדן פרימאָרגן אַרויסטראָגן אויף די טרעפ. וואַרף אַ בליק אויף דוב׳ס קבר און קוש צפורה׳ן. זאָג איר אין מיין נאָמען, אַז איך ראָט איר דורכאויס זי זאָל זיך אומקערן אינם חבר׳שן געצעלט פון שומרון, ווו זי איז ביי זיך אין דערהיים און אַלע האָבן זי ליב ווי אַ קליין שוועסטערל.

דערנאָך זאָלסטו אָנטון דיין נייעם רעגן־מאַנטל און שוין זאָלסטו פאָרן צו דער באַן.

מיין בייזער גייסט פון גאַליציען, דו האָסט מיך צעטומלט און דערפאַר האָב איך דיר פאַרגעסן צו דערמאָנען דאָס וויכ־טיקסטע. מיט דיין איצטיקן פאָרן צו מיר מיין איך נישט, דו זאָלסט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פאָרסט נאָר צייטווייליק ביז עס וועט זיך ענדיקן דאָס שול־יאָר. דערנאָך וועלן מיר ביידע פאָרן צוריק און וועט אונדז לוינען — וועלן מיר קאָנען דאָ בלייבן נאָך אַ יאָר. אויך האָב איך פאַרגעסן אַז דו ביסט אַ פוילישער גדלן און ס׳וועלן דיר נישט אימפּאָנירן די פּערספּעקטיוון צו לעבן אויף מיינע פאַרדינסטן.

נאָר מיין געערטער און געשעצטער שליאַכטשיץ פון גאַליציען. איך קאָן דיך אין דעם פּרט באַרויקן. דורך מיינע באַקאַנטשאַפטן אין די ספּרדישע קהלה־קרייזן נעם איך זיך אונטער צו באַקומען פאַר דיר עפּעס אַ באַשעפטיקונג, אויב נישט לויט דיין ספּעציאַליטעט, איז פשוט אַ בּיוראָ־אַרבעט.

צופרידן?

מיין בייזער גייסט פון גאַליציען, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי צעטומלט?

איך ערוואַרט דיך. דיין ליב מיידל.

יד

מיין גאַליציאַנער!

איך קום ערשט פון שולע און מיין טישל איז ליידיק. נישטאָ מער דיינע בריף, וואָס דאָס דינסט־מיידל פלעגט דאָ אַלע מאָל אַוועקלייגן. איך האָב זיי תמיד געלייענט שטייענדיק... נישט געהאַט קיין געדולד אפילו אויסצוטון דעם הוט, אָדער איך האָב אים ערגעץ אַוועקגעשליידערט פון זיך, ער זאָל מיר נישט שטערן. נאָך מיטאָג האָב איך זיי ווידער געלייענט, ליגנדיק אויף דער קושעטקע. און אַזוי בין איך איינגעשלאָפן מיט דיין בריף אין האַנט, ווי אַ נאַריש־פאַרליבטע גימנאַזיסטן, וואָס ווערט באַגייסטערט פונם ערשטן ליבע־בריוועלע, וועלכן זי באַקומט פון אַ נאַריש קליין ייִנגל, ווי זי אַליין.

מיין בייזער מלאך פון גאַליציען, אַזאַ כח האָבן געהאַט דיינע גרוסן, וואָס דו האָסט מיר געשיקט דורכן מדבר!

נאָר וואָס איז געשען מיט דיר? פאַרוואָס האָסטו די גאַנצע וואָך נישט געשריבן? פון זינט איך בין דאָ אין אַלעק־סאַנדריען איז נאָך אַזאַ וואָך נישט געווען, איך זאָל פון דיר קיין בריף נישט האָבן. איך בין שוין פשוט געוווינט צו דיינע גרוסן, וואָס דו פלעגסט מיר שיקן אַזוי פינקטליך. און גראָד די וואָך האָסטו נישט געשריבן. איך בין זייער און זייער אומרויִק דערפון.

נאָר אפשר זענען ווידער שולדיק מיינע נערוון? אויף אַ גאַנצן צענדליק יאָרן האָב איך פּאַרשפּעקטיקט חתונה צו האָבן. אונדזער טאַטער, וואָס וועט ביי אונדז געבוירן ווערן, וועלן מיר חתונה מאַכן צו 18 יאָר. דו הערסט, גאַליציאַנער, זאָלסט עס געדענקען! ווייל דו האָסט דאָך אויך אַביסל פּאַרשפּעקטיקט, וויפל, זאָגסטו, פעלט דיר צו די שנות בינה? דאַכט זיך, גאָר אַ קלייניקייט...

נאָר וואָס איז דאָרט געשען מיט דיר? קאָנסטו זיך נישט באַשליסן צו פאַרלאָזן חיפּה? טוט דיר אַזוי באַנג דער פּאָסטן מיט די צוועלף פונט אַ חודש, אָדער דו קאָנסט זיך נישט שיידן מיט דיין אויבער-שטיבל פון דער דייטשישער קאָלאָניע? און אפשר איז ביי דיר פאַראַן נאָך עפּעס אַ סוד דערביי, וואָס דריקט דיין געמיט און דו האָסט קיין מוט נישט צו שרייבן מיר וועגן דעם?...

נאָר דו ביסט דאָך אַ קלוגער און קיין עקשנות פעלט דיר אויך נישט און אויף מיר קאָנסטו זיך פאַרלאָזן. צוליב דיר בין איך די לעצטע צייט אַ היפּש ביסל פאַרוויילבערט געוואָרן און דאָס היציקע מיידל געוועלטיקט איצט איבער מיר, ווי איר אַליין געפעלט, נאָר ביי אַ שלעכטער מינוט וועט מיך די טאָכטער פון מיין שטאָלצן טאַטן נישט פאַרלאָזן. אויב איך וועל זי דאַרפן, וועט זי זיין אויפן פּלאַץ. דאַן וועט זי דאָס מיידל נעמען אין די הענט אַריין און זי וועט זיך איר אונטערגעבן, ווי אַ לעמעלע.

האָב פאַר מיר קיין מורא נישט, גאַליציאַנער. איך בין נאָך גענוג שטאַרק צו זיין דיר אַ גלייכע פּאַרטנערן אין דעם לעבנס-שפּיל, פאַר וועלכן מיר שטייען איצט ביידע. פאַרמאָגסט גדלות פון אַ גאַנץ פיינער מדרגה, נאָר איך וועל זיך מיט

דיר פּאַרמעסטן, ווי אַ גלייכער קעגן אַ גלייכן. ווי גוט די קאָנסט צאָלן חובות, אַזוי גוט קאָן איך זיי אָפּצאַקשענקען. און האָסטו זיך אויסגעגליטשט אויפן גלייכן וועג, דאַרפסטו דאָך האָבן אַ האַנט פון אַ פריינט!

נאָר וואָס איז דאָרט מיט דיר געשען? ישוב׳כטו זיך אַלץ וועגן דיין פאָרן? אויב ס׳איז דיר באמת אַזוי שווער צו פאַרלאָזן חיפה, וועל איך קומען צו דיר. איך וויל דיך גאָר נישט צווינגען דערצו. איך האָב דיר נאָר פאָרגעלייגט אַ פּלאַן און, לויט מיין מיינונג, וואָלט עס געווען אַ גלייכע זאַך פאַר אונדז ביידן. נאָר אויב דו ווילסט עס פאַר קיין אופן נישט, וועט געדויערן נאָך אַ פּאָר וואָכן און ס׳וועט אָנקומען אַ לערערן. דאַן קום איך גלייך צופאָרן, ווייל די וואַליזע שטייט פאַרפּאַקט, אַזוי ווי פריער, און די קאָנפיטורן, וואָס איך האָב אָנגעפרעגלט, וועל איך מיטנעמען קיין חיפה, וועט זיין מיט וואָס צו מכבד זיין געסט.

איז, הייסט עס, גאָרנישט געשען, נאָר ס׳ווילט זיך דיר פּשוט נישט פאַרלאָזן חיפה און דאָס איבריקע זענען עס מיינע ווייבליך-צערודערטע נערוון. יאָ, שיין קאָן מען אויסזען מיט אַזעלכע שטימונגען. טייערער, דאָס מוז זיך ענדיקן וואָס גיכער, ווייל דער ווייבערישער קאָפּ מיינער וועט נישט אויסהאַלטן. עפּעס בין איך זייער אומרויק, מיין בייזער גייסט פון גאַליציען. זאָג מיר, פאַרוואָס בין איך אַזוי אומרויק?

גלויבסט אין פאַטאַליזם? גלויבסט אין דעם באַשערטן גורל פונם מענטשן? מעגליך, אַז מיין פּערזענליך שטיקל גליק וועט אומעטום אַנטלויפן פון מיר, ווייל אַזעלכער איז מיין מזל.

נערוון, נערוון, טייערער! קום צופאָרן. אָדער נעם מיך

צו פון דאַנען וואָס גיכער, ווייל איך קען מער אַליין בײַ זיך אין צימער נישט זײַן. אַלע נאַכט חלומ'ט זיך מיר צפורה. איך טראַכט נישט פון איר און זי חלומ'ט זיך מיר נאַכט אין נאַכט.

וואָס טראַכט זי צו טון, צפורה? פאַרבלײַבט זי טאַקע אין חיפה? איך אויף דײַן אָרט וואָלט נישט דערלאָזט, זי זאָל ווערן אַ דינסט אין אַ פּריוואַט-הויז, ווען דאָרט אין דאָרף איז פאַראַן אַ חבר'שע ווירטשאַפט, ווו מען נויטיקט זיך אין אייגענע אַרבעטער-הענט. ס'איז דאָך פּשוט אַ משוגעת. איך געדענק אַמאָל ווען מיר זענען אַלע צוזאַמען געווען אין קאָלעקטיוו, האָסטו געהאַט אויף איר אַ ווירקונג. זי פלעגט דיך אַלע מאָל פרעגן עצות און וואָס דו האָסט געזאָגט, איז געווען בײַ איר הייליק. וואָלסט איצט אויך געדאַרפט ווירקן אויף איר אין דעם זין, זי זאָל אָוועקפאָרן צוריק קיין שומרון און נישט באַדינען מער קיין זאַט-שפּאַצירנדע טוריסטן-דאַמען. נאָר דאַכט זיך, אַז איך רעד נאַרישקייטן...

איך מײַן באמת. וואָס דאַרף עס מיך אַזוי אַרן, אויב צפורה איז אין שטאָט, אָדער אין דאָרף. ווו זי וויל, זאָל זי זײַן. און בכלל, וואָס האָט עס פאַר אַ שײַכות צו מיר מיט דיר? אויך איז עס זייער נישט טאַקטיש און נישט שיין אַרײַנצומישן זיך אין יענעמס פּערזענלעכן לעבן. אַנטשולדיק, גאַליציאַנער. דאָס איז בלויז אַ שפּאַס, ווען איך זאָג, אַז דו דאַרפסט אויף איר ווירקן, זי זאָל אַוועקפאָרן. וואָס האָט עס דיר צו שטערן, אַז זי וויל דווקא באַדינען די געסט פונם חיפה'ער פּענסיאָנאַט. אַ דאגה, בײַ וואָס עמיצן געפעלט צו אַרבעטן. פוצן איידעלע שיכלעך פון אייראָפּעישע קושעטע-דאַמען, איז דאָך בעסער, ווי אַרומצוגיין ליידיק.

ניין, לאָמיר מער נישט רעדן וועגן צפורה'ן. זאָל זי זיין גליקליך און לעבן, ווי איר אַליין געפעלט. און וואָס הערט זיך מיט דיין ווינער טשעמאָדאַן? פּאַקסט דיין ביסל פּאַרמעגן און גרייטסט זיך אין וועג אַריין צו פאָרן קיין אַלעקסאַנדריען, אָדער דו גרייטסט פאַר מיר אַ בורזשואַזע שטוב מיט מעבל אין דער דייטשישער קאָלאָניע פון חיפה? אַזוי צי אַזוי, נאָר ווי עס ווייזט אויס, ביסטו שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער חתונה. אויף אַזוי פיל באַשעפטיקט, אַז דו האָסט די כלה פאַרגעסן. זאָל דיר גאָט מוחל זיין, גאַליציאַנער, וואָס דו לאָזט מיך זיצן גאַנצע טעג אַ פאַרטראַכטע ביי מיין אָפענער וואַליזע.

און זאָגן דיר אַ סוד? דו וועסט מיר גלויבן? ביי מיר איז איצט אַזוי פוסט געוואָרן אין קאָפּ, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך פאַר מיר געשלאָסן. אַ חוץ דיר קאָן איך איצט פון קיין זאַך נישט טראַכטן. נאָר ס'איז דאָך צום לאַכן. ביי מיר איז חתונה האָבן קיינמאָל נישט געווען דער איינציקער צוועק פון מיין לעבן. קיינמאָל איז עס פאַר מיר קיין פּראָבלעם נישט געווען. און אַז מיט אַ חתן געשיט עפּעס, עקט זיך שוין די וועלט? און אַז אַ געליבטער פאַרליבט זיך אין אַן אַנדער פרוי איז שוין דערצו קיין טרייסט נישטאָ? צו דרייסיק יאָר קאָן מען נאָך געפינען גענוג אינטערעס אין לעבן. מען קאָן זיך נאָך אויך פאַרליבן אין אַן אַנדערן יונגערמאַן, איך לאַך פון דיר נאַריש מיידל!

און דאָך איז מיר זייער אומעטיק. אַ נס, וואָס היימאַן האָט מיר אַריינגעשיקט נייע ביכער צום לייענען. דו ווייסט, ער פאַרלאָזט תל-אביב און פאָרט צוריק קיין פוילן. זיין אַדוואָקאַטור האָט אים אין פּאַלעסטינע נישט אַזוי גוט געדינט,

ווי ער האָט זיך עס פאַרגעשטעלט. פאָרט ער קיין וואַרשע און דאָרט וועט ער מיט זיינעם אַן עלטערן ברודער עפענען אַ ביוראָ פון עפּעס אַן אויסלענדישער האַנדלס-אַגענטור.

איך שרייב עס דיר בלויז דערפאַר, ווייל מיר איז זייער אומעטיק. אויב עס וועט נאָך ביז נאַכט נישט אָנקומען פון דיר קיין בריף, אָדער קיין דעפּעשע, וועל איך אָנצינדן מיין העלן טיש-לעמפּל און וועל נאָך היינט שרייבן דעם הערר אַדוואָקאַט אַ פּיקאַנט מיידלש בריוועלע, אין וועלכן ס׳וועט נישט זיין קיין איין אמת וואָרט. איך וועל אים זאָגן, אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן און דערפאַר האָט ער אַזאַ גרויסן ערפאָלג ביי פרויען. ער האָט עס זייער ליב, ווען מען זאָגט עס אים, און מיך וועט עס אַביסל פאַרווילן.

מיין בייזער מלאך פון גאַליציען, פאַרוואָס בין איך אַזוי אומרויק? וואָס איז מיט דיר געשען דאָרט אין דיין אויבער-שטיבל פון חיפה? שרייב מיר דעם אמת. האָב קיין מורא נישט. שוין-זשע האָסטו זיך אויסגעגליטשט אויפן גלייכן וועג? דאַן דאַרפסטו דאָך אַ געטרייע האַנט פון אַ פריינט. ווי אַזוי מיינסטו, ביז נאַכט וועט נאָך זיין פון דיר אַ בריף אָדער אַ דעפּעשע? ניין, איך וועל היימאַנען היינט נישט שרייבן. נישטאָ היינט קיין געדולד צו מאַכן אים חנ׳דלעך. נאָר וואָס וועל איך טון אַ גאַנצן אָוונט? סיידן איבערלייענען אַלע דיינע בריוו, וואָס דו האָסט מיר געשריבן פון זינט איך בין אין אַלעקסאַנדריען.

גוט! איך האָב שוין אַן אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. דערנאָך וועל איך פאַרלעשן די לאָמפּ און זיך זעצן אויפן אָפענעם פענצטער. אין דער פינצטערניש וועל איך קוקן אויף מיינע ווייסע נאַקעטע אָרעמס און וועל טראַכטן וועגן דיר.

שוין עטליכע נעכט בין איך אַזוי איבערגעזעסן אויפן אָפֿענעם פֿענצטער און אײַנגעדרימלט האָב איך ערשט באַגינען, ווען אין דער לויטערער נאַכט־בלויקייט האָבן שוין העל־געגרויט די ריזיקע פּאַלמען־ביימער איבער די דעכער פֿון דער אַלט־געטורעמטער שטאָט.

חבר פֿון גאַליציען, ווי אַזוי מיינסטו — איך וועל שלאָפֿן היינטיקע נאַכט?

זאָל איך דיר אפֿשר מאָרגן טעלעגראַפֿירן? יאָ, אַזוי וועל איך טון!

און אפֿשר וועסטו נאָך ביז נאַכט קומען צו פֿאָרן? איך הער דאָס קלאַפּן פֿון מיין אייגן האַרץ...

דײַן ליב מיידל.

טו

מיין גאַליציאַנער!

גוט מאָרגן דיר! איך האָב ערשט באַקומען דיינע צוויי בריף. ביידע זענען זיי געשריבן אין איין טאָג. פאַרוואָס, טייערער? אַ וואָך נישט געשריבן און מיטאַמאָל צוויי בריף אין איין טאָג. עפּעס איז עס אַזוי נישט ענליך אויף דיר. נאָר איך מוז עס פאַרשטיין. ניין! איך גיי היינט נישט אין שולע. איך מוז עס אַלץ גוט באַטראַכטן. נאָר פאַרוואָס בין איך אַזוי אויפגערעגט? דו שרייבסט דאָך, אַז עס איז גאָרנישט געשען מיט דיר?

גוט מאָרגן, גאַליציאַנער! היינט זיך איך שוין אַ גאַנצן טאָג אין שטוב. איך האָב אַראָפּגעריסן פון זיך מיין גראַנאַט לערערן-קלייד. די נייע שיכלעך האָב איך ערגעץ פאַרשליידערט הינטערן קושעט. באָרוועס זיץ איך אויפן טעפּיך מיט די זאָקן אין האַנט און לייען דיינע בריף. ווילד געוואָרן, דו הערסט? אַרויסגעשפּרונגען פון דער אייגענער הויט. קלוגע און ווויל-געלערנטע חבר׳טע פון גראָדנע, ווו ביסטו? גיס מיך אָפּ מיט קאַלט וואַסער. ס׳ברענט מיר דער קאָפּ און אין די אויגן איז מיר עפּעס אַזוי טונקל. אָ, איך פאַל פאַר געלעכטער. ווען דו קוקסט מיך אָן, ווי אַזוי איך זיץ אויף דער ערד מיט דעם

זאָק אין דער האַנט. נאַריש מיידל, אַז דיין חתן האָט זיך פאַרליבט אין וועמען ס׳איז, דאַרף מען דען זיין אַזוי משוגע?

נאַר, חבר פון גאַליציען, איך מוז דאָך וויסן דעם אמת.

איז, הייסט עס, גאָרנישט געשען מיט דיר. האָסט זיך נור געדאַרפט גוט באַטראַכטן, ווי אַזוי צו טון. וואָלסט זייער געוואָלט פאָרן צו מיר. ס׳געפעלט דיר זאָגאַר צו וווינען אַ שטיקל צייט אין עגיפטן, נאָר פאַר קיין אופן קאָנסטו איצט נישט פאַרלאָזן חיפה. ס׳איז נישט געווענדט אָן דיר, נאָר דו קאָנסט נישט. וואָס-זשע פאַרהאַלט עס דיך דאָרט, אויב נישט דער פאָסטן, מיט די צוועלף פונט אַ חודש געהאַלט? וועלכע קראַפט געוועלטיקט עס איצט איבער דיר אַזוי שטאַרק, וואָס האָט דיך אַזוי צוגעשמידט צום אָרט? און איך פאַרמאָג נישט די מינדסטע מעגליכקייט אויף דיר צו ווירקן, דו זאָלסט ענדערן דיין באַשלוס.

יאָ, גאַליציאַנער. אַ גרויס רחמנות אויף מיר. ווי אַזוי גיי איך עס חתונה האָבן מיט דיר, ווען איך פאַרנעם איצט אַזוי ווייניק פלאַץ אין דיין לעבן.

נאָר איך גיב זיך אונטער מיין גורל. איך פאָר. איך פאָר צו דיר, ווייל, ווייל אַזוי וויל איך... ביז אַהער בין איך געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דעם לייכטזיניקן מיידל, נישט געלאָזט זי טון קיין נאַרישקייטן, נאָר איצט לאָז איך זי לויפן פאָרויס. איך בין פשוט נייגעריק. אינטערעסאַנט צו זען, וווהין זי וועט מיך פאַרפירן אָט אַזוי מיטן היציקן קאָפּ. נאָר איך פאָר, טייערער, ווייל איך וויל אַזוי. די נייע לערערן קומט אין עטליכע טעג אַרום און איידער זי וועט נאָך אַריבער־טרעטן די שוועל פון דער שולע, וועל איך שוין זיין ביי דער באַן.

איז שוין, הייסט עס, אַלץ אין אָרדנונג. און צפורה מוז בלייבן וווינען מיט אונדז. זי וויל נישט, אָדער זי קאָן נישט פאַרלאָזן חיפה. נאָר ווידער, דאַכט זיך, רעד איך נאַרישקייטן. מיין דאגה, צי זי בלייבט אין שטאָט, אָדער זי וועט פאָרן אין דאָרף אַריין. און אין דעם אויבער-שטיבל ביי דעם אַלטינקן דאָקטאָר פאַרבלייבסטו נישט מער? נאָר דאָס איז גוט. עפּעס איז מיר נישט אָנגענעם צו קומען אין דאָזיקן ראָמאַנטישן אויבער-שטיבל פון דער דייטשישער קאָלאָניע. נישט זעענדיק עס קיינמאָל פאַר די אויגן, האָב איך עס פיינט באַקומען און איך וויל עס נישט אָנקוקן. חבר פון גאַליציען, פאַרוואָס האָב איך פיינט דיין אויבער-שטיבל? זאָג, טייערער, פאַרוואָס?

האָסטו, הייסט עס, געדונגען אַ בורזשואַזע וווינונג אויפן הדר הכרמל, צוויי צימערן מיט אַ קיך און אַ באָדע-שטיבל. אַזאַ לוקסוס האָט זיך מיר אפילו נישט גע'חלומ'ט. אַלע דריי וועלן מיר דאָרט זיין גלייכע בעל-הבתים. צפורה וועט צאָלן אַ דריטל פאַר דער דירה. פון אירע פאַרדינסטן וועט זי אויך העלפן אויסצאָלן דאָס מעבל און צוזאַמען וועלן מיר שאַפן אַ היימיש-חברישעווירטשאַפט.

צי געפעלט עס מיר?

– יאָ, גאַליציאַנער. איך בין צופרידן. מיר געפעלט, וואָס איך קום צו דיר אויף אַ גרייט בעל-הבתישקייט. עפּעס איז עס אַלץ אַזוי היימיש-איינגעפונדעוועט, אַז מיר דאַכט זיך, דאָס איך פאָר חתונה האָבן קיין גראָדנע מיט מיין פאַרמעגליכן קליינשטעטלדיקן קרוב, וואָס האָט זיך אַמאָל צו מיר גע'שדכנ'ט.

נאָר וואָס וועט זיין מיט דער געשפּיגלטער קליידער-

שראַנק, וואָס דו האָסט געקויפט? איך וועל דאָך עס צפורה'ן אין צימער נישט געבן. איך מיין עס ערנסט. אָ, ווי פאַר־ווייבערט געוואָרן! נאָר קנייטש נישט אַזוי דעם שטערן און באַהאַלט דיינע בייז־קלוגע בליקן. ס'איז דאָך הונדערט־פּראָצענ־טיקע ווייבליכקייט. דיין אידעאַל. יאָ, טייערער, די געשפּיגלטע שראַנק וויל איך פאַר זיך, בלויז פאַר מיר מיט דיר, ווייל, ווייל אַזוי וויל איך...

דעריבער בעט איך דיר, דו זאָלסט פריער איבעררעדן וועגן דעם מיט צפורה'ן, ווייל די הויפּט־אָרדנער פון דער חברישער היים זענט איר ביידע, און אויב איר האָט באַשלאָסן מיך אַריינצונעמען אַלס דריטן מיטגליד אין דער קאָמונע, מוזט איר זיך אויך אַ קליין ביסעלע רעכענען מיט מיינער אַ מיינונג. נאָר אַ חוץ דעם שראַנק מיטן שפּיגל וויל איך פאַר זיך קיין פּריווילעגיעס נישט. איך וועל, נאַטירליך, גלייך זוכן אַרבעט, ווייל איך דאַרף דאָך דיר אויך העלפן אויסצאָלן דאָס מעבל אַזוי, ווי צפורה, און מיין דריטל דירה־געלט ווו וועל איך נעמען? לאַך נישט, מיין פריינט, איך מיין עס גאַנץ ערנסט. צוליב עפּעס שאַפסטו דאָך די דאָזיקע שותפות'דיקע היים אין דרייען און איך מיין, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען מוז יעדע־רער פון אונדז פערזענליך זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין טייל, וואָס ער איז מחויב צו געבן, כדי אויפצוהאַלטן די היים.

נאָר איך האָף, אַז איך וועל באַקומען עפּעס אַרבעט און דו וועסט מיר זיכער אין דעם בייהילפיק זיין דורך דיינע באַקאַנטשאַפטן אין דער הויכער געזעלשאַפט פון דיין שעף און זיין משפחה. דערצו ווערן מיר דאָך איצט אַליין אויך בורזשואַזע תושבים פונם בורזשואַזן הדר הכרמל און צווישן

אייגענע מענטשן וועלן מיר שוין נישט פאַרפאַלן ווערן. נאָר עפּעס פּיקט מיר אין קאָפּ, אַז מיר גייען איצט צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

ביינזער גייסט פון גאַליציען, פאַרוואָס מוזן מיר עס דוקא צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט? זאָג פאַרוואָס? איז שוין דערצו גאָר קיין עצה נישטאָ? טייערער, גיב נאָכאַמאָל אַ טראַכט וועגן דעם. איך בעט דיך, זיי רויק פאַר מיר. איך בין אייזן־שטאַרק. דאָס, וואָס איך בין היינט נישט געגאַנגען אין שולע, איז עס פּשוט אַ קאַפּריז און דאָס זיצן באָרוועס אויפן טעפּיך מיט די זאָקן אין די הענט איז בלויז אַביסל שטימונג פון אַ שלעכטער מינוט. נאָר איצט איז עס שוין אַריבער. די אַוועק־געשליידערטע שיכלעך וועל איך באַלד אַרויסשאַרן פון אונטערן קושעט און דאָס צעקנייטשטע גראַנאַט־קליידל, וואָס וואַלגערט זיך אויפן שטול, וועל איך אויספּרעסן, און שוין. ס׳איז גאָר־נישט געשען.

מיין ליבער, מיין גוטער חבר פון גאַליציען, וועסטו מיר דערציילן דעם אמת?

און צפורה׳ן גיב איבער אַ גרוס. אפשר דאַרף איך איר ברענגען אַ מתנה, ווי אַזוי מיינסטו? איך האָב איצט אַ פאַר־מעגן פון גאַנצע פופצן פונט און איך קאָן מיר דערלויבן צו ברענגען מתנות. פאַר דיר האָב איך געקויפט העמדער פונם פיינסטן וואַש־זיידענעם געוועב, וואָס עגיפּטן פאַרמאָגט, און איר וואָס ברענגען, דיין צפורה׳ן? איך מיין באמת. אפשר אַ שוואַרצן קרעפּ־שלייער? זי טרויערט דאָך נאָך דוב׳ן. טייערער, אַנטשולדיק מיר. ס׳איז ביי מיר היינט אַזאַ טאָג. איך רעד דורכאויס נאַרישקייטן...

דאַרף איך, הייסט עס, פאָרן חתונה האָבן מיט דיר,

װײַל אַ חוץ מײַנע נערװן, איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג און אויב אַזוי, איז גוט. גלײַך פֿאַר איך אין שטאָט אַרײַן קויפֿן דיר אַ פּלעד. אין הערבסט װעט עס דיר גוט צונוץ קומען. האָסט דאָך איצט ליב צו זיצן אויף דער טעראַסע אין פֿאַרחלום׳טע פּאָזן און קוקן אויף די ראָז־געגילטע האָריזאָנטן פֿון דער שטאָט עכו. און פֿאַר צפּורה׳ן װעל איך אומבאַדינגט עפּעס קויפֿן. און ס׳װילט זיך נאָך מיר אַ װײַס טישטוך. פֿרײַטיק־צונאַכטס װעלן מיר גרײטן אַ שבת׳דיקן טיש מיט אַ קעז־קוכן און ברוין געפֿילטע פֿיש. בײדע מיט צפּורה׳ן װעלן מיר אָנצינדן אַ פּאָר װײַסע שבת־ליכט און ס׳װעט זײַן בײַ אונדז אַ הײמישע שבת־אידיליע לויט דײַן באַליבט־קלײנ־שטעטלדיקן סטיל פֿון דער הײם. און לײכטער װעט שוין אַרײַנשײַקן גראָדנע. אָ, גראָדנע װעט מיר קײן בעל־חוב נישט בלײַבן!

הײַנט איז װידער אָנגעקומען אַ בריף פֿון הײמאַנען. ער איז שוין אין װאַרשע און שוין רודערט ער דאָרט מיט זײַן האַנדלס־אַגענטור. אַ שאָד, שרײַבט ער, װאָס מיר איז אײַנגעפֿאַלן איצט חתונה צו האָבן, אַזוי װאָלט ער מיך אײַנ־געלאַדן צו זיך אין ביוראָ אַלס קאָרעספּאָנדענטן. װאָס זאָגסטו אויף דעם לץ? ס׳פֿעלן אים אין װאַרשע קאָרעספּאָנדענטינס. װי אַזוי מײנסטו, אָנזידלען אים אַביסל? איך װעל עס מאַכן לײכט און שײן, װײַבליך. אַ שאָד נאָר, װאָס איך געדענק נישט, װוּ איך האָב ערגעץ אַהינגעטון זײַן בריף מיטן אַדרעס. שוין־זשע האָב איך אים אַרײַנגעװאָרפֿן אין אויװועלע? גאַליציאַ־נער, דאָס ביסטו שולדיק. זאָל עס דיר גאָט מוחל זײַן.

און איך מוז נאָך עטליכע טעג װאַרטן אויף דער לערערן. נאָר זי קומט אין גיכן. מײז װאַליזע איז שוין אינגאַנצן

פֿאַרפּאַקט. געבליבן נאָר מיין גראַנאַט־קליידל צו גיין אין שולע אַריין.

נאָר היינט האָב איך זיך געמאַכט אַ יום־טוב. ס׳איז דאָך עפּעס ערב חתונה...

דיין ליב מיידל

טז

מיין טייער מיידל!

דיין לעצטער בריף האָט מיך צערודערט ביז משוגעת און צפורה איז קראַנק געוואָרן פון צער. ווער רעדט עס פון דיר אַרויס די לעצטע צייט? אַ כשוף-מאַכערן, אַ נביאה, אָדער דיינע צעשרויפטע נערוון מאַכן עס דיך פאַר אַ שטערן-זעערין. דו מיינסט דאָך שוין זיכער, אַז איך בין פאַרליבט אין צפורה׳ן און איך קאָן זיך מיט איר נישט צושיידן. דעריבער שאַף איך אַ חברישע היים, זי זאָל קאָנען זיין נעבן מיר. איז דאָך עס שוין קלאָר פאַר דיר, וואָס-זשע דערפרעגסטו זיך נאָך דעם אמת?

און דוקא דעם גאַנצן אמת ווילסטו וויסן, נאָר נאָך וואָס טויג עס דיר, טייערע? פאַר אונדז איז עס שטענדיק געזונטער, ווען מיר לאָזן זיך אַ קליין ביסל אָפּנאַרן. אַמאָל לוינט זאָגאַר אויסצוקלערן עפּעס אַ שיינעם ליגן, מען זאָל דעם אמת נישט דערזען. נאָר שרעק זיך נישט פאַר צפורה׳ן. זי האָט מיין ליבע צו דיר ביי מיר נישט אַוועקגענומען. זיי רויק. איך האָב מיט דיר חתונה נישט אַלס בעל-חוב. דו ביסט איצט מיין געליבטע און געגאַרטע פריינדין, ווי פריער, און אַ קאָלעקטיווע היים האָב איך געשאַפן צוליב עפּעס אַנדערש.

צוליב וואָס? ווי אַזוי גיט מען עס דיר צו פאַרשטיין? איך האָב ביז איצט נישט געוווּסט, ווי אַזוי שטאַרק עס געוועלטיקט איבער דיר די פרוי און דערפאַר איז מיר אַזוי שווער צו רעדן מיט דיר וועגן דעם. גראָד ביי דער פראַגע וואָלט מיר זייער נויטיק געווען דיין ביסל מענטשליכקייט, נאָר דו ביסט איצט אַזוי ווייט דערפון. הונדערט-פראָצענטיקע ווייבליכקייט אין אַ פרוי איז אַ גרויסע מעלה, נאָר ווי אַזוי פאָרט מען עס צונויף מיט אַ קליין ביסעלע לאָגיק און געזונט-מענטשליכער פאַרשטענדניש?

נאָר זיי רויק. צו דיר האָט עס קיין שייכות נישט. דו ביסט מיין קעניגן, ווי געווען. די היים איז גרייט. דאָס גרויסע צימער איז אונדזערס און דאָס קליינע — האָט צפורה גענומען פאַר זיך. די קליידער-שראַנק איז שוין דאָ, זי וואַרט אויף דיר דו זאָלסט קומען זיך אָנקוקן אין אירע געשפּיגלטע טירן. עס וואַרט אויף דיר די קושעטקע, דו זאָלסט קומען זיך אָפּרוען אַביסל. און דער טיש וואַרט אויף דער בעל-הבית'טע מיט דעם ווייסן שבת-טישטוך, אפילו אַ טיש-לעמפּל צוגעגרייט נעבן דיין בעט, דו זאָלסט קאָנען לייענען פאַרן שלאָף, לויט דיין געוווינהייט פון די גראָדנער מיידלשע יאָרן.

היינט דער זעקסטער טאָג, אַז מיר וווינען דאָ. צפורה האָט זיך אויך איינגעאָרדנט זייער מילד. זי האָט שוין אַ פּאָר-הענגל איבערן פענצטער. אין אַ טעפּל גרינט שוין ביי איר עפּעס אַ צווייגעלע, און נעכטן האָט זי געבראַכט פונם פּענ-סיאָנאַט, וווּ זי אַרבעט, אַ ווייס קעצל מיט געל-ברוינע אויערלעך. נאָר אין דערפרי האָט זי זיך נעבעך געערגערט, וואָס זי האָט דעם נפש נישט אויף וועמען איבערצולאָזן אין דער פאַרשלאָסענער שטוב און זי האָט עס געמוזט מיטנעמען

אויפן טאָג צוריק אין פענסיאָנאַט אַריין. זי, צפורה, איז אומעטום די זעלבע. אומעטום שאַפט זי דאָס ביסל היימלעכ-קייט אַרום זיך. ווען איך קום פון דער אַרבעט, איז זי שוין אין דערהיים. אַלע טאָג טרעף איך זי זיצן אויפן באַלקאָן מיט דער צייטונג אויף די קני, דערביי הערט זיך פון דער קיך דאָס זשומערייַ פונם פרימוס, ווו עס ווערט געקאָכט עפּעס צום אָוונט-ברויט ספּעציעל פאַר מיר, און דורך די אָוונטן זיצן מיר ביידע אויף דעמזעלבן באַלקאָן און מיר רעדן וועגן דיר.

די לעצטע עטלעכע טעג איז זי געוואָרן אַביסל אומרויק. עפּעס האָט זי מיטאַמאָל אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז איר ביידע וועט זיך נישט פילן גוט דאָ אין דער חברישער היים. און עס איז פאַראַן אַ גרונט דערצו. אַמאָל אין אונדזער ברעטער-שטיבל פון שומרון איז עס געווען אַנדערש. איך בין געווען אַן אַנדערער. דו אויך דאָס זעלבע און צפורה איז נאָך געווען אַ קליין מיידל. נאָר איצט האָט זיך עס אַלץ אַזוי געענדערט...

אָ, טייערע, ווען דו וויסט, וואָס פאַר אַ גרויסער בעל-חוב איך בין איצט! דרינגענד מוז איך צאָלן אַן ערן-חוב, וואָס איז מיר אַזוי הייליק, ווי דער אָנדענק פון מיין מאַמען.

מיין ליב מיידל, שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב זיך אויסגעגליטשט אויפן גלייכן וועג און איך דאַרף איצט האָבן אַ האַנט פון אַ פריינט, וועסטו מיר העלפן?

שטעל זיך פאָר, אַז אַ פרוי, וואָס איך האָב ליב געהאַט מיט יאָרן צוריק, איז געקומען מאָנען ביי מיר אַן אַלטן חוב פאַר איר קינד – וואָס איז מיר טייער. מעגליך, אַז איך בין קיינמאָל נישט געווען פאַרליבט אין דער דאָזיקער פרוי, נאָר איר מאַן איז געווען מיינער אַ חבר. ער איז געשטאָרבן אויף מיינע הענט און די יונגע אלמנה איז געבליבן אונטער מיין

השגחה. געוווינט האָט זי מיט מיר אין איין הויז און געווען איז זי אַ יונגינקע און אַ צאַרטע. ממש, ווי אַ קינד. זי האָט זייער געטרויערט נאָכן מאַן און איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך מיין כלה, וועלכע איז געווען ערגעץ אין עגיפטן. האָבן מיר זיך איינס דאָס אַנדערע געאייפערט. זי — מיך, למאי איך שרייב טאָג־טעגלעך בריף צו מיין כלה און פאַרגעס אָן דער יונגער אלמנה׳ס צער, און איך האָב זי געאייפערט צו איר מאַנס אָנדענקען. זי האָט אַזוי געטרויערט נאָך אים, אַז זי האָט די אַרומיקע וועלט נישט געזען פאַר די אויגן.

און נאָך אַ קללה איז דאָ אויפן מענטשן — איינזאַמקייט. איין מענטש גייט אויס פון אומעט און בענקעניש ערגעץ אין אַן עלנט אויבער־שטיבל פון אַ פרעמד הויז, און מיט אַ שטאָק בידריקער, ערגעץ אין אַ פרעמדער קיך וויינט עמיצער מיט וואַרעמע לויטערע טרערן אויף איינזאַמע יוגנט־טעג און יוגנט־בענקט.

און אַרום איז שטיל. ס׳שלאָפט נאָך דער אַרבעט אַ דייטש־האָרעפּאַשנער ישוב, און אונטערן פענצטער טונקלט זיך דער כרמל־באַרג, איינגעהילט אין לעגענדעס פון דער יידישער פאַר־גאַנגענהייט, און די נאַכט־לופט איז אָנגעזאַפּט מיט בליונג־דופטיקייט פון די סעדער און גערטנער אינם נאָענטן שומרון, און פון דעם אַלעמען באַפאַלט דיך אַזאַ זיס־נאָגנדיקער צער און עס ווילט זיך קושן די ליידיקע ווענט. בין איך אין אַזאַ בערייטצט־אונרויקער נאַכט אַראָפּגעלאָפן אויף דעם אונטערשטן שטאָק אין קיך אַריין, זען וואָס עס טוט איצט די קליין־יונגינקע אלמנה פון מיין פאַרשטאָרבענעם חבר. ערשט זי איז וואַך, אַזוי ווי איך. ליגט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און די טרערן גיסן זיך איר איבער די אויסגעוואַרעמטע בעקלעך און

אַרום איז אַזוי שטיל. די גאַנצע שטוב שלאָפט. נאָר די צװײ פרעמדע זענען װאַך. בײדע קאָנען נישט אײַנשלאָפן פון בענקעניש...

נײן, צפורה איז נישט שולדיק, װאָס איך האָב זי דאַן אין מיטן נאַכט אַרױנגעטראָגן אױף די הענט צו זיך אין מײן אױבער־שטיבל. דאָס האָב איך געטון, הערסט, מײדל, דאָס איז מײן שולד! זי איז דאַן געװען אומבאַהאָלפן, װי אַ קינד, און זי האָט זיך געװױטיקט אין אַ נאָנטן מענטש. נאָר אונדזער נאָנטקײט האָט פאַרגרעסערט אין אונדז דאָס בענקעניש נאָך די, װאָס מיר האָבן ליב געהאַט. װאָס נענטער זי איז געװאָרן צו מיר, אַלץ מער האָט זי געטרױערט נאָך דוב׳ן, אַלץ לענגערע שעה׳ען איז זי איבערגעזעסן בײ דער בלומען־בײט פון זײן קבר און איך האָב פאַרדאָפּלט מײן קאָרעס־פּאָנדענץ צו דיר. קײנמאָל האָב איך נאָך דיך אַזױ ליב נישט געהאַט, װי אין דער לעצטער צײט פון זינט איך בין דאָ צוזאַמען מיט צפורה׳ן.

און דעריבער — באַרויק זיך, מײן ליב מײדל. צו דיר האָט עס קײן שײכות נישט. דײן פּלאַץ אין מײן לעבן קאָן קײנער נישט פאַרנעמען אַ חוץ דיר. נאָר איך בין איצט צפורה׳ן אַ בעל־חוב. איך האָב פליכטן בנוגע איר און דעם קינד, װאָס זי דאַרף געבוירן, װײל דאָס קינד איז מײנס און אין דעם פּרט בין איך דערזעלבער הונדערט־פּראָצענטיקער ייד, װי דער ספרדישער קנאי בן־גאַטאַ. מײן קינד איז בײ מיר אַ הײליקטום און נאָך מער האָב איך פאַרפליכט געגן בנוגע דער מוטער פון קינד, װײל צפורה איז נישט קײן מאַנערן, זי קאָן לײדן, װי גרױס זי קאָן ליב האָבן. דאָס איז אַ העלדן פון געפיל, װאָס מיר מיט אונדזערע קלוגע

קעפּ װעלן קײנמאָל נישט דערגרײכן צו איר מדרגה פֿון אָפּ־פּערװיליקײט און מסירת נפֿש.

זי האָט אײַנגעװיליקט אויף אַלע מײַנע פּלענער. שאַפֿנדיק די חברישע הײם פֿאַר אונדז דרײַען, האָבן מיר באַשלאָסן מיר זאָלן זײַן צוזאַמען ביז זי װעט געבוירן דאָס קינד און דו זאָלסט דערװײל נישט װיסן װער דער פֿאָטער איז. דערנאָך װעט זי אַװעקפֿאָרן מיטן קינד קײן שומרון צוריק אינם חברישן קאָלעקטיװ און איך װעל נעמען אויף זיך אַלע אויסגאַבן פֿונם קינדס ערציִונג. נאָר דײַנע לעצטע בריף האָבן מיך אַזוי צערודערט, אַז איך האָב געמוזט צוטראַכטן עפּעס אַ נײַעם פּלאַן, װי אַזוי מיר זאָלן זיך אײַנאָרדנען אין דער נאָנטער צוקונפֿט. איך האָב מיר נישט פֿאָרגעשטעלט, דו זאָלסט אויף אַזוי פֿיל נישט קאָנען באַהערשן אין זיך דײַנע װײַבליכע אַמביציעס, װעלכע זענען אָפֿט אַזוי קלײן און נישטיק.

איבערהויפּט האָבן מיך איבערראַשט דײַנע פֿאָדערונגען װעגן אײגנטום־רעכט אויף דער געשפּיגלטער קלײדער־שראַנק. איך האָב דעם בריף איבערגעלײענט צפּורה׳ן און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז צוזאַמען אין אײן הויז קאָנט איר איצט נישט זײַן. דערבײַ האָט זי זיך אַלײן אַרויסגערופֿן אַװעקצופֿאָרן גלײַך קײן שומרון, דאָרט איז אַ חברישע הײם. דוב׳ן האָט מען דאָרט ליב געהאַט, װי אַ קלײן ברודערל און זי איז אַ קלײן שװעסטערל. איר קינד װעט זײַן דאָס ערשטע אין קאָלעקטיװ, און טובה װעט עס איר העלפֿן האָדעװען, װי אַ געטרײַע מאַמע.

אָט דאָס איז דער אמת, מײַן ליב מײדל. אַזוי האָבן מיר געלעזט די פּראַגע, און איך בין דערפֿון צופֿרידן, װײַל איך מוז איצט אַביסל שאַנעװען דײַנע צעשרױפֿטע נערװן און

עס איז גלייכער מיר זאָלן בלייבן אַליין. און אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט אַזוי ענערגיש געפאָדערט פון מיר דעם אמת. איצט איז מיר אַזוי גוט, וואָס איך האָב דיר אַלץ דערציילט. איצט ווייסטו, אַז איך האָב פליכטן בנוגע אַן אַנדער פרוי און אַ קינד. דו וועסט מיר זיכער נישט שטערן צו פאָרן אַמאָל אין דאָרף אַריין, געוויר ווערן אונדזער קליינע חבר'טע און אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, וועסטו מיר העלפן צו זיין אים אַ פאָטער אין דעם בעסטן זין פון וואָרט.

איך אַפּעליר צו דיין מענטשליכקייט און איך האָף, אַז דו וועסט מיר ווירקליך זיין אַ גלייכע פאַרטנערן אין לעבן.

ביסטו שוין רויק?

איידער דו פאָרסט אַרויס, גיב אַ דעפּעשע, וועט צפורה מיט אַ ספּעציעלן אויטאָ אָפּוואַרטן אין דער קאָלאָניע.

איך ערוואַרט דיך, טייערע, יעדן טאָג.

דיין גאַליציאַנער.

יז

מיין גאַליציאַנער!

איך האָב ווידער אָנגעצונדן מיין העלן אָראַנזש־לעמפּל און איך שרייב דיר מיין אָוונט־בריף, ווי תמיד.

ס'איז גאָרנישט געשען, אין דערוואַרטונג אויף דער נייער לערערן קום איך אַלע טאָג אין שולע צו מיינע לער־שעה'ען זייער פּינקטליך און מיין גראַנאַט־קלייד וואַלגערט זיך נישט מער אויפן טעפּיך אין מיטן צימער. איצט הענגט עס אויף דער וואַנט אין דער בעסטער אָרדנונג און מיינע שיכלעך שליידער איך שוין נישט אונטערן קושעט. איך האָב זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל איינס נעבן אַנדערן, ווי איך האָב עס געטון אַמאָל אין מיינע שילער־יאָרן, ווען איך פלעג אין גראָדנע קומען פון גימנאַזיע.

ס'איז גאָרנישט געשען. איך האָב זיך שוין באַרויקט. אָ, האָב איך זיך געהאַט דערשראָקן פאַרן מיידל מיטן היציקן קאָפּ! איך האָב געמיינט, אַז מיין ווילגעלערנטע חבר'טע פון גראָדנע האָט מיך שוין איינגאַנצן פאַרלאָזן. ערשט ניין. זי וואַכט נאָך איבער מיר. אַן אייזערנע וואַנט איז גראָדנע. דאָס ביסל עקשנות, וואָס איך האָב מיטגענומען פון דער גרויס

הילצערנער ירושה־שטוב ביים ניעמאַן, וועט מיר נאָך דינען אין אַלע מיינע נויטן.

נאָר ווי נעם איך, טייערער, אַזוי פיל כחות! איך דאַרף זיך אַליין לערנען דרך־ארץ און גאָט איז מיין עדות, אַז איצט קומט עס מיר אָן זייער שווער, נאָר נאָך שווערער איז מיר צו העלפן דיר צאָלן דיינע חובות, וואָס דו האָסט, אין בענ. קעניש נאָך מיר, זיך פאַרשולדיקט צפורה'ן, און זי, צפורה, איז דאָך אַ מלאך. זי מאָנט גאָרנישט און קיינמאָל וועט זי גאָרנישט מאָנען. אָ, איך בין איר מקנא! זי איז דאָך אַ קליי. נינקע און אַ שוואַכינקע, גאָר אַ קינד. דעריבער איז זי קיינ. מאָל אין גאָרנישט שולדיק, אפילו דאַן, ווען זי טרויערט נאָכן געליבטן מאַן...

און אַ דאַנק דיר פאַרן אמת, וואָס דו האָסט מיר געשריבן. נאָר וואָס דאַרף איך איצט טון? דיין נייער פּלאַן האָט מיך ווידער אַביסל צעטומלט. איז, הייסט עס, שוין אַלץ אין אָרדנונג. די חבר'שע היים ווערט בטל. צפורה פאָרט אַוועק צוריק אין קאָלעקטיוו קיין שומרון און איך דאַרף קומען ווערן בעל־הבית'טע. און דערנאָך דאַרף איך דיר העלפן צאָלן דיין גרויסן חוב צפורה'ן און איר קינד, וואָס זי דאַרף גע. בוירן. ווי אַזוי, מיינסטו, וועל איך עס קאָנען?

יאָ, איך וועל עס טון. איך גיי איין דערויף, ווייל, ווייל איך וויל אַזוי... איך וויל דיר זיין אַ גלייכע לעבנס. פאַרטנערן. דיינע חובות זענען אויך מיינע חובות. און אַ קינד איז דאָך אַן אומשולדיק באַשעפעניש. אַ קינד דאַרף מען ליב האָבן, אַ קינד דאַרף מען צערטלען. ווי אַזוי, מיינסטו, צפורה וואָלט אָפּגעגעבן מיר צו ערציען דאָס קינד, ווען איך וועל זי באַפרייען פון אַלע זאָרגן וועגן דעם? איז זי דאָך צופרידן,

וואָס טובה האָט זיך אונטערגענומען צו העלפן האָדעווען איר עס דאָרט אין שומרון. איך בין איר אַ חבר׳טע צוגלייך מיט טובה׳ן און וועט זי וועלן זען דאָס קינד, קאָן זי דאָך אַלע מאָל קומען צו אונדז, ווי אין אַן אייגענער היים.

און אויף מיר וואָלט זי זיך שוין געמעגט פאַרלאָזן. מיין גאַנצע צייט וואָלט איך דאָך אָוועקגעגעבן און דאָס קינד וואָלט געווען נעבן דיר. ס׳וואָלט געוואַקסן ביי דיר אין שטוב אונטער דיין פּאַטערליכער השגחה. איך וועל זיין דיין קינד אַ מאַמע און וועל עס ליב האָבן, ווי מיין אייגן קינד, ווען איך וועל אַזעלכעס אַמאָל געבוירן. און צפורה מוז זיין פריי, ווייל זי איז נאָך זייער יונג. דערצו איז זי אַ ראָמאַנטישע נאַטור און ס׳געוועלטיקן איבער איר שטאַרק אירע ליבע-סענטימענטן. דעריבער דאַרף זי נישט האָבן קיין שטערונגען צו לעבן, ווי איר געפעלט, זי זאָל קאָנען וואָס גיכער חתונה האָבן, ווייל אָן אַ מאַן וועט זי גיין צום גרונט.

און איך וואָלט איינגעשטימט צו נעמען ביי איר דאָס קינד גלייך ביים געבוירן. וואָלסט שוין געזען, ווי אַזוי איך וואָלט עס געכאָוועט מיט פלעשלעך פרישע מילך און דאָס צופּה׳לע וואָלט מיט יעדן טאָג געוואָקסן פון די ווייסע קישעלעך אַרויס. יאָ, איך וועל עס ליב האָבן, ווי אַ מאַמע. דיין קינד וועט זיין מיין קינד. באַטירליך, איז נאָך פריי צו רעדן געגוי וועגן דעם, נאָר איך מיין, אַז דו דאַרפסט עס איצט זאָגן צפורה׳ן און באַרויקן זי, אַז גלייך נאָכן קינדס געבורט באַ-פרייסטו זי פון אַלע זאָרגן וועגן דעם, ווייל זי איז נאָך אַליין אַ קינד און זי דאַרף זיך האָבן אין זינען.

און דערווייל?

דערווייל מוזטו אַלע מאָל צופאָרן קיין שומרון זי געוויר

ווערן. ס'איז שיין. ס'איז פאַרשטענדליך, און ס'איז מענטשליך. מיר געפעלט עס אין דיר, וואָס דו באַציסט זיך אַזוי צאַרט צו דער מוטער פון דיין קינד, וואָס וועט נאָך ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום קומען אויף דער וועלט. נאָר צי וועל איך עס קאָנען ליידן? אַז איך האָב איר, צפורה'ן, די געשפּיגלטע שראַנק, וואָס דו האָסט געקויפט, נישט געקאָנט פאַרגינען. געוואָלט, מיין ליבער, געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר נישט געקאָנט. וועל איך קאָנען צוקוקן, ווי אַזוי דו ראַזירסט זיך אָפּ, טוסט אָן דאָס שענסטע אויבער-העמד, וואָס דו פאַרמאָגסט, און פּאָרסט זיך דורך זי געוויר ווערן? איך ווייס נישט, טייערער, איך ווייס נישט. איך האָב מורא פאַר זיך. מעגליך, אַז איך וועל אַזאַ נסיון נישט קאָנען ביישטיין און דאַן וואָס וועסטו טון? וואָס וועסטו טון, אַז איך וועל דיך בעטן, דו זאָלסט נישט פאָרן צו איר, ווייל מיר טוט עס וויי? לערן מיך אויס, איך זאָל עס קאָנען ליידן. דיין קינד וועל איך ליב האָבן. איך האָב עס שוין ליב, ווייל איך האָב דיך ליב, נאָר איך קאָן דאָך דיין ווייב נישט ליב האָבן. און קאָן צו איר אויך נישט זיין גלייכגילטיק, ווי צו יעדער פרוי, וואָס מען באַגעגנט ערגעץ, ווייל ס'פאַרדריסט מיך דיין צאַרטע באַציונג צו איר. שטעלסטו זיך פאָר, אַז דאָס קאָן זיין אַנדערש?

מיין גאַליציאַנער, אַ שווערע אויפגאַבע האָסטו מיר געגעבן און דאָך צייל איך די טעג, די לערערן זאָל שוין קומען: דאַן לויף איך קיין חיפה, נישט איך פאָר, נאָר איך לויף, און דאָרט זאָל שוין זיין אַזוי ווי עס איז. דו אַפּעלירסט צו מיין מענטשליכקייט און איך פאַרלאָז מיך אויף דיין קלוגשאַפט און טאַקט. איך האָף, אַז דו וועסט מיך פאַרהיטן פון שווערע איבערלעבונגען. דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו ווילסט איצט

שאַנעוועןמיינענערוון. און דאָך קאָן איך מיר נישט פאָר־שטעלן, ווי אַזוי דו וועסט אין אַ שיינעם העלן טאָג אַוועק־פאָרן מיט אַ וויזיט צו צפורה׳ן. איך וועל דיך באַגלייטן צום אויטאָמאָביל, וואָס גייט קיין זכרון, און צוריקגייענדיק אַהיים, וועט מיר אַזוי ברענען דער קאָפּ, ווי איצט, ווען איך שרייב דיר וועגן דעם, און דערנאָך וועל איך וויינען, ווי אַ קליין נאַריש מיידל.

ניין, טייערער, דו וועסט נישט קאָנען פאָרן געוויר ווערן צפורה׳ן. דו מוזט זיך אָפּזאָגן דערפון, ווייל איך וועל עס נישט קאָנען ליידן. וועסט איר בעסער שרייבן פון צייט צו צייט, זי זאָל דיר געבן צו וויסן פון איר געזונט און אַז זי וועט געבוירן דאָס קינד, וועסטו דאַן צופאָרן געוויר ווערן און אָנקוקן עס. דערנאָך וועלן מיר דאָס קינד נעמען צו זיך און עס וועט דיר וואַקסן פאַר די אויגן אַ קליין מענטשעלע. וועסטו טון אַזוי?

אָ, מיין גאַליציאַנער, איך רעד ווידער נאַרישקייטן! אַ שרעקליכע זאַך צו וויסן דעם אמת. נאָר עס וועט מיר נישט שאַדן. איך וועל זיך האַלטן אַזוי, אַז דו וועסט זיין פון מיר צופרידן. און אפשר... אפשר וואָלט צפורה בעסער גאָרנישט אַוועקגעפאָרן. איידער זי זאָל זיין אין דער קאָלאָניע און דו זאָלסט דאָ בענקען נאָך איר, איז שוין גלייכער פאַר מיר, זי זאָל זיין צוזאַמען מיט אונדז אין שטאָט. די חברישע היים איז דאָך שוין איינגעאָרדנט און אַלץ איז גרייט.

נאָר הער מיך נישט, חבר פון גאַליציען, ווייל איך רעד היינט דורכאויס נאַרישקייטן. פאָלג מיך נישט און טו, ווי אַזוי דו פאַרשטייסט אַליין. איך גיב זיך אונטער אַלע דיינע פּלע־נער און איך דערלויב דיר אפילו פאָרן קיין שומרון, ווען דיר

וועט זיך עס נאָר וועלן. איך וועל דיר אַליין אויסבינדן דעם קראַוואַט פאַרן אַוועקפאָרן. אַ בלום וועל איך דיר אַריינשטעקן אין לאַץ פון דיין פּאַלטאָ. דערנאָך וועל איך זיצן אויפן באַלקאָן און וועל וואַרטן אויף דיר ביז דו וועסט צוריק-קומען.

גוט אַזוי?

נאָר זוך פאַר מיר עפּעס אַרבעט, איך זאָל האָבן ווייניקער פרייע צייט, אָדער דו ווילסט, איך זאָל נאָר זיין בעל-הבית'טע. גוט. איך וועל פאַרפלאַנצן בלומען-טעפּ אויף דער טעראַסע און איך וועל האָדעווען דאָס קעצל מיט די ווייס-ברוינע אויערלעך, וואָס צפורה האָט געבראַכט פון פּענסיאָנאַט. דערנאָך וועל איך זיצן מיט דער צייטונג אויף דער קאַני און וועל קוקן אויף די בלויע ווייטקייטן פון ים.

נאָר עס וועט מיר זיין אַביסל אומעטיק צו זיצן אַזוי ביים מאַן אויף קעסט. אומבאַדינקט וועל איך זוכן אַרבעט און אַז צפורה וועט געבוירן דאָס קינד, וועל איך זיך שטעלן אויף מיין פּאָסטן פון אַ מאַמע. דיין קינד איז מיין קינד.

מוזטו, הייסט עס, דערווייל זי באַזוכן, מוזט פאָרן צו איר קיין שומרון?

גוט, מיין טייערע, איך וועל דיך באַגלייטן צום אויטאָמאָביל, ווייל, ווייל אַזוי וויל איך...

דיין ליב מיידל.

יח

מיין ליב מיידל!

אַ דאַנק דיר פאַר דיין בריף. דאָסמאָל דערקען איך דיך. איך דערקען דיך, טייערע, איצט אין דיין ווייבלעכער גרויס-מוטיקייט און טיף-מענטשלעכער פאַרשטענדניש, און איך בענטש אין מיין לעבן די מינוט, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט דיר. געדענקסטו, ווי אַזוי מיר פלעגן זיך קריטיקירן איינס דאָס אַנדערע, אָ, ווי לאַנג דאָס איז געווען!

נעמסטו זיך, הייסט עס, אונטער צו זיין מיין קינד אַ מאַמע פונעם ערשטן טאָג, וואָס עס וועט קומען אויף דער וועלט. מיט פלעשעלעך מילך וועסטו עס האָדעווען און ס'וועט וואַקסן פון די ווייסע קישעלעך אַרויס, מיר פאַר די אויגן. דאָס איז דאָך אַזוי רירנד, אַזוי פיין און אַזוי ליב. אַנטשולדיק, טייערע, איך האָב דיך ביז איצט נישט געקענט. מיט אַמאָל האָב איך דיך דערזען אין אַ נייעם ליכט. מיין ליב מיידל, איך בויג דעם קאָפּ פאַר דיר. נעם צו מיין פאַרערונג און מיינע קושן, נאָר ווען קומסטו שוין?

יאָ, אַזוי וועט עס זיין. דעם קינד וועסטו זיין אַ מאַמע, און צפורה'ן – אַ שוועסטער. ווען איך וועל פאָרן זי געוויר ווערן, וועסטו מיר אַליין אויסבינדן דעם קראַוואַט. דערנאָך

וועסטו מיך באַגלייטן צום אויטאָמאָביל, וואָס גייט קיין זכרון, און אַז איך וועל אַוועקפאָרן, וועסטו וואַרטן אויף מיר. אויפן באַלקאָן וועסטו זיצן מיט דער צייטונג אויף די קני, וועסט קוקן אויף די ראָז-געגילדטע האָריזאָנטן פון דער שטאָט עכו און דו וועסט טראַכטן וועגן מיר, נאָר איך וויל נישט, דו זאָלסט וויינען דערביי, ווי אַ נאַריש מיידל, ווייל דו האָסט נישט וואָס מקנא צו זיין צפורה׳ן. דו פאַרבלייבסט מיט מיר, מיין ווייב און מיין געליבטע לעבנס-פריינדין פאָרן געזעץ און פאַר מיין אייגענעם געוויסן און זי פאָרט פון מיר אַוועק. זי פאַרבלייבט אַליין. דערווייל איז זי שוואַנגער און אויך איינזאַם אין אַזאַ צייט, וואָס זי נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין מיר

און פונם קינדס האָדעוואַניע וויל זי זיך נישט אָפּזאָגן, פאַר קיין אופן נישט. דאָס קינד, זאָגט זי, מוז זיין מיט איר. ווו ס׳וועט זיין די מאַמע זיינע, דאָרט וועט עס אויך זיין און אירע מוטערלעכע פליכטן וועט זי קיינעם נישט אָנגעטרויען. — וואָס זאָגסטו עפּעס? אַזעלכע איז צפורה. זי מאָנט גאָרנישט און בעט גאָרנישט ביי קיינעם, זי וועט אַרבעטן און וועט ערציִען דאָס קינד, וואָס איז איר טייער, ווי דאָס לעבן. און אונדז ביידן ווינטשט זי, מיר זאָלן זיין גליקלעך. מיר וועלן האָבן אונדזערע אייגענע קינדער און זי מיט איר קינד וועט אונדז נישט שטערן. ווען איך אַמאָל וועלן קומען עס אָנקוקן, וועט עס איר זיין זייער אָנגענעם, אויב נישט, וועט זי אים זאָגן, אַז דער פּאָפּאַ זיינער איז אין שטאָט זייער פאַרנומען און ער האָט קיין צייט נישט קומען אַמאָל צו גאַסט. נאָר שפּעטער, אַז ער וועט שוין זיין אַ דערוואַקסענער, וועט זי שיקן צו מיר דעם זון, מיר זאָלן זיך באַקענען. זי רעדט דורכאויס פון אַ ייִנגל, ווי דאָס וואָלט שוין אַ געשעענער

פּאַקט געווען, און ס׳שמייכלט איר זייער די פאַנטאַזיע צו זען זיך אַלס קליין מאַמעלע פון אַ הויך-געוויקסיקן יונגגמאַן מיט אַ גלאַט-גאָבעלן שטערן און יונג-באַגייסטערטע בליקן.

אַזעלכע איז איצט צפורה. נאָר זי האָט זיך אויך נישט צו באַקלאָגן. אין שומרון דערוואַרט זי אַ גוטע, חבר׳שע היים. דאָרט איז עס אַ געשעעניש. אין אַ יונגן קאָלעקטיוו דאַרף געבוירן ווערן דאָס ערשטע קינד. דערצו מיינען אַלע, אַז דאָס איז אַ געדעכעניש פון דוב׳ן, וועלכער איז דאָ אויפן אָרט פאַרצערט געוואָרן פון שווינדזוכט און איז אַזוי טראַגיש-יונג געשטאָרבן. אויך איז דאָך צפורה זייער באַליבט אינם קאָלעק-טיוו און צוליב דעם אַלעמען וועט דאָס קינד זיין אַ געגאַר-טער גאַסט אין אונדזער אָרעם ברעטער-שטיבל פון שומרון. לויט טובה שרייבט, טראַכט מען שוין דאָרט זייער ערנסט וועגן אַ באַזונדער ווינקעלע פאַרן קינפטיקן חבר, וואָס דאַרף געבוירן ווערן. חנניה האָט זיך דערמאָנט, אַז איידער ער איז אַוועקגעפאָרן פון בעסאַראַביען, האָט ער זיך דאָרט געלערנט טישלערייִ גאַנצע דריי חדשים, האָט ער זיך גענומען מאַכן אַ וויגעלע לויט אַ מאָדעל, וואָס צבי האָט געצייכנט. און מאַטעריאַל דערצו האָט מען שוין איינגעהאַנדלט אין חיפה אויף אויסצאָלן מיט ירקות פונם גאָרטן. טובה האָט שוין אויך געקויפט אינם קאָאָפּעראַטיוו פון דער קאָלאָניע אַ ביסל ווייס-צייג און ביי יעדער פרייער מינוט, שניידט זי און נייט פאַרן קינד אַלערליי לייבעלעך און העמדעלעך. און דו גע-דענקסט אייער מיידלשן שלאָף-צימער דאָרט ביי אונדז אין געצעלט? האָט עס איצט אונדזער נאַטוראַליסט און פסיכאָ-לאָג צבי, זאָל לעבן, באַהאַנגען מיט שיינע קינדער-פּאָר-טרעטן, צפורה זאָל זיך אויף זיי פאַרקוקן, און איר דיעטע

האָט ער גענומען אינגאַנצן אונטער זיין אויפזיכט, ווי איצט, אַזוי דערנאָך, ווען זי וועט זויגן דאָס קינד. קיין פלייש וועט עס ביי אים נישט פאַרזוכן, ס׳זאָל אפילו דעם טעם נישט וויסן דערפון. אַזוי אַרום וועט ער דערציען אינם קאָלעקטיוו אַ מוסטערהאַפטן געזונט-נאַטירליכן וועגעטאַריער.

נאָר אַזוי גייט עס אויף דערווייל, צוליב דעם, וואָס די לאַגע איז איצט אַזעלכע. ווייל דו מוזט קומען צופאָרן און צפורה מוז פאַרלאָזן מיין הויז. אַזוי האָבן מיר באַשלאָסן און אַזוי מוז עס זיין. נאָר אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, וועל איך גלייך ערקלערן מיינע פאָטערליכע רעכט אויף דעם לויטן געזעץ און איך וועל עס גלייך נעמען אונטער מיין שוץ. דעם קאָלעקטיוו וועל איך געבן צושטייער אויף זיין דערציונג און אַז עס וועט אַרויס פון די וויקעלעך, וועל איך זען, וואָס איך האָב ווייטער צו טון. נאָר מוטער און קינד מוזן דורכאויס זיין געשיצט דורך מיין האַנט, ווייל אויב זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַוועקצוגעבן עס צו מיר אין הויז אַריין, דו זאָלסט אים זיין אַ מאַמע, ווי איך אַ טאַטע, דאַרף איך איר דעריבער דאָפּלט בייהילפיק זיין און איך מוז שטיין אויף דער וואַך, זי זאָל זיך נישט פילן עלנט, און פאַר׳יתומ׳ט זאָל אויך נישט זיין דאָס נפש׳ל, וואָס זי וועט געבוירן.

נאָר איך האָף, אַז איך וועל קאָנען דערפילן מיינע פליכטן, ווי עס דיקטירט מיר מיין געוויסן, ווייל דו וועסט דאָך זיין מיט מיר, דו, מיין געטרייע לעבנס-פאַרטנערן, וואָס דו זאָגסט, אַז מיין קינד איז אויך דיין קינד. און געוויס וועסטו אויך פאַרשטיין צפורה׳ס לאַגע. קאָן מען דען זי צווינגען, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר אייגן קינד? נאָר, טייערע מיינע, מיר וועלן איר בייהילפיק זיין מיט אַלע אונדזערע

מעגליכקייטן. דו וועסט אויך מיט מיר פאָרן געוויר ווערן אונדזער קינד און דאָס קליין-זינגענדיק מאַמעלע זיינס. מיין ליב מיידל, דו ביסט דאָך אַ בר-דעת. איך האָף, אַז דו וועסט איינאָרדנען אונדזערע וויזיטן צו צפורה׳ן חבריש און מענטשליך. וואָס בעסער דו וועסט עס מאַכן, אַלץ מער וועל איך דיך ליב האָבן.

און שוין! רעד נישט מער דערפון. פאָדער נישט פון מיר, טייערע, דאָס, וואָס עס איז נישט מעגליך. איך קאָן זיך נישט אָפּזאָגן צו באַזוכן די מוטער פון מיין קינד, נישט איצט און נישט שפּעטער, ווייל זי איז מיר אַן אייגענע. איך האָב זי נישט ליב אַזוי ווי דיך. זי האָט נישט דיינע פליגל. נישטאָ אין איר די יום-טוב׳דיקייט, וואָס אין דיר. זי איז אַן איינפאַכע, נאָר זי האָט אַן ערליך גוט האַרץ, וואָס קאָן ליב האָבן מענטשן און טרייסטן זיי אין די ערנסטע מינוטן פון לעבן. מיט דעם האָט זי געשאַפן אַן אילוזיע פון גליק פאַר דוב׳ן, ווען ער איז געלעגן אויפן טויטן בעט. און מיר האָט זי געגעבן אין מיין איינזאַמקייט אַ ביסל פרייד, וואָס האָט מיר געהיילט מיין פאַראומערט געמיט. ניין, ס׳קומט איר נישט, איך זאָל זי איצט פאַרלאָזן אַן עלנטע און אַן איינזאַמע.

ניין, טייערע, פאַרלאַנג עס פון מיר נישט, ווייל דאָס איז אוממעגליך. איך בעט דיך, רעד מער נישט דערפון. פרעג גאָרנישט און קום צופאָרן. צפורה האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע אינם פּענסיאָנאַט. זי האָט פאַרפּאַקט דאָס קוישל אירס און זי איז שוין רייזע-פאַרטיק צוגלייך מיט דיר. דאָס קעצל מיט די וויס-ברוינע אויערלעך נעמט זי מיט מיט זיך. מיר דערוואַרטן

דיך יעדן טאָג. קומט אָן דײן דעפּעשע, פיר איך אָפּ צפורה׳ן
אין אַ ספּעציעלן אויטאָ קײן שומרון
ליבינקע, טײערע, װען־זשע קומסטו שױן?
דײן גאַליציאַנער.

יט

מיין גאַליציאַנער!

לסוף האָב איך דערלעבט די גוטע מינוט. די לערערן, וואָס דאַרף אין שולע פאַרנעמען מיין פּלאַץ, איז נעכטן גע־קומען צו פאָרן און איך בין שוין פריי. פריי בין איך, ווי אַ פויגל, און איך קאָן שוין פאָרן צו דיר. היינט האָב איך גע־געבן מיינע שילער די לעצטע לעקציע. אָפּגעזעגנט זיך מיט זיי און מיינע קאָלעגן, די לערער מיט די לערערינס, וועלן צו מיר נאָך קומען היינט אויף דער נאַכט מיט אַ וויזיט צו געבן מיר אַ ברכה אויפן וועג.

איך בין רייזע־פערטיק. נעכטן פאַרנאַכט האָב איך אַלץ איינגעקויפט, וואָס מען דאַרף מיטנעמען. צפורה'ן געקויפט אַ מתנה, אַן אויסגענייט טשע־סו־טשא־קלייד אין אַראַבישן סטיל. וועסט פאָרן צו איר געוויר ווערן, וועסטו דאָס איר איבער־געבן. גוט אַזוי?

געוועזן איז עס נעכטן פאַרנאַכט, ווען מען האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז די לערערן איז שוין דאָ און מאָרגן נאָך מיטאָג בין איך פריי. נאָר ווען איך בין געקומען אַהיים פון גאַס, האָב איך דאָ געטראָפן דיין לעצטן בריף און עס איז מיר ווידער עפּעס זייער נישט גוט געוואָרן. ווידער בין איך

די נאַכט איבערגעזעסן אויפן פענצטער. איך האָב געקוקט אויף מיינע ווייסע הענט און האָב געטראַכט וועגן דיר.

ווילֿ צפורה, הייסט עס, דאָס קינד אונדז נישט געבן. דוקא אַליין וויל זי עס דערציען און האַלטן עס ביי זיך. אָ, זי איז באמת אַ קלוגע. געוויס דאַרף אַ מאַמע אַליין האָדעווען איר קינד. דערצו וועט זי דאָך זיין אין שומרון צווישן אַזעלכע גוטע חברים און איבערהויפּט וועסטו שטיין אויף דער וואַך, זי זאָל זיך נישט פילן עלנט און איינזאַם.

וואָס-זשע, טייערער, קומט מיר אויס איצט צו טון, אויב נישט האָדעווען דיין קינד ביי זיך אין שטוב? וואַרט אויס. וואָס דאַרף איך טון? איך מוז, הייסט עס, אַלע מאָל אין זינען האָבן, אַז דו דאַרפסט פאָרן צו צפורה׳ן. נאַטירליך, וועל איך דאַרפן צוגרייטן פאַר איר עפּעס היימישע נאַשערייען. אַ מאַן און אַ טאַטע קאָן דאָך נישט קומען מיט ליידיקע הענט. און ס׳קומט דאָך איר. יאָ, מיין ליבער, ס׳קומט איר. זיכער, ווייל זי איז דאָך אַוועק פון דיין הויז און איך בין געקומען אַלס ווייב און בעל-הבית׳טע. מיינע רעכט, מיין מאַן און מיין היים און זי האָט גאָרנישט מיטגענומען, נאָר דאָס קעצל מיט די ווייס ברוינע אויערלעך. נישט פאַרגונען מיר די קאַץ, ווי איך איר די געשפּיגלטע קליידער-שראַנק. דאָס איז ווייבליכקייט, חבר פון גאַליציען, אמת׳ע הונדערט-פּראָצענטיקע ווייבליכקייט, ווי דו האָסט ליב...

נאָר דאָס זענען קלייניקייטן. שטעל זיך פאָר, אַז איך פאַרגין איר דאָס קעצל, ווי זי פאַרגינט מיר די שראַנק מיט דעם שפּיגל-טיר. מיר איז נאָר זייער נישט היימליך דערפון, וואָס איך בלייב נעבן דיר און נאָך איר וועסטו בענקען. מיט מיר האָסטו חתונה און זי וועסטו ליב האָבן. איך

װעל זײַן דײַן װײַב און זי — דײַן געליבטע.

טײַערער, װײסט, װאָס פאַר אַ משוגענער געדאַנק מיר איז איצט אײַנגעפאַלן. אַ װילדער אײַנפאַל, נאָר מיר געפעלט עס. אפשר װאָלט איך זיך מיט איר געביטן: זאָל צפורה פאַרבלײַבן נעבן דיר און נאָך מיר זאָלסטו בענקען. זאָל זי דיר זײַן אַ װײַב און העלפן דיר טראָגן די װאָכעדיקע לאַסט פון לעבן און איך װעל זײַן דײַן יום־טובֿ׳דיקע געליבטע. געפעלט עס דיר? דו זאָגסט דאָך אַלײן, אַז איך פאַרמאָג יום־טובֿ׳דיקײט און צפורה איז אַן אײַנפאַכע, אָן פליגלען. דעריבער װעט זי זיך בעסער פאַסן פאַר אַ װײַב, אײדער איך, װײַל פאַר אַ װײַב זענען פליגלען קײן מעלה נישט. אַ גוט װײַב איז דווקא די, װאָס קאָן נישט פליען און היט תּמיד די שטוב. איך מײַן באמת. אַ װײַב איז דאָך אַ װאָכעדיקער ענין. דאָס איז אַ שותּפֿ׳טע אויף אַלטעגלעכע לעבנס־אינטערעסן, און אויף דעם געביט װעט זי דיר געבן מער גליק פון מיר. דערצו איז זי זײער אַ גוטע. זי װעט דיך נישט אײַפערן אַזױ שטאַרק צו מיר, װי איך — צו איר. און זי װעט דיר װײניקער שטערן דײַן פרײַהײט.

יאָ, טײַערער, אַזױ געפעלט עס מיר בעסער. װעסט דאַרפן פאָרן צו מיר, װעט דיר צפורה אויספרעסן דאָס שענסטע אויבער־העמד, װאָס דו פאַרמאָגסט. זי װעט דיר אויסבינדן דעם קראַװאַט און װעט דיך באַגלײטן צו דער באַן. נאַטירלעך, װעסטו צו מיר אויף נישט קומען מיט לײדיקע הענט. װעסט מיר ברענגען אַלערלײ הײמישע נאַשערײַען, װאָס דײַן װײַב װעט ספּעציעל צוגרײטן פאַר מיר, און דערנאָך װעט זי װאַרטן ביז דו װעסט צוריקקומען. איך װעל קײן געדולד נישט האָבן צו זיצן אויפן באַלקאָן מיט דער צײַטונג אויף דער קני און

ווארטן ביז מיין מאַן וועט קומען פון זיין געליבטער און זי, צפורה, וועט עס קאָנען. זי האָט נישט אַזאַ היציקן קאָפּ, ווי איך, נישטאָ אין איר מיינע גראָדנער אַמביציעס. אָ, דו ווייסט נישט, וואָס עס זענען אַזוינס ירושה-אייגנשאַפטן ביי די וועלט-ליכע תורה-לערנער פון ליטא. פון צפורה'ס וואָלינער שטעטלעך ברענגט מען לידלעך, קאָזאַקישע טענץ און בעל-הבתיש-געמיט-לעכע היימישקייט, און דאָס ליטווישע גראָדנע הענגט אויף יום-טוב-פליגלען, וואָס שטערן אַראָפּצולאָזן זיך צו דער וואָכעדיקייט פון לעבן.

נאָר זאָל זיין יום-טוב! מיין געליבטער פריינט פון גאַ-ליציען, איך גיב דיר פולע פרייהייט און איך מאָן ביי דיר גאָרנישט. מיך אינטערעסירט נישט מער די היים, וואָס דו האָסט מיר אָנגעגרייט. איך זאָג זיך אָפּ פון אַלע רעכטליכע פּאָזיציעס, וואָס דו ווילסט מיר געבן אויפן גאַנצן לעבן. טייער איז מיר נאָר דיין ליבע. גיי צום רב און שטעל מיט צפורה'ן אַ חופּה און קום גלייך צו פאָרן אַהער צו גאַסט. עס וואַרט דאָ אויף דיר דיין יום-טוב'דיקע געליבטע. אין מיין צימער האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. דאָס אָראַנזש-לעמפּל באַשטראַלט די ווענט מיט אַ העל-ראָזער ליכטיקייט, אין ווינקל פון קושעט ליגט דאָס בונט-פאַרביקע קישעלע און אונטער די פיס איז אויסגעשפּרייט דער אָריענטאַלישער טעפּיך, וואָס איך האָב ערשט געקויפט. אַ זעלטענע אייגנשאַפט האָט דער דאָ-זיקער טעפּיך. ווען מען גייט איבערן צימער, פאַרלירן זיך אין אים די טריט. אונטן, ביי אונדז אין הויף, איז שטיל. ס'דערטראָגט זיך נאָר אַהער דער ווייטער גערויש פון דער אַלט-רייצנדער שטאָט מיט די ריזן-פּאַלמען איבער די דעכער. די לופט איז שוין הייס און שווער, נאָר ביי מיר אין צימער

איז קיל. אונטער די פאַרמאַכטע לאָדנס שימערט עס אַ גאַנצן טאָג אין ליכט און שאָטן, ווי דו האָסט ליב. ווען־זשע קומסטו געוויר ווערן דיין יום־טובֿ׳דיק מיידל?

נאָר איך האָב זיך איצט דערמאָנט אַ קליינִיקייט. איך האָב דאָך שוין דאָ אין אַלעקסאַנדריען מער קיין שטעלע נישט און דאָס געלט, וואָס איך האָב געהאַט האָב איך אויסגעגעבן. געבליבן נאָר אויף רייזע־הוצאות קיין חיפה. זאָל איך פאָרן קיין פּאַלעסטינע ווידער זוכן דאָרט אַרבעט. ווי אַזוי מיינסטו? געדענקסט, איך בין אין ירושלים געווען פאַרשריבן אין דער רייזע צו פאַרבן טיר און פענצטער, זאָל איך איצט ווידער טון דאָס אייגענע? אָדער אפשר וועט מיר צפורה רעקאָמענדירן איר שטעלע אין פּענסיאָנאַט, דאַן וואָלט איך געדונגען אין דער דייטשישער קאָלאָניע ביי דעם אַלטינקן ווינער דאָקטאָר דיין אויבער־שטיבל. ס׳איז דאָך אַ ראָמאַנטיש ווינקעלע. מיטאָג וועסטו עסן אין דער היים מיט צפורה׳ן און צו מיר וועסטו קומען אויף אָוונט־ברויט. דערנאָך וועלן מיר גיין שפּאַצירן אויפן ברעג, אָדער מיר וועלן זיך גליטשן מיט אַ שיפל אויף די בלוי־שוימענדע וועלן פון ים.

נאָר, מיין ליבער חבר פון גאַליציען, איך רעד נאַרישקייטן. צפורה׳ס שטעלע וועל איך נישט אָננעמען, ווייל איך קאָן נישט באַדינען קיין זאַט־שפּאַצירנדע טוריסטן־הערן און טוריסטן־דאַמען. ס׳איז קעגן די יום־טובֿ־פּרינציפּן פון גראָדנע. נאָר ס׳איז פאַראַן דאָרט איצט אַ בכבוד׳ערע אַרבעט פאַר מיר. איך קאָן דאָך פאָרן קיין שומרון צוריק אין אונדזער קאָלעקטיוו. אָנשטאָט צפורה׳ן וועל איך איצט קומען אַהין און דאָס וויגעלע, וואָס חנניה גרייט צו פאַר איר קינד, וועט אַמאָל צונויף קומען פאַר עמיצן אַנדערש. ביי מיר אָדער ביי טובה׳ן קאָן דאָך

אויך אַמאָל אַ קינד געבוירן ווערן. ווען איך קום איצט אין קאָלעקטיוו, וואָלט עס געווען פאַר אונדז אַן אמת׳ע אידיליע. מיטן אויטאָמאָביל פון זכרון וואָלסטו געקומען צו מיר אויף אַלע שבת צו גאַסט. צפורה וואָלט אין דער היים אויסגעבאַקן אַ קעז-קוכן, דו זאָלסט עס מיטנעמען פאַר מיר, איך זאָל דיך האָבן מיט וואָס מכבד צו זיין, און זונטיק גאַנץ פרי וועסטו פאָרן אַהיים צו דיין וואָכעדיק ווייבל.

דאָס וועט זיין הערליך. אַ פולקאָמענע לעבנס-האַרמאָניע. די איינפאַכע און געטרייע צפורה וועט דיר העלפן טראָגן דעם שווערן עול פון דיין וואָכעדיקייט און איך די יום-טוב׳דיקע, וועל זיין דיין שבת-פרייד. איין זאַך שרעקט מיך נאָר: ווען איך וועל איצט פלוצלונג קומען צוריק אין קאָלעקטיוו און דו וועסט אין שטאָט חתונה האָבן מיט צפורה׳ן, וועלן חברה לאַכן פון מיר. שטילערהייט וועט מען זיך סוד׳ען, וואָס זי, דאָס קליינע טאַנצנדיקע מיידעלע, האָט ביי מיר, דער גרויסער חכמה, דעם חתן אַוועקגענומען. אמת, דיינע שבת׳דיקע וויזיטן וועלן מיך שיצן פון גוטמוטיק-חבר׳שער לצנות. אָבער ווען דו וועסט אַמאָל אויף שבת קיין צייט נישט האָבן צו קומען, וועלן אַלע חברים אַרויסווייזן מיר אַזוי פיל מיטגעפיל, אַז מיר וועט ווערן ענג די לופט צום אָטעמען. אַ געליבטע איז זייער אַן איידעלער ענין. אַז מען האָט קיין צייט נישט צו קומען צום ווייב אינעם באַשטימטן טאָג, וועט קיינער נישט באַמערקן אפילו, און אויף אַ געליבטער זענען געווענדעט אַלעמענס ניי-געריקע בליקן. ניין, טייערער, איך דאַרף איצט נישט זיין צווישן אייגענע.

נאָר מיין באַשלוס וועל איך נישט ענדערן. מיט צפורה׳ן האָסטו חתונה און איך פאַרבלייב דיין געליבטע און דיין

פריינדין, און דעריבער שיק איך אָפּ צפורה׳ן דיין מאַמעס צירונג, וואָס דו האָסט מיר געשענקט. פון זינט איך קען דיך, זאָגסטו מיר אַלע מאָל, אַז דו ביסט אַ הונדערט-פּראָצענטיקער ייד, און לויט די פּרינציפּן פון הונדערט-פּראָצענטיקער יידישקייט, דאַרף ירושה-צירונג געהערן נישט דער געליבטער פרוי, נאָר דעם געזעצליכן ווייב, וואָס בויט דאָס הויז און ברענגט אַ דור אויף דער וועלט, — טו איך עס אין הסכם מיט דיינע יידישע פּרינציפּן. נאָר ס׳טוט מיר נישט באַנג. מיט אַ גרינג האַרץ גיב איך אָפּ צפורה׳ן דעם מאַן, די היים און אפילו דאָס גאַליציש-קליינשטעטלדיקע פאַמיליען-צירונג, וואָס איז מיר אַזוי טייער געווען. פאַר מיר איז גענוג בלויז דיין ליבע צו מיר.

נאָר וווהין ראַטסטו מיר איצט צו פאָרן, וווהין? און וואָס זאָל איך איצט טון? זוכן ווידער אַ פּאָסטן פון אַ לערערן, אָדער נעמען זיך צוריק צו פיזישער אַרבעט? איך דאַרף זיך נאָך גוט באַטראַכטן וועגן דעם. און ווו באַגעגענען מיר זיך? ווו, מיין ליבער?

איך וואַרט אויף דיין בריף און דערווייל, וואָס וועל איך טון? דערווייל וועט מיר זיין אַביסל אומעטיק. יאָ, אָנגעקומען פון היימאַנען צוויי בריף, געשטעמפּלט מיט דער פירמע פון זיין ניי-געגרינדעטער האַנדלס-אַגענטור אין וואַרשע. אַכט טאָג, אַז זיי ליגן שוין, דאַכט זיך, דאָ ביי מיר אויפן טיש און איך האָב נאָך זיי נישט געעפנט. נאָר איצט האָב איך צייט, וועל איך זיי שוין איבערלייענען. דערנאָך וועל איך ליגן אויפן קושעט און וואַרטן אויף דיין בריף.

ס׳גרוסט און קושט דיך

דיין ליב מיידל.

כ

מיין ליב מיידל!

אַ דאַנק דיר, טײַערע, וואָס דו האָסט מיך אַזוי זאָרג-פעלטיק חתונה געמאַכט. דער שדוך געפעלט מיר. צפורה וועט זיין אַ געטריי און אַ גוט ווייב. זי וועט מיך אַרומוועבן מיט אַזוי פיל גוטסקייט און געטרייישאַפט, אַז מיר וועט זיך קיינ-מאָל נישט וועלן אַוועקגיין פון דער היים, און זי וועט אויך האָבן אַ גוטן מאַן. איך וועל מיין פרוי צוטיילן דאָס בעסטע, וואָס איך וועל נאָר קענען, אַזוי אַרום האָסטו אונדז ביידע שוין פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן. נאָר ערלויב מיר דיך אויך אַ קליין ביסעלע צו פאַרזאָרגן.

מיין ליב יום-טוב׳דיק מיידל — אָ, ווי אונפּראַקטיש דו ביסט!

מיט אַ גרינג האַרץ גיסטו אַוועק צפורה׳ן די היים, וואָס איך האָב דיר אָנגעגרייט, דעם מאַן, און אַלע רעכטליכע פּרי-ווילעגיעס. פאַר זיך דאַרפסטו נאָר מיין ליבע צו דיר. מיידעלע! שוועסטערל! פריינדעלע! מיינע דאַנקען, מיין, פאַרערונג און מיינע קושן דיר דערפאַר. דיין יום-טוב׳דיקע ליבע אָן אַ תכלית נעם איך צו, ווי די שענסטע מתנה, וואָס מיין לעבנס-גורל האָט מיר צוגעטיילט. נאָר, טייערע, איך מוז דיך וואָרענען

פריער וועגן זייער אַ וויכטיקן פּרט. אַזוי ווי איך בין זיכער, אַז איך וועל זיין אַ גוטער און אַ געווויסנהאַפטער מאַן, אויף אַזוי פיל בין איך נישט זיכער, אַז איך וועל עס קאָנען זיין אַלס געליבטער.

פאַרוואָס?

איך ווייס נישט, מיין גאָלדן געליבט מיידל, איך ווייס נישט. מעגליך, אַז אין דעם איז טאַקע שולדיק מיין הונדערט־פּראָצענטיקע יידישקייט. יידן זענען זייער גוטע מאַנען און זייער שלעכטע געליבטע. לויט דער מענערישער פּסיכיק פונם ייד, איז דוקא דאָס ווייב יום־טוב׳דיק פאַרהייליקט. זי בויט אים זיין הויז און איז פאַראייניקט מיט אים אין זיינע לעבנס־פליכטן. דערביי איז דאָס קינד ביי אים אַ היילִיקטום אין פולן זין פון וואָרט, און ליבע איז, לויט דער דאָזיקער פּסי־כיק, בלויז אַ גליקלעכע צופעליקייט, וואָס קאָן לייכט פּאַסירן מיט אים צו יעדער צייט, און פונקט אַזוי פלוצלונג, ווי עס איז געקומען, קאָן עס מיט דערזעלבער לייכטקייט אויך צערונען ווערן און אַוועק מיטן רויך, נאָך איידער ס׳וועט אפילו קומען אַ נייע ראָמאַנטישע פּאַסירונג. דעריבער, טייערע, ראַט איך דיר נישט, דו זאָלסט גיין מיט מיר אויף דעם דאָזיקן דערנער־וועג.

און פאַרוואָס האָב איך אין דעם נישט געוואָרנט צפורה׳ן?

גאָר פּשוט, קיין צייט נישט געווען דערצו, ווייל ס׳איז געווען אַ צופאַל. געווען איז עס איינע פון יענע ראָמאַנטישע פּאַסירונגען, וואָס טרעפן זיך אין לעבן צוליב געוויסע גינס־טיקע פאַרהעלטנישן, און ס׳האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. ווען דו ווינסט מיט מיר גאַנצע דריי חדשים אונטער איין דאַך פון אַ באַפלאַנצט פויעריש שטיבל צופוסנס פונם כרמל,

וואָלטן מיר אויך זייער ווייניק צייט געהאַט צו רעדן וועגן תּכלית, ווייל אין די טיף-בלויע נעכט, ווען דורך די אָפענע פענצטער שמעקט אַריין די זאַפטיקע לופט פון די נאָנטע שומרון׳ער גערטנער, איז דאָך תּכלית זייער אַן אומפּעטיקער ענין. און פאַראַן נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס איך האָב צפורה׳ן אין קיין זאַך נישט געוואָרנט. זי איז אַ לייכטער מענטש און זי נעמט דאָס לעבן פשוט אַזוי, ווי עס איז — מיטן גוטס און מיטן שלעכטס. זי קאָן זיך אויף גיך באַפריינדן מיט מענטשן, ווייל זי פאָדערט פון זיי זייער ווייניק, און ליב צו האָבן איז איר אַזוי גרינג. אַלע מאָל מוז זי עמיצן ליב האָבן. דעריבער האָט עס מיט איר געקאָנט געשען, אַז ביז אירע איין-און-צוואָנציק יאָר זאָל זי שוין האָבן הינטער זיך אַזעלכע ראָמאַנ-טישע איבערלעבונגען...

און זי פאַרבלייבט אַלע מאָל די זעלבע. אַט אַזוי גוט-מוטיק און ליבלעך קאָן זי נאָך עמיצן געבן אַביסעלע גליק אין לעבן. ביי מיר איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז ווען זי פאָרט איצט אַוועק קיין שומרון אינם קאָלעקטיוו, וווּ מען ערוואַרט זי יעדן טאָג, וואָלט, ביז זי וועט געבוירן דאָס קינד, אויפגעבליט ביי איר אַ ליבע מיטן חבר צבי, וועלכער האָט גענומען אויף זיך אַכטונג צו געבן אויף איר, זי זאָל זיין אַ געזונטע מאַמע. ער, דער חבר צבי, איז שוין אַ בחור אין יאָרן, אַ שווייגעדיקער, אַן איינזאַמער, און צפורה איז יונג, לעבנס-לוסטיק און תמיד מוז זי עמיצן ליב האָבן. אַזוי-אַרום וואָלט געוואָרן אַ שדוך. און ס׳וואָלט דווקא געווען גוט פאַרביידן. דער שווייגנד-פאַראומערטער צבי דאַרף האָבן אַ לייכט ביסל פרייד און דער לייכטער טאַנצנדיקער צפורה׳ן וואָלט זייער גוט צו נוץ געקומען

זיין ערנסטקייט און זיין ערלעך-שווייגעדיקע עקשנות.

דעריבער, טייערע, בין איך רויק פאַר צפורה׳ן. זי איז אַ פשוט׳ע און אַן איינפאַכע, איז איר גרינג צו געפינען פריינט און חברים, נאָר דו ביסט דאָך אַ באַפליגלט יום-טוב-מיידל מיט גרויסע ווייבליכע אַמביציעס. דו קוקסט דאָך אַלע מאָל אין דער הויך. איבער אַלעמענס קעפּ זוכסטו דעם איינציקן, וועמען ס׳איז אַזוי שווער צו געפינען. ווער וועט דיך טרייסטן אין דער שווערער מינוט, ווען דיין געליבטער וועט אַוועק פון דיר?

ניין, טייערע, גיי נישט אויף דעם דאָזיקן דערנער-וועג אפילו מיט אַזאַ זיכערן מענטשן, ווי איך. שפּיל זיך נישט אַזוי לייכטזיניק מיט דיין ביסל גליק, וואָס דו האָסט געפונען אין לעבן. דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז ליבע איז זייער אַן איידעלער ענין. יאָ, זייער אַן איידעלער ענין. פון יעדן בייז ווינטל קאָן עס אַוועק מיטן רויך. איך וואָלט דיר נישט געקאָנט צוזאָגן קיין פּינקטליכע שבת-וויזיטן אין שומרון, ווייל איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ לעבנס-פליכטן ס׳קאָנען ביי מיר זיין צו יעדן שבת. קיינמאָל וועל איך דיר נישט קאָנען זאָגן פאָראויס, ווען איך וועל קומען צו דיר און דו וועסט וואַרטן אין צער און אין בענקעניש, נישט וויסנדיק קיינמאָל, ווען דו וועסט מיך זען אין די אויגן. אָ, מיין ליב מיידל, אַלס געליבטע וועסטו ביי מיר זיין זייער אומגליקלעך!

ניין, איך קאָן דיך נישט מאַכן פאַר מיין צופעליק קוש-מיידל. ניין, טויזנט מאָל ניין! דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע, וואָס איך קאָן דיר געבן פאַר דיין ליבע אָן אַ תכלית, איז די יידיש יום-טוב׳דיקע תכלית-ליבע פון חתונה האָבן. יאָ, איך בין אַ הונדערט-פּראָצענטיקער ייד אין אַלע פּרטים.

און דעריבער, טייערע, ווארט אויף מיר נישט, ווייל איך וועל אלס געליבטער צו דיר נישט קומען. פארלעש דיין העלן אראנזש-לעמפל אין דיין איינזאמען מיידלשן צימער, און קום מאך ליכטיק ביי מיר אין הויז. צפורה׳ן וועל איך פארן גע-ווויר ווערן, נאר ס׳וועט דיר זיין פיל גרינגער צו ווארטן אויף מיר אין דערהיים, איידער דו וואלסט מיך געדארפט דער-ווארטן פון דערהיים אין דיין איינזאם מיידלשן ווינקל.

צפורה איז די קינפטיקע מאמע פון מיין קינד, און זי אליין דארף איך נאך א ביסל איבערקרענקען. נאר חתונה האבן, חתונה האבן מיט איר?... איך קאן מיר עס נישט פארשטעלן. זי וועט דאך ביז דרייסיק יאר ווערן א יאדערדיק כשר בהמה׳לע. אזעלכע פרויען בליען אפ זייער גיך און דאן ווערן זיי זייער נאריש. ניין, טייערע, איך דארף זי נאר אביסל איבערקרענקען און דערנאך וועט זי חתונה האבן מיט אן אנדערן. וועסט זען, זי וועט חתונה האבן מיטן חבר צבי און דאן וועט זי אונדז אפשר אפגעבן דאס קינד. איך האף, אז אזוי וועט עס זיין.

און דערווייל א דאנק דיר, וואס דו האסט איר געקויפט א מתנה. א דאנק דיר פאר דיין מענטשליכער באציונג צו איר. זי איז איצט אזא נעבעכל. דאס פנים׳ל איז איר אזוי געל געווארן. עפעס איז זי אזוי קינדיש, אומבאהאלפן. ביז זי וועט געבוירן דאס קינד מוז זי זיין אונטער מיין שוץ, זי זאל זיך נישט פילן קיין איינזאמע און פארלאזענע.

ווייטער איז גארנישט געשען. פארפאק דיין גראדנער וואליזע און קום צופארן. מיין מאמעס צירונג, וואס דו האסט אפגעשיקט פאר צפורה׳ן, האב איך פארשלאסן אין דיין געשפיגלטער קליידער-שראנק, ווייל ס׳געהערט נאר

דיר און דו ביסט די איינציקע פרוי, וועלכע האָט רעכט דערויף.

און אונדזערע נישט-געשריבענע תנאים, וואָס דו האָסט מיר אָפּגעשיקט, נעם איך נישט אָן. דו הערסט, מיידל, איך נעם זיי נישט אָן. זיי בלייבן אין קראַפט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט מיט זיבן חדשים צוריק, ווען מיר האָבן זיך אין בלויען באַגינען געזעגנט אין די בערג פון מוצא.

איך ערוואַרט דין

דיין גאַליציאַנער.

כא

מיין גאַליציאַנער!

שוין דעם דריטן טאָג, אַז איך ליג אויף דער אָטאָמאַנע איינגעהילט אין מיין זיידענעם לילאַ-געבלומטן קימאָנאָ-קלייד, וואָס איך האָב מיר געקויפט ספּעציעל צוליב דיר און טראַכט וועגן מיין געליבטן, נאָך וועלכן איך בענק אַזוי שטאַרק.

ניין, טייערער, ווייזט אויס, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט איך זאָל פאַרלעשן מיין העל אָראַנזש-לעמפּל אין מיין איינזאַמען מיידלשן צימער און שולדיק אין דעם איז דיין הונדערט-פּראָצענטיקע יידישקייט. אַזעלכער איז מיין גורל. דוקא האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ הונדערט-פּראָצענטיקן יידן. נאָר ווער בין איך, ווער בין איך עס אַזעלכע, וואָס מיר ווילט זיך גראָד ליבע אָן אַ תכלית? בין איך עס די אמת'ע הונדערט-פּראָצענטיקע גוי'ע, וואָס יאָגט זיך נאָך אַביסל פרייען געניוס פאַר יעדן פּרייז? און פאַרוואָס קאָן איך עס מיין מאַנס צופעליקע קעפּס-ווייב נישט ליידן? איז עס אויך גוי'עשקייט. אָט דיין חולאת צו צפּורה'ן, וואָס דו דאַרפסט עס נאָך איבערקרענקען, טוט מיר וויי ביז טרערן, ווי אַ וווּנד טוט עס מיר וויי און איך קאָן דערצו נישט העלפן...

ווילסטו, הייסט עס, נישט קומען צו מיר אַלס געליבטער.

אָט אַזוי קאָן איך ליגן אויף דער אָטאָמאַנע אין בענקעניש און אין צער טעג און וואָכן. מיין אָריענטאַליש זיידן קימאָנאָ-קליידל וועט צוקנייטשט ווערן. די רייצנדע לילאַ-בלומען וועלן פאַרווישט ווערן פונם זיידענעם געוועב. ס׳וועט צעריסן ווערן אויף שטיקער און דו וועסט אַלץ נישט קומען צו דיין געליבט יום-טוב-מיידל. איך אַ ווייב און צפורה אַ קעפּס-ווייב, — דאָס איז אמת׳ע הונדערט-פּראָצענטיקע יידישקייט... און פאַר אַ געליבטער האָסטו מורא, מעג עס אפילו זיין אַ מלאך מיט לילאַ-זיידענע פליגלען. אָ, ווי אומגליקליך איך בין, וואָס איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ הונדערט-פּראָצענטיקן ייד!

אַ שאָד, אַ שאָד, מיין ליבער, וואָס דו קאָנסט צו מיר נישט קומען. מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך אַוועקגעגעבן פאַר עטלעכע שעה, איך זאָל דיך זען אָט דאָ אין מיין איינזאַמען מיידלשן ווינקל, וווּ איך האָב זיך אַליין פאַרשלאָסן, ווי אַ זינדיקע נזירה. אַ באַהאַלטענע פאַר דער שיין פון טאָג ליג איך שוין דעם דריטן מעת לעת אויף מיין ווייכער אָטאָמאַנקע און שפיגל זיך נאָך אַלץ אין מיינע ווייסע הענט, וועלכע רויטלען זיך קעגן דעם אָראַנזשן-ליכט פון מיין העל-געצירטן טיש-לעמפל. קאָנסטו צו מיר נישט קומען? פאַר קיין אופן נישט? אָ, ווי דאָס טוט מיר וויי! נאָר זיי וויסן, טייערער, אַז איך קאָן אויך צו דיר נישט קומען. דו ביסט אַ הונדערט-פּראָצענטיקער ייד, קאָנסטו זיך דעריבער קיין געליבטע נישט נעמען און איך בין אַ הונדערט-פּראָצענטיקע אייראָפּעערן. ביז וואַנען צפורה איז דיין קעפּס-ווייב, קאָן איך ביי דיר אין הויז קיין האַרנטע נישט זיין. איך וואָלט עס זייער געוואָלט, נאָר איך קאָן נישט... קרעקנק עס כאָטש איבער. היי׳ל זיך אויס פון דיין קראַנקהייט צו איר, דאַן וועל איך קומען מאַכן ליכטיק ביי דיר אין שטוב.

אַ, דערווייל זאָל דיין מאַמעס צירונג ליגן פאַרשלאָסן אין דעם שפּיגל-שראַנק. זאָלן נאָך אַוועק אַ דריי-פיר חדשים. צפורה וועט געבוירן דאָס קינד און אויב דו וועסט זען, אַז דו קאָנסט זיך נישט אויסקורירן פון איר, וועסטו איר אַוועקגעבן דאָס אַלט-גאָלדענע קייטעלע פון גאַליציען, וואָס דיין מאַמע פלעגט אָנטון שבת און יום טוב אין שול אַריין צו גיין. דאַן וועסטו זיך מוזן אָפּזאָגן פון מיר אינגאַנצן און חתונה האָבן מיט צפורה׳ן כדת משה וישראל, כאָטש דו ביסט זיכער, אַז ביז דרייסיק יאָר וועט זי ווערן אַ נאַריש כשר בהמה׳לע. נאָר דערווייל זאָל זיין ווי דו ווילסט. נעמסטו נישט צוריק אונדזערע נישט-געשריבענע תנאים, וואָס איך האָב דיר אָפּגעשיקט, פאַרבלייבן זיי אין קראַפט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט אין בלויען באַגינען צווישן די בערג פון מוצא.

און וואָס וועל איך טון דערווייל? איך האָב שוין דאָס אויך צוגעטראַכט. ליגנדיק גאַנצע מעת-לעת׳ן אויף דער אָטאָמאַנע אַ פאַרליבטע און אַ פאַרבענקטע ביז משוגעת, מוז מען דאָך עפּעס צוטראַכטן. געדענקסט איך האָב דיר געשריבן וועגן היימאַנס צוויי בריף, וואָס ליגן שוין אַ וואָך ביי מיר אויפן טישל און איך האָב זיי ביידע נאָך נישט געענטפערט, געדענקסט עס? איז נעכטן פון אים אָנגעקומען אַ דריטער בריף און איצט, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, האָב איך די אַלע בריף איבערגעלייענט מיט קאָפּ. און איך האָב באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פּאָסטן, וואָס ער לייגט מיר פאָר ביי זיך אין זיין וואַרשעווער ביוראָ. ס׳איז אַן אויסלענדישע האַנדלס-אַגענטור און ער דאַרף האָבן אַ קאָרעספּאָנדענטין, וואָס זאָל שרייבן פריי ענגליש און פראַנצויזיש, ראַט ער מיר איך זאָל פון דער עגיפּטישער זומער-היץ קומען אַביסל זיך אָפּקילן קיין

פוילן. ער וועט מיר אין ביוראָ געבן די בעסטע אַרבעטס-באַדינגונגען. דערצו קאָן איך ביי זיין ברודער אין הויז האָבן זייער אַ גוטן צימער און אויך היימישן מיטאָג, וואָס מען וועט מיר רעכנען נישט טייער. זיין ברודער האָט אַ לוקסוס-וווינונג אין דער געגנט פונם זאַקסישן גאָרטן און זיין שווע-גערין איז אַ זעלטענע ווירטן, וועל איך אַזוי אַרום קומען אַביסל צו זיך פון מיינע העברעיש-חלוצישע ארץ-ישראל-שטימונגען. דערביי זאָגט ער מיר פייערלעך צו, אַז ער פאַר-שרייבט זיך אין דער ערשטער ריי צווישן די געסט פון מיין וואַרשעווער סאַלאָן. און ווען איך וועל פאָרן אַ היים קיין גראָדנע געוויר ווערן טאַטע-מאַמע, וועט ער מיך באַגלייטן ביז אין שטוב אַריין.

אַזוי פּלאַפּלט מיט מיר היימאַן אין זיינע בריף. נאָר דערויף איז ער דאָך אַן אַדוואָקאַט. ניין מאָס רייד האָבן זיי די אַדוואָקאַטן. און קנייטש נישט דעם שטערן. זיי נישט בייז, חבר פון גאַליציען. היימאַן איז אַ גרויסער דאַמען-פאַרוויילער. ביסטו נאָך אַלץ נישט צופרידן מיט אים? איך ווייס עס, מיין ליבער, האָסט פון אים נישט גאָר קיין הויכע מיינונג. נאָר אַ פּאָסטן אין זיין ביוראָ מעג מען דאָך אָננעמען. דערווייל וועל איך זיך אַביסל אָפּרוען. נאָך מיינעליידנדע טעג און נעכט, וואָס איך האָב די לעצטע צייט אויסגעפיבערט אין ליבע און איינפערזוכט צו דיר, וועל איך זיך פרווון אַביסל היילן מיט ביידע היימישע איינדרוקן. איך וועל זיך דורכשפּאַצירן איבער מיין שטילן גרויס-דאָרפישן גראָדנע און גלייך פון דער באַן וועל איך לויפן צום טייך זיך באָדן. דער ניעמאַן איז נאָך געוויס אַזוי שטיל און פאַר׳חלומ׳ט, ווי אַמאָל און אין די זומער-טעג דרימלט ער אין זיין גרינער וויג, צווישן די שאָטנס פון

די בוימער, וואָס שטייען אָנגעבויגן איבערן וואַסער.

יאָ, איך פאָר, טייערער, נאָר אויף עטלעכע חדשים ביז דו וועסט איבערקרענקען, ביז דו וועסט זיך אויסהיילן פון דיין קראַנקהייט צו צפורה׳ן און איך וועל מיר אויך דערווייל אַביסל שטאַרקן מיינע נערוון. גאָר פאַרווייבערט געוואָרן. נישט גוט אַזוי, גראָדנער ווילגעלערנטע חלוצה. דו ביסט דאָך עפּעס אַ בר־דעת. קום גיס מיך אָפּ מיט קאַלט וואַסער. לעש מיך אָפּ אַביסל. לעש מיין נאָגנדע בענקעניש נאָך מיין שלעכטן געליבטן, וואָס זיין הונדערט־פּראָצענטיקע יידישקייט לאָזט אים נישט קומען צו מיר.

יאָ, איך פאָר, נישט צו דיר, מיין גאַליציאַנער. ליידער, נישט צו דיר, נאָר קיין וואַרשע אַלס ענגלישע און פראַנצוי־זישע קאָרעספּאָנדענטין פון דער האַנדלס־אַגענטור ביי דעם אַדוואָקאַט היימאַן עט קאָמפּ. נאָר זיי רויק פאַר מיר. איך וועל נישט פאַרפאַלן ווערן. און איך וועל דיר שרייבן פּינקט־ליך יעדע וואָך, אַזוי ווי איצט. אַלע זונטיק, ווען דאָס ביוראָ איז פאַרמאַכט, וועל איך דיר שרייבן אַ הייס־האַרציק בריוועלע.

און איצט פאָר איך. שוין רוף איך אַריין די בעל־הבית׳טע פון דער וווינונג זי זאָל גיין מיט מיר ערגעץ פאַר־קויפן דעם טעפּיך. איך מוז זיך מיט אים צושיידן, ווייל ס׳פעלט מיר אויס געלט אויף הוצאות. נאָר ביז וואַרשע וועט נאָך זיין אפשר ווייניק, וועל איך זען נאָך עפּעס פאַרקויפן. נאָר וואָס? אַלץ, וואָס איך האָב זיך איצט געמאַכט, איז אַזוי שיין און אַלץ איז מיר אַזוי נויטיק. סיידן די לילאַ־זיידענע קימאָנאָ. איך האָב דאָך עס געקויפט ספּעציעל צוליב דיר און אַז דו קומסט נישט, איז עס שוין מיר לחלוטין איבעריק. נאָר

ס'איז אַזאַ הערלעך שטוב-כּאַלאַטל. דאָס געוועב איז אַזוי דין, די לילאַ-בלומען רייצן דאָס אויג און די אַרבל זענען אַזוי ווי פליגלען. אַז איך פאַרשפּילע זיך הויך די האָר, זע איך אויס, ווי אַ יאַפּאַנערן. ניין, די זײַדענע קימאָנאָ בלײַבט מיט מיר! נאָר איך מוז דאָך עפּעס פאַרקויפן. סײַדן... סײַדן צפּורה'ס מתּנה... וועסט זײַן זייער ברוגז אויף מיר, ווען איך וועל איצט פאַרקויפן דאָס אויסגענייטע קליידל אינם אַראַבישן סטיל, וואָס איך האָב געקוירט פאַר צפּורה'ן?

זײַ נישט בייז, טײַערער, איך מוז דאָך האָבן אויף הוצאות ביז וואַרשע. איך שיק דיר אָפּ די העמדער, וואָס איך האָב דאָ געקויפט פון דײַנעטוועגן. טראָג זיי געזונטערהייט, מײַן ליבער!

איך גיב גלײַך היימאַנען אַ דעפּעשע, אַז איך קום צו-פאָרן. ווינטש מיר, טײַערער, אַ גליקלעכע רייזע און שרייב קיין וואַרשע פּאָסט-רעסטאַנט.

ס'גרוסט דיך און קושט דיך

דײַן ליב מיידל.

כב

מיין גאַליציאַנער!

אַ גרוס דיר פון ווין. ס׳איז דיין ווין, וואָס דו האָסט אַזוי ליב. שוין דעם צווייטן טאָג, אַז איך בלאָנדזשע דאָ אַרום איבער דער עלעגאַנט-געמיטלעכער שטאָט און טראַכט וועגן דיר. האָסט דאָך דאָ געוווינט יאָרן-לאַנג, געווען דאָ אַ סטודענט, געזוכט לעקציעס, געשפּאַנט טאָג-טעגלעך אין דער אוניווערסיטעט, געגאַנגען אויף קאָנצערטן און געגעסן מיטאָגן אין ביליקע קיכן. גאַנצע צוועלף יאָר האָט עס געדויערט און דוקא איצט ביסטו דאָ נישטאָ. וווהין איך גיי, דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל דיך ערגעץ דאָ באַגעגענען אין דיין גראָען רעגן-מאַנטל מיטן ספּאָרט-היטעלע איבערן שטערן. געדענקסט, האָסט מיר דערציילט, ווי אַזוי דו ביסט געקומען אַהער. פונם מונ-קאַטשער „שטיבל״ ביסטו גלייך אַוועק צו דער באַן. דיין טאַטע האָט געמיינט ס׳איז אַ שפּאַס און דו האָסט דיך שוין אין דיין גאַליציש שטעטעלע נישט אומגעקערט.

אַמאָל, אין אַ פרייטיק צו נאַכט האָסטו דאָס מיר דער-ציילט, ווען מיר האָבן ביידע אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די שומרונער פעלדער. נאָר וווּ ביסטו איצט, טייערער? וואָלסט דאָ מיט מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפע טרינקען אַ גלעזל

קאַווע. דערבײַ וואָלטן מיר אַביסל געפּלאַפּלט, זיצנדיק אין אַ ווינקל אויף אַ גרין־פּלושענער אָטאָמאַנקע. אַזעלכע שײנע און געמיטלעכע ווינקעלעך דאָ אין די קאַפּעצן!

דעם נעכטיקן אָוונט האָב איך דאָ אַרומגעבלאָנדזשעט מיט דײַן בעל־הבית'טעס בײדע זין. פון אײן קאַפּע אין דער צווייטער זענען מיר געגאַנגען. מיר האָט זיך דורכאויס געוואָלט הערן מוזיק און אין אײן אָוונט האָב איך געהערט שפּילן דײַטשן, אונגאַרן און רומענער. יאָ, מײַן ליבער, איך האָב דאָ אָפּגעזוכט די פרוי קראַוזע, וואָס דו האָסט מיר פון איר דערציילט. לאַך נישט. איך בין אינגאַנצן ענלעך אויף דיר. איך טו אַלץ, וואָס מיר ווילט זיך. דערצו געדענק איך זייער גוט אַלץ, וואָס דו האָסט מיר ווען ס'איז דערציילט, אפילו וועגן דײַן ווינער בעל־הבית'טע, די גרויסע און ברייט־בייניקע פרוי קראַוזע.

דאָך איז עס געווען אַ צופעליקייט. אין אַלעקסאַנדריען האָב איך אַזוי גוט פאַרקויפט מײַן ליב־געבלומטן טעפּיך, אַז אַ חוץ רייזע־הוצאות אויף דער שיף און אַ באַן־בילעט קיין וואַרשע איז מיר נאָך געבליבן אַ גאַנצער פונט שטערלינג און ס'איז מיר אײַנגעפאַלן, פאַרבײַפאָרנדיק, אָנקוקן ווין. האָב איך גענומען טראַכטן, ווי אַזוי אײַנצואָרדנען עס, איך זאָל אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן שום באַקאַנטע, מיט אײן פונט שטערלינג אין טאַש קאָנען זען אַלץ, און איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער גוטער פרוי קראַוזע. איך מיט איר זענען דאָך עפּעס קרובות. דײַן בעל־הבית'טע געווען, בײַ איר טיש האָסטו געגעסן פרישטיקט און אָוונט־ברויט געגעסן. לאָמיר זען, ווי אַזוי די ווינער גוטמוטיקע פרוי קראַוזע וועט אויפנעמען איר אַמאָליקן שכנ'ס אַ קוזינקע.

אַזוי האָב איך באַשלאָסן פאָרצושטעלן זיך פאַר איר און איך בין צוגעפאָרן אין אַדרעסן-אַמט זיך נאָכפרעגן וועגן איר וווינונג, נאָר ערשט זיצנדיק אין טראַמוויי האָב איך זיך דערמאָנט, אַז זי הייסט מאַרטאַ און פאַר עטלעכע גראָשן האָט מען די מיר דאָ אָפּגעזוכט זייער העפליך. און שטעל זיך פאָר, אַז איר זון עפנט מיר אויף די טיר, ער פירט מיך אַריין אין איר קליינעם אַלטפרענקישן סאַלאָנכל. בעטנדיק אויפצוואַרטן אויף דער מאַמען, און איך דערזע פלוצלונג אויף דער וואַנט דיין בילד, אויף אַ פאָסט-קאַרטל, אַ בילד פון דיינע סטודענטן-יאָרן מיטן קאָרפּאָראַנטן-צייכן אין לאַץ. יונג, געזונט, נאָר פאַרקלערט אין זיך און מיט קאַלט-ערנסטע בליקן צו דער וועלט, ווי תמיד. דערזעלבער, דערזעלבער. מיין גאַליציאַנער! אָט פון דעם אַנטלויף איך עס איצט קיין וואַרשע זוכן פאַרגעסנהייט ביי די ענגליש-פראַנצויזישע קאָרעספּאָנדענץ-בריף פונם אַדוואָקאַט היימאַנס האַנדלס-אַגענטור. יאָ, ס'איז מיין בייזער גייסט פון גאַליציען! און דאָך, ווי אַזוי ליב ביסטו מיר, אָט אַזוי מיט דיינע קאַלט-קלוגע בליקן, אַ פאַרקלערטער אין זיך.

איך האָב זיך אַזוי פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף דיין בילד, אַז איך האָב נישט באַמערקט, ווי עס איז אַריינגעקומען די פרוי קראַוזע. אָ, ווי גרויס און שווער זי איז. אַ ריז אין באַלקן אַריין, נאָר דאָס פעט-גלאַנצעדיקע פנים איז איר צעשמייכלט אין דער ברייט, ווי ס'וואָלט זיך צעגאָסן אין אַ גוטמוטיקער פריינדליכקייט. יאָ, טייערער, האָסט געשמאַק אפילו צו בעל-הבית'טעס. זי געפעלט מיר, דיין פרוי קראַוזע און דו האָסט דיך אין איר נישט גענאַרט. האָסט געמעגט זען מיט וואָס פאַר אַ פרייד זי האָט מיך אויפגענומען, ווי זי האָט

דערהערט, אַז איך בין דיין קוזינקע. גלייך הא̈ט זי מיך פּאַר-געשטעלט דעם זון. איידער איך הא̈ב זיך אַרומגעקוקט, איז שוין פאַר מיר גרייט געווען אַ וואַנע, איך זאָל זיך אָפּפרישן פון וועג, און אַז איך בין אַרויס פון באַדע-צימער, הא̈ט זי שוין געוואַרט נעבן דעם געגרייטן טיש פון כּל טוב. דער זון הא̈ט זיך אַנטשולדיקט. ער איז געשטאַנען מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, גרייט אַוועקצוגיין צו זיין אַרבעט. ער הא̈ט מיר פאַרגעלייגט ווייזן די שטא̈ט, נאָר ער ווערט ערשט פריי פינף אַזייגער, דאַן שטייט ער מיר צו דינסט אויף אַ גאַנצן אָוונט. איך הא̈ב אים געדאַנקט און זיך געזעצט צום טיש עסן פרישטיק צוזאַמען מיט דער פרוי קראַוזע, און אַזוי האָבן מיר געמיטליך און ווייבעריש געפּלאַפּלט אַ גוטע פּאַר שעה.

זי הא̈ט מיר געוויזן איר מיידלשן אַלבאָם מיט די אונ-טערשריפטן און גליקוואונשן פון אירע אַמאָליקע יוגנט-פריינט. קיין שטויבעלע איז נאָך אויף אים נישט געפאַלן פאַר די לאַנגע יאָרן, וואָס ער ליגט ביי איר אין סאַלאָן אויפן טישל. ווען עס קומען געסט צו אירעביידע זין, לעזן זיי אַלע מאָל דער מוטערס יוגנט-אַלבאָם און אַמוזירן זיך דערביי זייער גוט. דאָס מיידל פונעם אַמאָליקן ווין, זאָגט זי, איז אַ סך גליקלעכער געווען ווי די היינטיקע יוגנטלעכע ווינערן. געווען דאַן גוטע און פריילעכע צייטן. ווין איז געווען די קרוין-שטא̈ט פון אַ גרויס-עסטרייך. ס׳איז געווען די שטא̈ט פון טאַנץ און יוגנט-לעכקייט און יעדעס מיידל הא̈ט געבליט, ווי אַ בלום.

ווער עס געדענקט, ווי אַזוי ווינער מיידלעך האָבן זיך אַמאָל געווילט ביי די קאַרנאַוואַל-פאַרוויילונגען און די ווינער מיידלשע טאַנץ-לוסטיקייט פון די ווינטער-בעלער.

— ניין, היינט איז שוין נישט דאָס — זיפצט די גרויסע

און ברייטבייניקע פרוי קראַוזע – ווין איז פאַראָרעמט און פוסט געוואָרן. פון דער שטאָט איז אַראָפּ דער גלאַנץ. ס׳איז אַוועק די פרייליכקייט און די יוגנט איז פאַרזאָרגט. די יונגעלייט טראַכטן דורכאויס וועגן די פאַרדינסטן, וואָס זענען אַזוי קאַרג, און די מיידלעך זענען פאַר׳דאגה׳ט איבער חתנים וואָס לאָזן זיך נישט כאַפּן אויס ליבע, ווי אַמאָל. די יוגנט האָט קיין לוסט נישט צו ווייזן זיך. און זי, די פרוי קראַוזע, איז צו-פרידן, וואָס איר מיידלשע יוגנט האָט זי אויסגעטאַנצט נאָך אין יענע גוטע צייטן, ווען ווין איז נאָך געווען אין קרוין-גלאַנץ פון טאַנץ-לוסטיקייט און פיין-געמיטלעכער סאַלאָן-פרייד.

זי האָט מיר אויך פיל דערציילט וועגן דיר. דו געפעלסט איר. ביסט אַ קלוגער און אַן ערנסטער מענטש. האָסט זיך אויסגעצייכנט אויף דיין פאַקולטעט מיט גוטע פעיקייטן. נאָר מיט פרויען ביסטו שוין צופיל ערנסט. אַזוי איז איר מיינונג. פאַר די דריי יאָר, וואָס דו האָסט ביי איר געוווינט, האָט זי דיך קיינמאָל נישט געזען פאַרברענגען מיט קיין פרוי. תמיד ביסטו געזעסן פאַרטיפט איבער די ביכער, אומעטום פלעגסטו גיין אַליין און געקומען זענען צו דיר אַלע מאָל ערנסטע מענטשן, ווי דו אַליין ביסט. די לעצטע צייט פלעגט איינער קומען מיט אַ דאַמע. נישט קיין שיינע געווען, נאָר אַ יונגע און אַ לוסטיקע. זי מיט איר מאַן זענען, דאַכט זיך איר, ביידע געווען דיינע פריינט פון דער היים, פון דיין גאַליציש שטעטל. די דאַמע איז געווען אַזוי גוט און אַזוי ליבלין און דו פלעגסט אַלע מאָל אַנטלויפן, זי זאָל דיך אין דער היים נישט טרעפן. צו ערנסט. אַ יונגער מענטש דאַרף זיך האַלטן אַנדערש. אַזוי מיינט די פרוי קראַוזע, וועלכע געדענקט נאָך אַזוי גוט אירע ווינער מיידלש-טאַנצנדיקע יאָרן. זי, די גוטע

און ברייט-באַשמייכלטע בעל-הבית'טע דיינע, איז זיכער, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט חתונה האָבן...

האָסט מיין מזל, טייערער. מיך האַלטן אויך אַלע זייער פאַר אַן ערנסטן און באַשיידענעם מענטשן. און אַ פאַרקערטע וועלט געוואָרן: ווינער טאַנץ-בחורים און טאַנץ-מיידלעך טראַכטן וועגן תכלית און איך מיט דיר, צוויי באַשיידענע ערנסטע מענטשן, קרענקען אויף ליבע...

און איצט זאָג מיר אַ דאַנק פאַר מיין ווינער גרוס צו דיר. די פרוי קראַוזע מיט אירעביידע זין וועלן דיר דאָ אויך צושרייבן עטליכע ווערטער. זיי, די זין, זענען נישט אַזוי אינ-טערעסאַנט, ווי די מאַמע זייערע. נאָר אַ דאַנק זיי, וואָס זיי האָבן מיך אַביסל באַקענט מיט דער שטאָט ווין. מיר האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין דרייען ביז נאָך צוויי ביינאַכט. זיי זענען אויך פון דיר זייער אין אַ גוטע מיינונג. צופרידן?

אין ווין פאַרבלייב איך נאָך צוויי שעה און גיי נאָך מיט דער פרוי קראַוזע אַביסל שפּאַצירן. איך וויל נאָכאַמאָל זען די ווינער שוי-פענצטער ביים שיין פון טאָג. דערנאָך באַ-גלייט זי מיך צו דער באַן. דעם חשבון האָט זי שוין געמאַכט. נאָך אַלע אויסגאַבן בלייבט מיר נאָך איבער אַ דאָלאַר. זי איז אַזאַ ווילדע, דיין בעל-הבית'טע, נאָר דיין בילד וויל זי מיר נישט געבן, און מיר געפעלט עס אַזוי.

נו, פאַרבלייב געזונט, ווינער סטודענט מיטן קאָרפּאָראַנטן-צייכן אין לאַץ. איך וויל, אַז אויף דער וואַרשעווער פּאָסט זאָל איך מאָרגן געפינען דיינעם אַ בריף.

אַזוי וויל דיין ליב מיידל.

כג

מיין ליב מיידל!

האָסטו מיך, הייסט עס, אָוועקגעוואָרפן. פשוט גענומען און אַנטלאָפן מעבר לים. גראָדנער ווילגעלערנטע ליטוואַטשקע, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון? אפילו נישט געקומען זיך זען מיט מיר. געלעגן טעג און נעכט אויף דער אַטאָמאַנע אַ פאַר־בענקטע נאָך מיר און אַנטלאָפן קיין וואַרשע זוכן אַ טרייסט ביי היימאַנען. אויך האָסטו נישט פאַרגעסן מיטצונעמען די לילאַ-זיידענע קימאָנע, וואָס דו האָסט געקויפט ספּעציעל צוליב מיר.

שלעכטע ליטוואַטשקע, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון? האָסטו מיך געוואָלט דערמיט אויספּרווון, ווי שטאַרק מיין ליבע איז צו דיר, אָדער ס'איז בייז-ווייבליכע נקמה? ווילסט מיך שלאָגן פון וואַרשע מיט דערזעלבער בייטש, וואָס איך האָב אָנגעווענדט צו דיר פון חיפה. האָב איך זיך אין בענ־קעניש נאָך דיר געטרייסט מיט צפורה'ן, ווילסטו דערפאַר דיין הייס-פאַרליבט האַרץ, וואָס בענקט נאָך מיר, לעשן מיט די ליבעס-דעליקאַטעסן פונם אַדוואָקאַט היימאַן.

יאָ, ס'איז אַ פיינער איינפאַל, האָסט עס גוט צוגעטראַכט. נישט אומזיסט ביסטו געלעגן אויפן קושעט צוויי מעת-לעת מיט

היימאַנס וואַרשעווער בריוולעך אין די הענט. נאָר, מיין טייער, קלוג מיידל, האָסט אַ שלעכטן שדוך געטון. ווען איך קען נישט היימאַנען, וואָלט דיין אויפטו אפשר געהאַט אַ באַדייטונג און עס איז גאַנץ מעגליך, אַז דערמיט וואָלט דיר געלונגען אַרויס-צורופן ביי מיר אַזאַ ווילד אייפערזוכטס-געפיל, איך זאָל דאָ אַוועקוואַרפן אַלץ און קומען צו לויפן צו דיר קיין וואַרשע. איך קען אָבער היימאַנען און דעריבער זאָג איך דיר, אַז דו האָסט זיך אָפּגענאַרט מיטן שדוך. צפורה איז טאַקע נישט קיין גרויסע חכמה און ביז דרייסיק יאָר וועט זי זיכער ווערן טעמפּ, ווי אַ שטיק האָלץ, דאָך איז זי אַ מילד, בלאָנד-לוסטיק מיידעלע, וואָס יעדער איינציקער מוז זיך אויף איר אומקוקן. נאָר איך קאָן זייער גרינג פאַרבייגיין היימאַנען.

מיידל טייערע, זיי וויסן, אַז איך וועל דיך נישט אייפערן צו אים און דעריבער איז אַן עבירה דיין אַרבעט. פאָר זיך דורך קיין גראָדנע מיט אַ וויזיט צו טאַטע-מאַמע, באָד זיך אויס אין דיין גרין-פאַר׳חלומ׳טן ניעמאַן און גלייך זאָלסטו פאָרן קיין חיפה צו דייי שלעכטן געליבטן, וואָס ערוואַרט דיך דאָ.

וועסטו אַזוי טון, אָדער ס׳וועט זיך דיר דאָך גלוסטן אַרבעטן אַביסל ביי היימאַנען אין ביוראָ, ער זאָל זיך פאַר-שרייבן אין דער ערשטער ריי צווישן די באַזוכער פון דיין וואַרשעווער סאַלאָן? נאָר דערביי מוז איך דיך וואָרנען נאָך אין אַ פּרט: אַזוי ווי דיין שעף קלויבט זיך ווערן דיין פריינט, וועט דיר נישט שאַדן צו וויסן יויפל פרויען דער געערטער אַדוואָקאַט קושט יעדן טאָג. ביי אים איז קושן אַ פרוי אַזוי גרינג, ווי שיילן און עסן יאַדערן. מיין ליב מיידל, דו הערסט, פונקט ווי צו עסן יאָדערן! אויף יעדן אָרט און צו יעדער

צייט קושט ער פרויען, ער קושט אפילו די וואָס געפעלן אים נישט, פשוט אַזוי קושט ער, פון פוסטקייט, פון זעטיקייט. נו, ווי יאָדערן עסן... יאָדערן עסט מען דאָך נישט, ווייל מען איז הונגעריק, נאָר גלאַט אַזוי זיך, אַז עס קומט צו די אויגן, גיט מען אַ כאַפּ אַ הייפל און מען שיט עס אין מויל אַריין...

געפעלט דיר, טייערע, די ראָל פון אַ הייפל יאָדערן אין מויל פונם עלעגאַנטן ווייבער-קושער הײמאַן? צוליב עפּעס האָט ער דאָך דיך אַרויסגעפאָדערט אַזש פון עגיפּטן. נישטאָ אין וואַרשע קיין ביוראָליסטינס וואָס קענען פראַנצויזיש און ענגליש? נאָך נישט געווען דער צופאַל, אַז הײמאַן זאָל אַ פרוי אַ טובה טון אומזיסט. און אויב דו מיינסט, אַז דו ביסט ביי אים אַן אויסנאַם אין דעם פרט, האָסטו אַ טעות. מיט דיר באַגייט ער זיך אַביסל איידעלער, ווי מיט אַנדערע, ווייל ער איז נאָך אויף אַזוי פיל פרויען-קענער צו פאַרשטיין, אַז דו ביסט נישט קיין וועלכע עס איז קוש-מיידל, וואָס מען קאָן צו דיר צוגיין אַזוי פשוט. האָט ער עס געטון ריטערליך-דיפּלאָמאַטיש און האָט דיר די שטעלע געגעבן אויף קרעדיט. נאַטירליך, איז עס אַ מדרגה, דאָס הייסט, אַז דו ביסט ביי אים קרעדיט-פעיק און ס׳לוינט אים צו ריזיקירן. נאָר די שטעלע איז דאָך ביי אים אין די הענט און וועט אים נישט לוינען, וועט ער צו יעדער צייט קאָנען חרטה האָבן.

נאָר וועגן הײמאַנען האָב איך נישט וואָס צו רעדן. איך קען אים גוט פון ווין און נאָך מער פון קראָקע און פון וואַרשע. איך האָב דיר בלויז געוואָלט אינפאָרמירן מיט וועמען דו האָסט צו טון. ווייטער איז מיר עס אַלץ צו גוט פאַרשטענדלעך... איין זאַך איז מיר נאָר שווער צו באַגרייפן. נאָכמער

קאָן איך נישט תּופס זיין, ווי אַזוי מיט דיר האָט עס געקאָנט געשען. וואָס איז דאָ געמיינזאַמעס צווישן דיר, מיין באַפּליגלט יום-טוב-מיידל, מיט אַ פּאַרשוין, וואָס קושן פרויען איז ביי אים אַלץ איינס ווי עסן יאָדערן נאָך אַ זאַטן מיטאָג-טיש? וואָס פאַר אַן אינטערעס האָסטו, אידעאַלע ווילגעלערנטע חלוצה צו פירן אַ פריינדלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ געוויסנלאָזן פּוסט-האָפּעדיקן בחור, וואָס האָט דורכגעשפּאַצירט די יורידישע פאַקולטעט בלויז צו באַקומען פאַר זיך אַ שרייענדיק באַרוף-פּאַפּירל, ס'זאָל זיין מיט וואָס זיך פאָרצושטעלן אין דאַמען-געזעלשאַפט?

מוז דאָך זיין עפּעס אַן אינטערעס צווישן אייך ביידען, אַז דער עלעגאַנטער ווייבערניק היימאַן געדענקט צו שרייבן דיר אָפּטע ידידי-בריוועלעך קיין עגיפּטן און דו, די אידעאַלע העברעישע פּיאָנערן פון אַלעקסאַנדריען, אַ פאַרליבטע ביז משוגעת אין אַן אַנדערן, האָסטו דאָך אין זינען צו ענטפערן אים אין אַזאַ מילדן טאָן, אַז עס איז מעגליך, ער זאָל דיך אַרויסרופן קיין וואַרשע צו זיך אויף אַ פּאָסטן. ווייס ער כאָטש, אַז דו ביסט מיין כּלה, אָדער דו האָסט עס אים פאַרגעסן צו זאָגן?

איך וואָלט דיר זייער דאַנקבאַר געווען, ווען דו ערקלערסט עס מיר, ווייל די זאַך קומט מיר פאָר פּשוט משונה. און דאָ גייט מיר נישט אין היימאַנען, ער אינטערעסירט מיך נישט. איך וויל נאָר דיך פאַרשטיין. מיר איז עפּעס אַזוי נישט היימלעך פון דיין אַנטלויפן צו אים אַלס קאָרעספּאָנדענטין פון זיין וואַרשעווער ביוראָ. עפּעס זע איך דיך איצט אין אַן אַנדער ליכט. פאַרמאָגט אָט דער שיינער לאָבוז די קראַפט צוּגטערצוּרייסן דיינע פליגלען?...

יום-טוב-מײדל, ענטפער...

איך שרײב דיר קײן װאַרשע „פּאָסט-רעסטאַנט״, װי דו, מײן ליבע האַרנטע, האָסט מיר באַפױלן, און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר גלײך ענטפערן אויף דער אײן-און-אײנציקער פראַגע: איך װיל נאָר װיסן, װאָס איז דאָ געמײנזאַמעס צװישן דיר מיט הײמאַנען. שרעקלעכע מענטשן זענען פרויען! מלאך און טײװול לעבן אין זײ צוזאַמען, און פילן זיך בײדע נישט שלעכט. איז ער טאַקע אַזאַ שײנער, הײמאַן? איך װײס נישט. איך בין אויף די זאַכן אַ גרויסער עם-הארץ. יאָ, ער איז הויך געװאַקסן און איז גאַנץ פײן געבויט. נישט אומזיסט האָט ער אַזאַ גרויסן ערפאָלג בײ פרויען.

נאָר װי קומסטו צװישן דעם דאָזיקן באַנאַלן קוש-געזינדל פונם געערטן אַדװאָקאַט? דו, מײן געליבט מײדל מיט דער לילאַ-זײדענער קימאָנע, װאָס דו האָסט זיך געקױפט אין עגיפּטן ספּעציעל צוליב מיר, דעם אײן-און-אײנציקן, װאָס האָסטו צו טון צװישן דער װײבליכער פלירט-חברה, װאָס קושט זיך פון לײדיק-אומגײן מיט הײמאַנען?

אָ, מײן טײערע, עפּעס איז מיט דיר נישט אין אָרדנונג. רוף מײן גראָדנער קלוגע חבר׳טע, זי זאָל דיך באמת אָפּגיסן מיט קאַלט װאַסער. אַז דו װעסט זײן אין גראָדנע, זאָלסטו זיך באָדן אין דײן גרין-פּאַרשאָטנטן ניעמאַן דרײ מאָל אַ טאָג. עס זאָל פון דיר אַראָפּ הײמאַנס גאַלאַנט-װאָכעדיקע טומאה.

משונה, משונה, מײן ליב מײדל!

אַ גרוס דיר פון צפורה׳ן. איך האָב איר דערצײלט, אַז דו ביסט אַנטלאָפן פון מיר קײן װאַרשע, װײל דו אײפערסט מיך צו איר, האָט זי זיך צעשמײכלט זײער מילד און גענומען פּאַקן דאָס רענצל גלײך אַװעקצופאָרן קײן שומרון. איך

בין איר געפֿאַלן צו די פֿיס און האָב זי געבעטן זי זאָל מיך איצט נישט פֿאַרלאָזן, װײל איך קאָן איצט נישט זײן אַלײן, האָט זי מספּים געװען צו בלײבן ביז דו װעסט ענטפֿערן, װען דו דענקסט צו קומען. קײן אײן מינוט, זאָגט זי, װיל זי נישט דו זאָלסט טראַכטן, אַז זי שטערט דיר דײן גליק. אַלײן װעט זי האָדעװען דאָס קינד און זי באַפֿרײט מיך פֿון אַלע מײנע פֿאָטערליכע פֿליכטן.

נאָר איך אַלײן קאָן זיך פֿון מײנע פֿאָטערליכע פֿליכטן נישט באַפֿרײען, און דו האָסט דאָך אײנגעשטימט דערצו. װילסט דאָך ליב האָבן מײן קינד, װי דו האָסט מיך ליב.

טײערע, פֿאַרענדיק גלײך מיט הײמאַנס אַװאַנטורע. איך שיק דיר געלט אויף רײזע־הוצאות. געזעגן זיך אָפּ מיט גראָדנע און קום צופֿאָרן

יאָ, ס'איז מיר אַביסל ענג אין קאָפּ! װי קומסטו צו הײמאַנען? נײן, גלײך קום צופֿאָרן!

דײן גאַליציאַנער.

כד

מיין גאַליציאַנער!

אַ גרוס דיר פון וואַרשע און אַ דאַנק דיר פאַר דיינע צוויי בייז-גאַליקע בריוולעך. זיי האָבן דאָ געוואַרט אויף מיר אין דער וואַרשעווער פּאָסט. גוט האָסטו געטון, מיין ליבער, וואָס דו האָסט מיך אַזוי אויסגעמוסר׳ט. אַמאָל, אַז איך בין געווען אַ קליין מיידל, פלעגט מיך מוסר׳ן מיין טאַטע. נאָר איצט טוט ער עס שוין נישט. געזען, אַז עס שטייט נישט צו מעגליך, אַז דיר וועט עס בעסער געלונגען, ווייל איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר פאַרן ביסל חוזק איבער מיין פריינטשאַפט מיט היימאַנען... איך שיק דיר צוויי קושן דערפאַר. דו ביסט אַ קלוגער יונגערמאַן, גאַליציאַנער. מיר דאַכט, אַז איך מעג דיר נאָך צוגעבן אַ דריטן קוש אויך.

ווילסטו, הייסט עס, קלאָרע דבורים? היימאַן אינטערעסירט דיך נישט, דו ווילסט נאָר מיך פאַרשטיין. וואָס איז דאָ געמיינזאַמעס צווישן מיר מיט אַזאַ מין קוש-אַדוואָקאַט? גוט איך וועל עס דיר ערקלערן: איך ווייס נישט. געפעלט דיר אַזאַ מין ערקלערונג? פשוט, איך ווייס נישט און שוין. ס׳איז געשען צופעליק. מיר איז געווען זייער אומעטיק. דאָס האַרץ האָט געבאָגט און געבענקט נאָך דיר, האָב איך זיך דערמאָנט

ליגנדיק אַזוי אויף דער אָטאָמאַנקע אין מיין איינזאַמען מיידלשן צימער, אַז דו האָסט מיר אַמאָל געשריבן וועגן אַ ביסל פרייד, וואָס דיר האָט געפעלט, ווען דו האָסט געוווינט אין דיין אויבער-שטיבל פון דער דייטשישער קאָלאָניע און מיט דיר אונטער איין דאַך האָט אין דער זויבער-געווייסטער קיך פונם אַלטינקן ווינער דאָקטאָר צפורה דורך די נעכט גע-וויינט אין דער שטיל אויף דוב׳ס יונגן טויט. זי האָט אויך געבענקט נאָך איר ביסל פרייד, וואָס איז איר פאַרלוירן גע-גאַנגען. האָב איך אַ טראַכט געטון וועגן דעם און ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך וואָלט איצט מיט אַ ביסל פרייד אויך געדאַרפט קילן מיין הייס-נאָגנדע בענקעניש.

הייםאַנס בריף זענען געווען בלויז אַ צופעליקייט. נאָר איצט בין איך צופרידן דערפון. ווען ער קומט נישט אונטער מיט זיינע בריף וועגן דעם וואַרשעווער פאָסטן פון זיין ביוראָ, וואָלט איך אפשר משוגע געוואָרן. און נאָך ערגער וואָלט געווען, ווען איך פאַר זיך איצט זען מיט דיר. איך וואָלט אַזוי געקאַפּריזעט פון אייפערזוכט צו צפורה׳ן, אַז דו וואָלסט מיך פיינט געקריגן. הערסט, טייערער, דו וואָלסט מיך נישט געוואָלט מער זען פאַר די אויגן. איך וואָלט דיר אַזוי פאַר-אומערט דאָס לעבן, אַז דו וואָלסט פון מיר אַנטלאָפן אין דער ווייטער וועלט אַריין, און דערפאַר האָב איך מורא געהאַט. איך וויל נישט, דו זאָלסט מיך זען אין מיין ווייבלעכער קליינ-קייט. מיין גאַליציאַנער, ווען דו ווייסט, ווי אַזוי ווייבעריש-נישטיק איך קאָן אַמאָל זיין!

און דעריבער וויל איך נישט זיין דיין „אשה רעה" צו פייניקן דיך פאַר דיין ערלעכער און ליב-מענטשלעכער באַציונג צו דער מאַמע פון דיין קינד. מיט אַ געדריקט און צעווייטיקט

געמיט מוז איך זיך ווידער אָפּזאָגן פון דיין פאָרשלאַג, איך זאָל איצט קומען צו דיר. אפשר איז מעגליך, דו זאָלסט בעסער קומען צו מיר קיין וואַרשע, וועלן מיר פאָרן קיין גראָדנע. און דאָרט ביי אונדז אין שטוב שטעלן אַ היימיש-קליינשטעטל-דיקע חופה. וועסט אויך איינלאַדן דיין טאַטן פון גאַליציען. דו זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט אים ליב און דו קאָנסט דיך מיט אים צונויפרעדן, כאָטש צווישן אייך ביידן שטייט די פעסטע ווענט פון ווינער אוניווערסיטעט און דעם מונקאַטשער „שטיבל". אַן אַלטער מאַן, וועסטו אים אָנטון אַ נחת-רוח. זאָל ער זען, דער מונקאַטשער חסיד, מיט וועלכע ליטוואַקעס זיין בן-יחיד האָט זיך משדך געווען און זאָל ער קאָנען זיין איינציקע שנור.

איז עס מעגליך?

צפורה האָט דאָך סיי-ווי באַשלאָסן אַוועקפאָרן קיין שומרון. און דאָס קינד דאַרף דאָך נאָך ערשט געבוירן ווערן. דערנאָך וועט זי עס דאַרפן אויסזייגן, אַזוי אַרום דאַרף עס נאָך געדויערן אַ גאַנץ יאָר. קום צופאָרן אויף דעם יאָר צייט קיין פוילן. מיר וועלן דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן. איך האָב דאָך דאָ אַ פאָסטן און דו וועסט זיך אויך צוזוכן עפּעס אַן אַרבעט אויף דער וויילע. און איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז אין אַ יאָר אַרום פאָרן מיר צוריק. גלייך קיין חיפה וועלן מיר פאָרן. און אַז מיר וועלן קומען, וועסטו דאַן באַשליסן צוזאַמען מיט צפורה'ן, ווי אַזוי צו דערציען דאָס קינד. איך בין גרייט אויף אַלץ. איך וועל דיין קינד ליב האָבן, אַזוי ווי איך האָב דיך ליב.

וועסטו טון אַזוי?

נעם אַן אויטאָ און פיר אָפּ צפורה'ן איז אונדזער חברישן

ברעטער-שטיבל פון שומרון. אויפן חבר צבי קאָנסטו זיך פאַר-לאָזן. ער וועט זי אָפהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ און די חבר'טע טובה וועט איר דינען, ווי אַ געטרייע שוועסטער. ווייטער איז דיר צום דינסט די פּאָסט, זאָל לעבן. אַזוי ווי דו באַקומסט אַלע וואָך אַ גרוס פון מיר, אַזוי קאָנסטו עס אויך באַקומען פון צפורה'ן. זאָג זיך אָפּ פון דיין שטעלע. גיב איבער די וווינונג און פאַרקויף דאָס מעבל מיט דער געשפּיגלטער קליידער-שראַנק. נאָך נישט געקומען, ווייזט אויס, די צייט, איך זאָל זיין ביי דיר אַ בעל-הבית'טע מיט אַ בונט שליסלען. נאָר מיך אַרט עס נישט. אומגליקלעך וואָלט איך נאָר איצט געווען, ווען די לילא-זיידענע קימאָנע איז שוין מער נישט אין מיין רשות. יאָ, טייערער, אַ חוץ אָט דעם באַ-פליגלטן זייד-כאַלאַטל אָנערקען איך איצט נישט קיין אייגנטום. מעגסט אַלץ פאַרקויפן. אַלץ, אַלץ פאַרקויף און קום צופאָרן אָט אַזוי אין דער גרינג, אינם רעגן-מאַנטל, מיט דיין ווינער סטודענטן-וואַליזקע אין האַנט.

זאָל איך דיך ערוואַרטן, אָדער דיינע שליאַכטישע אַמ-ביציעס פון גאַליציען וועלן דיר נישט ערלויבן מיר נאָכצוגעבן? און, אפשר?... אפשר איז דיר שווער איבערצולאָזן צפורה'ן אין אַזאַ צייט? דאַן זאָג איך זיך אָפּ פון מיין פּלאַן, דו זאָלסט איצט קומען צו מיר און איך וועל פאַרבלייבן דערווייל אין פוילן. אַז זי וועט געבוירן דאָס קינד, וועלן מיר דאַן באַשליסן ווי אַזוי צו טון. ועסטו זיך קאָנען אינגאַנצן מיט איר צושיידן, וועל איך קומען צו דיר און אויב נישט, ביסטו פריי. צפורה קאָקעטירט מיט איר גרויסמוטיקייט, וואָס זי וויל מיר מיין גליק נישט שטערן אין דער צייט, ווען זי האָט עס שוין צעשטערט. ערלויב מיר אויך צו קאָקעטירן אַביסל מיט

מיין גרויסמוטיקייט. זי וויל מיר נישט שטערן, ווייל איך איר אויך נישט שטערן, פאר קיין פאל וויל איך נישט זיין דיין „ארורה" און זי זאל זיין מיין אונשולדיקער קרבן. דארפסט מיך פארשטיין, טייערער. איך טו עס נישט פון בייזן ווילן, נאר איך קאן נישט אנדערש. איך קאן נישט און שוין.

און א דאנק דיר פאר דיין ביסל אינפארמאציעס וועגן היימאנען. איך קען אים שוין אביסל. און זיי רויק, מיין ליבער יונגערמאן. מיר וועט ער טון טובות אומזיסט — ער פלעגט קומען צו מיר אומזיסט אין אלעקסאנדריען, אומזיסט האט ער מיר איצט געגעבן א פאסטן אין זיין ביוראָ און אומזיסט וועט ער אויך באזוכן מיין ווארשעווער סאלאן. ער איז א ווילער בחור, דער אדוואקאט היימאן. פון קיין טרא-געדיעס אין לעבן ווייסט ער נישט. איז אים נישט געלונגען אין אלקסאנדריען צו קושן זיך מיט מיר און מיט חרמונה׳ן, האט ער זיך גלייך געטרייסט מיט אונדזער דינסט-מיידל. און דוקא איז עס געווען א גאנץ פיקאנטע רומענערן. פארן אוועק-פארן האט ער איר זאגאר געקויפט א מתנה און דאס איז מיר דוקא געפעלן געווארן. האבן אין זינען צו קויפן פאר א פרוי א בינטל קרעלן, וואס קאסטן עטלעכע גראשן, איז אויך א שטיקל מדרגה. און געווען איז עס דאך א פרוי, וואס מען קושט פארבייגייענדיק, ווען יענע עפנט די טיר. אפילו פאר אזעלכער האט זיך ביי אים אויך געפונען א געוויסער אויס-דרוק פון דאנקבארקייט.

ניין, טייערער, לייג היימאנען נישט צו קיין חסרונות, ער האט זיי אזוי אויך בעגוג.

איך האב אים דא נישט געטראפן אין דער היים. דער געערטער אדוואקאט האט געמוזט נויטיק אפפארן קיין דאנציק,

האָט ער מיר איבערגעלאָזט אַ פּריינטליכן און אַ חבר'שן בריף אויפן שרייב-טישל ביי מיר אין צימער און ער בעט מיך, איך זאָל זיך פילן היימיש – ער וועט זיין צוריק אין דריי-פיר טעג אַרום. אויך האָט ער געבעטן דעם ברודער, יענער זאָל מיך אָפּוואַרטן ביי דער באַן, האָט ער עס געטון מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און געקומען בין איך ווי צו זיך אַהיים. דאָס צימער איז געווען זויבער אויפגערוימט און זייער באַקוועם איינגעאָרדנט און שטעל זיך פאָר, מיין גאַליציאַנער, מיט אַ שפּיגל-שראַנק. מילא, מען קאָן זיך דאָך אין אַ פרעמדן שפּיגל אויך זייער גוט אָנקוקן.

בכלל שימערט דאָ די גאַנצע ווינונג אין שפּיגל-גלאַנץ, נאָר ס'איז אַלץ פאַרהאָנגען מיט ווייסע מארלענע הילעס, ווייל די בעל-הבית'טע מיט די קינדער זענען שוין אויף זומער-ווינונג און אין שטוב זענען געבליבן בלויז די מענער, און מיט זיי זייער אַלטע מאַמע און אַ דינסט.

איך האָב זיך שוין גוט אויסגערוט פון וועג און מאָרגן פאָר איך אַביסל קיין גראָדנע. די מאַמע מיינע וועט זיך עס אויסוויינען פון נחת! נו, זאָל איר זיין צו געזונט.

שרייב מיר קיין וואַרשע פּאָסט-רעסטאַנט, און טראַכט נישט, מיין ליבער, וועגן מיר קיין שלעכטס. איך בעט דיך.

דיין ליב מיידל.

כח

מיין גאַליציאַנער!

אַ גרוס דיר פון מיין שטילן דאָרפּישן גראָדנע. ווידער בין איך אינם אַלטן נעסט פון מיינע קינדערישע יאָרן. אונדזער שטוב איז אַלט. ס'איז אַ ירושה-ווינקעלע נאָך פון מיין עלטער-זיידן. מיין באָבע האָט דאָ איר קינדהייט פאַרבראַכט. דאָ איז געבוירן געוואָרן מיין טאַטע און איך מיט ביידע ברידער און מיין קליין שוועסטערל האָבן מיר אויך צום ערשטן מאָל דערזען די ליכטיקע וועלט אונטער דעם דאָזיקן טונקל-פאַרגרינטן שינדל-דאַך.

די צוויי נידריקע ווענט פון אונדזער גאַניק זענען גראָ און אַרומגעשיילט פון אַלטקייט. די געקאַרבטע בענק פון ביידע זייטן זענען אויסגעקרימט און אינווייניק איז די סטעליע אַזוי נידריק. נאָר אין אונדזערע פינף גרוימע חדרים איז זייער היימלעך. פון יעדער ווינקעלע הער איך דאָס נאַיווע פאַלקסטימלעכע לעבנס-געזאַנג פון פאַרגאַנגענע דריי דורות און די זויבערע ווייס געטינקעוועטע ווענט באַרויקן מיר מיין צעטרייסלט געמיט. עפּעס ווערסטו דאָ איינגעשטילט פון אַלע דיינע אַמביציעס און ליידנשאַפטן.

מיין מאַמע איז אַ גוטע בעל-הבית'טע. די גאַרדינען.

וואָס העגגען ביי אונדז אין זאַל, זענען עלטער פון אַלע אירע קינדער, נאָר זיי זענען נאָך גאַנץ און האַלטן זיך ביי זייער בלאַנק-ווייסן קאָליר מיטן פּאַרבליטן גלאַנץ, ווי דער העל-שימערנדער שניי אין די ווינטער-פרימאָרגנס פון גראָדנער שטילע גאַסן. קלאָר זענען אויך אירע אַלט-פאַרצערעוועטע טיש-טוכער. די זילבערנע גאָפּל-מעסער מיט די קדוש-בעכערס, וואָס זי האָט נאָך פונם דרשה-געשאַנק צו איר חתונה, האָט זי אויסבאַהאַלטן אין די אונרויקע יאָרן פונם קריג און דאָס זילבער-געשיר באַצירט אונדזער טיש, ווי אַמאָל, ווען דער טאַטע איז נאָך אַ פאַרמעגלעכער סוחר געווען. די באָבע באַ-וויינט נאָר די קופּערנע בעקנס און פאַנען, וואָס די דייטשן האָבן ביי איר אַוועקגענומען אין דער מלחמה-צייט. צוגעזאָגט זאָגאַר באַצאָלן, נאָר מען האָט נישט באַצאָלט. פאַרדריסט עס דער אַלטיטשקער ביז היינטיקן טאָג און, ווען זי האָט מיך נאָך דערזען אויף דער שוועל, האָט זי זיך פאַרקלאָגט פאַר מיר אויף דער עוולה פון די דייטשישע מיליטער-לייט, פאַר-געסנדיק, אַז נאָך מיט זיבן יאָר צוריק האָט זי מיר דערציילט דאָס דאָזיקע נייעס, ווען איך בין דאָ געווען פאַר מיין אָפּ-פאָרן קיין פּאַריז. זי האָט זיך נעבעך דאַמאָלט אויך געקלאָגט אויפן דייטשישן יושר.

אויך איז זי נישט צופרידן פון מיר, וואָס איך דריי זיך נאָך אַלץ אַרום איבער דער וועלט אָן אַ תכלית. אַ ביטע-רע צייט איצט, זאָגט זי, מיידלעך ווערן פאַרזעסן. היינט איז דאָס שוין קיין בושה נישט. צרות רבים, ברוך השם. וועסט אַרויסגיין אין גאַס, וועסטו זען. פאַראַן אין שטאָט נאָך עלטערע פון דיר. יעדן פּוסטן בחור דאַרף מען אָפּגילטן, נאָר דו ביסט דאָך געווען דריי יאָר אין ארץ-ישראל און דאָרט,

זאָגט מען, שאַטש זיך דאָך אַ מיידל מיט גאָלד, בפרט אַ מיידל, וואָס קאָן אַרבעטן. אַלע, וואָס פאָרן אַוועק אַהין, כאַפּט מען דאָך אויס. שוין-זשע האָסטו פאַר דריי יאָר צייט נישט געקאָנט טון עפּעס אַ רעכטן שדוך? איך מיין באמת, רייזעלע. וויפל איז טאַקע דער שיעור צו זיין אַזוי נע-ונד? דער קאָפּ טראָגט דיר צו הויכע זאַכן און עפּעס וועגן זיך, האָסטו, ווייזט אויס, גאָר קיין צייט נישט ווען ס'איז אַ טראַכט צו טון. נישט גוט אַזוי, מיין קינד. די יונגע יאָרן וועלן אַוועק און דערנאָך וועסטו זיי צוריק נישט קאָנען כאַפּן. אָ, דיין קלענערע שוועסטער איז שוין אַ גרעסערער בעל-תכלית פון דיר!

מיט דעם דאָזיקן ביסל מוסר האָט מיך מיין באָבע מכבד געווען דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און בין אַרויס פאַר דער טיר, מיט אַ ליילעך אונטערן אָרעם צו גיין זיך באָדן. אַלע זענען נאָך אין שטוב געשלאָפן, נאָר זי אַליין איז געזעסן אויפן גאַניק און האָט אויף אַ גלאָז געצערעוועט אַ שקאַרפּעטקע, און אַז איך האָב זי געבעטן אָפּלייגן דעם שמועס אויף שפּעטער, ווייל איך איל מיך צום טייך, ביז וואַנען די זון ברענט נאָך נישט אַזוי שטאַרק, האָט זי זיך נישט געפּוילט און איז אַזוי מיט דער שקאַרפּעטקע אין האַנט אַוועק מיך באַגלייטן ביזן עק גאַס.

דערביי האָט זי מיר שוין אַריינגעזאָגט וואָס זי האָט געוואָלט. נאָר אַז זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן מיין קלע־נע־ער שוועסטער, איז זי געוואָרן פאַרזיכטיקער. מיין אַלטיטשקע באָבע איז אַ פּקחית אַ יידענע, האָט זי געוואָלט ווירקן אויף מיר מיט איר קלוג-ווייבערישער טאַקטיק. איך זאָל ווערן אייפערזיכטיק, האָט זי מיר פריער אַריינגעזאָגט אַז מיין

קלענערע שוועסטער איז אַ גרעסערע בריה פון מיר צו געפינען זיך אַ חתן. זי איז ערשט אַלט פיער און צוואַנציק יאָר און זי איז שוין אַ כּלה, און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן דערציילן פון יענערס עגאָיזם ווי אַזוי מען קאָן זיך איר קיין געלט נישט אָננעמען. אַ חוץ די טויזנט דאָלאַר נדן, וואָס דיביידע ברידער האָבן געשיקט פון אַמעריקע, פאָדערט זי פון זיי נאָך זעקס הונדערט דאָלאַר אויף קליידער מיט אַ וווינונג, און יענע קאָנען זיך דאָרט קיין עצה נישט געבן, ווייל ביי זיי אַליין איז איצט אויך אַ שלעכט שטיקל צייט און דעם טאַטן דאָס חודש-געלט אויף דער הוצאה מוזן זיי דאָך שיקן. און היינט איז שוין, ברוך השם, דאָס אויך קיין בושה נישט. יינגערע פון אים לעבן פון אַמעריקאַנער חודש-געלט. פונדעסטוועגן, אַן עוולה, רייזעלע, וואָס דו טראַכסט נישט וועגן אַ תּכלית...

אַזוי האָט מיין קלוגע באָבע אין מיר אַריינגערעדט, לויפנדיק מיט אירע קליינע גרינגע טריטעלעך, זי זאָל נישט אָפּשטיין פון מיר, ווייל אַ ווילדער אימפּעט האָט מיך אין דער שיינענדיקער מאָרגן-לופט געטראָגן צו די וואַרעם-שטילע וואַסערן פון ניעמאַן. זי האָט גערעדט און איך האָב געלאַכט. ס'איז מיר געווען אַזוי גוט פון אירע היימיש-קלוגע רייד דאָ אין אונדזער גאַס מיט די אַלט-הילצערנע הייזער, וווּ די לאָדנס זענען נאָך געווען פאַרמאַכט.

אויפן ראָג פונם טייך-געסל האָב איך איר געגעבן צוויי קושן אין ביידע באַקן און איך האָב זי איינגעבעטן, זי זאָל זיך אומקערן אין שטוב אַריין, ווייל ס'איז איר שווער צו גיין. אויך האָב איך איר צוגעזאָגט אַ טראַכט צו טון וועגן אַ תּכלית.

פאַרשטייסטו שוין, וואָס פאַר אַן אידעאַלע מיינונג מיין באָבע איז וועגן מיר? איר פעלט, נעבעך, נישט איין, וואָס פאַר אַ משוגענע טעג און נעכט איך לעב איבער אין בענקעניש נאָך דיר, מיין גאַליציאַנער. אויך קומט איר נישט אויפן געדאַנק, אַז צוליב דיינע בריף, וואָס וואַרטן דאָרט אין וואַרשע אויף דער פּאָסט, וועל איך באַלד אַנטלויפן פון דאַנען.

טאַטע-מאַמע האַלטן זיך מיט מיר זייער איידל. די מאַמע שמייכלט כסדר און חנפ'עט מיך. דערמיט וויל זי עס פאַרגלעטן די עוולה, וואָס די קליינע פיר- און צוואַנציק-יעריקע עטעלע פאַרלויפט מיר דעם וועג און האָט חתונה פריער פאַר מיר. לויט איר השערה מוז עס מיך שטאַרק פאַרדריסן, נאָר אַזוי ווי איך בין דער גרויסער בר-דעת ווייס איך ווי אַזוי זיך צו האַלטן און קאָן פאַרשווייגן דאָס, וואָס עס טוט מיר וויי. פאַרגיטיקט זי מיר דערפאַר מיט איר מאַמישער צערטלעכקייט און געטריישאַפט.

און דער טאַטע רעדט מיט מיר איבערהויפּט וועגן וועלטזאַכן. דערביי ווייצלט ער זיך איבער אַלץ און קריטיקירט די גאַנצע שטאָט אָרעם און רייך. וועגן עטעלעס חתן האָט ער מיר דערציילט זייער ערנסט, אַז ער האָט זיך אָפּגעשאַצט אין פינף טויזנט דאָלאַר, נאָר ווייל מיט עטעלען איז ביי אים אַ ליבע, נעמט ער נאָר טויזנט דאָלאַר, וויפל ער דאַרף געבן אין שותפות צו אַן אויטאָמאָביל, וואָס פירט פאַסאַזשירן יעדן טאָג פון דאַנען אין אַ נאָענט שטעטל אַריין. נאָר ווען זיין כלה האָט נישט קיין צוויי ברידער אין אַמעריקע, וואָלט ער קיין פרוטה נישט גענומען, כאָטש ער האָפּט נתעשר צו ווערן פונם אויטאָמאָביל-שותפות. און אַז איך האָב אים געפרעגט וועגן דעם חתן אַ מיינונג בכלל, האָט ער,

דער טאַטע מײנער װידער געענטפערט מיט אַ גלײכ־װערטל:

ער איז אַ נאָך־מלחמה־יונגערמאַן און אויף די נאָך־מלחמה־יונגעלײט, — זאָגט ער, — בין איך קײן מבין נישט.

נאָר מיך שאַנעװעט ער. מיט מיר איז ער דורכאויס ערנסט. אײן מאָל נאָר האָט ער בײם טיש אַ שמײכל געטון צו דער מאַמען, אָנװײזנדיק אויף מיר, אַז ער װײסט פאַרװאָס איך האָב נישט חתונה. איך פאַרגין פשוט נישט, מען זאָל פון מיר צופיל נחת האָבן. גענוג װעט אונדז זײן װאָס מיר האָבן אַזאַ געראָטענע טאָכטער. אָ, הײנטיקע קינדער זענען קאַרג אויף אַביסל נחת! מען דאַרף עס בײ זײ אויסבעטלען, װען מען שטײט שוין מיט אײן פוס אין קבר.

אַ קלוגער ייד איז מײן טאַטע. איך װאָלט אַזוי געװאָלט, דו זאָלסט אים קענען. ער איז נאָך אַ יונגער, פול מיט ענערגיע און הומאָר, נאָר די לעצטע צײט האָט ער אָנגעהויבן לײדן פון שלאָפלאָזיקײט. איך מײן, אַז דאָס איז פון לײדיק־אומגײן. ער װיצלט זיך אויך איבער זיך אַלײן, װאָס ער זיצט שוין היפשע עטלעכע יאָר אויף קעסט בײ זײנע אַמעריקאַנער צװײ זין.

נײן, טײערער, איך װעל מאָרגן אַנטלויפן פון דאַנען. איך קאָן אָן דײנע בריף נישט לעבן. שרײב דורכאויס קײן װאַרשע פאָסט־רעסטאַנט.

דײן ליב מײדל,

כו

מיין גאַליציאַנער!

איך שרייב דיר נאָך פון גראָדנע. אַלע טאָג רייס איך מיך אַוועקצופאָרן קיין וואַרשע לייענען דיינע בריף, וואָס וואַרטן דאָרט אויף דער פּאָסט, און יעדעס מאָל ווערט מיין רייזע אָפּגעלייגט ביז אַ צווייטן צוג. די מאַמע ווײנט אַזוי האַרציק און געטריי. זי קאָן זיך נאָך אַלץ נישט באַרויקן, וואָס די קליינע עטעלע האָט חתונה פריער פאַר מיר

און די באָבע גיט מיר דורכאויס פּראַקטישע עצות, ווי אַזוי צו זאָרגן וועגן תּכלית. מיר זענען ביידע דאָ די אַרבעטס-מענטשן פון דער שטוב. ביידע שטייען מיר אויף פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך. זי כאַפּט באַלד צערעווען אירע זאָקן און שקאַרפּעטקעס, דערביי דאַוונט זי אויף אויסנווייניק מיט אַ שטיל געזאַנג, נאָר פונם דאַוונען כאַפּט זי זיך אַלע מאָל אַרויס מיט אַ וואָרט וועגן מיינע יונגע יאָרן, וואָס גייען אַוועק מיט גאָרנישט, נאָר איך ווייס עס שוין אויף אויסווייניק. לאָז איך זי אַליין, די אַלטיטשקע, און לויף צום טייך זיך באָדן.

איצט זענען דאָ קילע טעג, נאָר דאָס וואַסער אין טייך איז וואַרעם און אַזוי שטיל, ווי ס'וואָלט איינגעדרעמלט, וויגנ-דיק זיך אַזוי צווישן די בוימער. איך שווים און ס'ווילט זיך

מיר, אַז די שפּיל׳ע חאַסערן זאָלן מיך אַוועקטראָגן ערגעץ ווייט, ווו איך זאָל קאָנען הערן כאָטש אַן אָפּגעריסענעם קלאַנג פון דיינס אַ וואָרט. ווו ביסטו איצט, מיין גאַליציאַנער? אַרבעטסטו איצט אין ביורא, אָדער דו קלויבסט זיך אין וועג אַריין אַהער קיין פוילן?

איך קום ערשט אַהיים פונם באָדן זיך, נאָר די לאָדן זענען נאָך ביי אונדז פאַרמאַכט. די באָבע האָט שוין פון לאַנג אָפּגעדאַוונט. ביי איר איז שוין אָפּגעקאָכט פאַרווייסטע קאַווע פאַר אונדזביידן און דער עולם שלאָפט נאָך. דער טאַטע דויט נאָך זיינע שלאָפלאָזע נעכט און ליידיק-אומרויקע טעג, וועלכע ציען זיך ביי אים אין לאַנגווייליקער פוסטקייט. גאַנצע טעג לופטערט ער קעגן דער זון זיינע ספרים. ער האָט שוין געפּרוווט אויך פאַרלאַטן פאַר זיך אַליין אַ שוך, פשוט פון אומעט און ליידיק אומגיין, און ער לערנט פיל. דאָס, זאָגט ער, איז ביי אים איצט עולם הזה, ערשט איצט האָט ער דערפילט דעם אמת׳ן טעם פון אַ בלאַט גמרא, ווייל פאַר די צוויי און צוואָנציק יאָר, וואָס ער איז געווען אַריינגעטון אין מסחר, איז ער אַ רעכט ביסל פאַר׳חומר׳ט געוואָרן. און איצט, זאָגט ער, האָבן זיך צוריק דערוועקט ביי אים די איידעלע חושים זיינע און ער שמייכלט איבער זיך אַליין:

– אַ יורד, מיין טאָכטער, איז אַ מדרגה. מען טוט גאָר נישט, ווערט מען אויסגעאיידלט. און זיין אַן איידעם אויף קעסט ביי אַמעריקאַנער קינדער – דאָס איז שוין גאָר אַ הויכ מדרגה...

ער בעט מיך אַזוי, איך זאָל זיין נאָך אַ טאָג דאָ אין דער היים. ער וויל זיך כאָטש אָנקוקן אויף מיר. דערפאַר, וואָס איך האָב אָפּגערייניקט דאָס גערטל נעבן דער שטוב פון

ווילדע גראָזן, האָט ער געהייסן דער מאַמען, זי זאָל מיר באַצאָלן פאַר דער אַרבעט לויט דעם הויכן אַרבעטס-לוין פון ארץ-ישראל.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, וואָס איך האָב געאַרבעט אין גערטל, איז ער געזעסן נעבן מיר און האָט זיך געוויצלט, וואָס מיר ביידע, איך מיט דער באָבען, זענען אַזוי אַרבעטזאַם, און ער וואָלט אונדז געראָטן, מיר זאָלן דאָ אין גראָדנע שאַפן אַ קאָלעקטיווע חלוצישעווירטשאַפט, ס׳זאָלן זיך פאַרקוקן אויף אונדז אַלע ליידיק-גייער פון שטאָט, און ווידער האָט ער געשפּאַסט פון דעם אייגענעם געזונט:

— זעסט דאָך, מען גייט אַרום שלינג און שלאַנג. גוט כאָטש, וואָס עטעלע האָט חתונה. איז זי איצט פאַרהאָוועט מיט אירע חתונה-קליידער און מיט די שיינע צוויי צימערן, וואָס די גאָלדענע מדינה, אַמעריקע, דאַרף איר זיי אויסמעבלען אויפן פּריצישן שטייגער. איך זאָג דיר, נאָך אַ נס, וואָס זי האָט באַקומען דעם חתן. אַזוי וואָלט דאָס מיידל, חלילה משוגע געוואָרן פון ליידיק אַרומגיין. גאַנצע טעג פלעגט זי ליגן אויף דער אָטאָמאַנקע מיט אַ בוך אין האַנט, וואָס זי האָט זיך געפוילט עס צו לעזן. פשוט, געפוילט זיך איבערמישן אַ בלעטל, און די מאַמע האָט איר געדאַרפט באַדינען, דערלאַנגען איר צום בעט די גלאָז קאַווע מיט אַ זעמל און אויסוואַשן איר אַ פאָר זאָקן, זי זאָל האָבן וואָס אָנצוטון, ווען זי דאַרף פאַרנאַכט זיך אַביסל דורכשפּאַצירן אין שטאָט אַריין. יאָ, טאָכטער, פון אַמעריקאַנער חודש-געלט ווערט מען זייער פאַראיידלט. זעסט דאָך, מיר שלאָפן אַלע ביז צוועלף אַ זייגער. נאָר אויף דער באָבען ווירקט עס נישט. זי וויל זיך אַמעריקע נישט אונטערגעבן. מיטן זונען-אויפגאַנג מוז זי אויפשטיין און גלייך

זיך נעמען צו דער אַרבעט. באמת, רייזעלע, וואָלסט זי גע־
דאַרפט פאַרשרייבן אין „החלוץ" און טאַקע דאָ אויפן אָרט.
מען קאָן דאָ, אין גראָדנע, אויך טון עבודת פרך. אירביידע
וועט אַרבעטן און טעלע וועט זיך פאַרקוקן אויף אייך. קיין
אַמעריקע האָט זי צוגעשטעלט אַ חשבון פון זעקס הונדערט
דאָלאַר אויף אַ דירה מיט קליידער. פאַרשטייסטו שוין, וואָס
פאַר אַ השגות זי האָט. אָ, מיין קינד, ווען דו ווייסט, ווי
אַזוי ס'האָט אונדז פאַרשאַדט אַמעריקע...

אַזוי רעדט זיך מיין טאַטע אויס דאָס האַרץ פאַר מיר
און זי, דאָס שוועסטערל מיינס, האַלט זיך מיט מיר פון וויטן,
נאָר זי גיט מיר אָפּ כבוד, ווי איך וואָלט אירע אַן אַלטע
מומע געווען. שטילערהייט לאַכט זי פון מיר, וואָס איך פאַר־
שטיי זיך אַזוי ווייניק אויף די אמת'ע פריידן פון לעבן. זי
לויפט אַרום צו די שניידערינס און אַלע מאָל קומט זי מיט
חבר'טעס, אויך אַזעלכע פוסטע און ראַשנדיקע, ווי זי אַליין,
און אַלע צוזאַמען באַטראַכטן זיי פאַרשידענע מאָדע־זשורנאַלן
פון וועש־ און קליידער־מאָדעלן. מיך פרעגט זי קיינמאָל קיין
מיינונג נישט, ווי איך וואָלט דאָ גאָר אין שטוב נישט געווען,
זוייל ווי קום איך, די פאַרוואָגלטע חלוצה, צו אַזעלכע שיינע
זאַכן?

פאַרדריסט עס מיך אַביסל און ס'גיט מיך פלוצלונג אַ
ביס אָט יענער שלענגל, וואָס האָט מיך אָנגערעדט, איך זאָל
צפורה'ן נישט געבן די געשפּיגלטע קליידער־שראַנק פון אונדזער
שותפות'דיקער וווינונג אין חיפה (אָ, ווען דו ווייסט ווי אַזוי
ווייבעריש נישטיק איך קאָן אַמאָל זיין!). היט איך צו די
פאַסיקע מינוט און ווייז איר, עטלעכן, מיין געבלומטן לילאַ־
זיידענע קימאָנע מיט די ברייטע פליגל־אַרבל, וואָס דערגרייכן

מיר ביז צו די קניען, דערבײ פֿאַרשפּילט איך מיר הויך די האָר, ווי אַ יאַפּאַנערין און מעסט עס אָן קעגן שפּיגל. שטייט עטעלע און קוקט מיך אָן אַ פֿאַרגאַפּטע. אין אירע גרינלעכע שײנע אויגן צינדט זיך איר אָן אַ פֿײערל. זי בײסט זיך די גרעפֿאַרבטע ליפּעלעך און פֿרעגט מיט אַ שמײכעלע:

— אַזעלכע שײנע קלײדער טראָגן חלוצות אין ארץ־ישׂראל?

— פֿאַרוואָס זאָלן חלוצות נישט טראָגן קיין שײנע קלײדער?

— איך ווײס. זײ אַרבעטן דאָך דאָרט אַזוי שווער. און אַזעלכע קלײדער קאָסטן דאָך זײער טײער. ווו נעמען זײ געלט?

איך האָב מיר פֿאַרשאַרט מײנע פֿליגל־אַרבל מיט די רײצנדע מאָטיל־בלומען בײ די בריגעס און האָב זיך אַוועקגעזעצט קאָקעט, פֿאַרלײגנדיק אײן פֿיסל איבערן אַנדערן, ווי זי עטעלע, האָט ליב צו זיצן, ווען זי געפֿעלט זיך זײער שטאַרק. דאָס מײדל האָט מיך ממש געשלונגען מיט די בליקן:

— פֿון וואַנען, פֿרעגסטו, נעמען חלוצות געלט צו קויפֿן זיך אַזעלכע קלײדער? זײ פֿאַרדינען פֿון אַרבעט. און נאָך דער אַרבעט טוען זײ זיך אָן אין זײדנס און נעמען אויף געסט...

— און דאָ זאָגט מען, אַז אין ארץ־ישׂראל לעבט מען אַזוי שלעכט. מען אַרבעט דאָרט זײער שווער.

— גלויב נישט, עטעלע, דאָרט שלאָפֿט מען ביז צוועלף אַזײגער, ווי דאָ בײ אונדז און ווער עס האָט נאָך ברידער אין אַמעריקע, יענעם איז אודאי גוט...

— אַזוי? אַזוי ווי דאָ? — האָט זי איבערגעפרעגט אַ צופרידענע און זי האָט מיך אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל איר געבן אָנמעסטן מיין קימאָנע. זי וויל זען, אויב ס'וועט איר פּאַסטן.

— דאָ וועסטו סיי-ווי אַזעלכעס נישט באַקומען צו קויפן — האָב איך זיך געריכטעט מיט איר.

— וועל איך בעטן מיין חתן, וועט ער מיר ברענגען אַזאַ קלייד פון וואַרשע.

— וועסט עס אין וואַרשע אויך אַזעלכעס נישט באַקומען, ווייל ס'איז אַ קלייד אין עכט-אָריענטאַלישן סטיל.

— איז גיב כאָטש אָנמעסטן, רייזעלע, טייערע — איז זי צוגעפאַלן צו מיר מיט ליב-שוועסטערלעכע קושן דאָס ערשטע מאָל פון זינט איך בין דאָ.

איך האָב איר, נאַטירליך, צוליב געטון. נאָר אַזוי ווי זי האָט געגעבן אַ כאַפּ אויף זיך מיין קימאָנע, האָט זיך די מאַמע אַריינגעשלייכט אין זאָל זייער אַ פאַר'דאגה'טע. זי האָט מיך גלייך אַרויסגערופן אויף יענער זייט טיר צו זאָגן מיר אַ פּאָר ווערטער און זי האָט מיר אַריינגע'סוד'עט אין אויער מיט אַ ציטערנדער שטים:

— באַהאַלט דאָס קלייד, זי וועט עס ביי דיר אָוועק-שלעפּן פון אונטער די הענט...

און אַז איך האָב זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט פונם דאָזיקן איינפאַל, האָט שוין מיין געטרייע מאַמע נישט אָפּגעטרעטן ביז די קימאָנע מיינע איז געווען אין אירע הענט. אויף ביינאַכט האָט זי עס מורא געהאַט אָנגעטרויען מיין וואַליזע און זי האָט עס פאַרשלאָסן אין קאַסטן צווישן די ווינטער-בגדים, איך זאָל עס פאַרפּאַקן ביי זיך

אין דער לעצטער מינוט, ווען איך וועל דאַרפן פאָרן צו דער באַן.

מאָרגן פאָר איך שוין געוויס. יאָ, טייערער, מאָרגן וועל איך שוין לייענען דיינע בריף. איך שיק דיר מיינע קושן.

דיין ליב מיידל.

כז

מיין גאַליציאַנער!

איך שרייב דיר פון אַ פאַרוואָרפן ווינקל. פון אומעט און בענקעניש נאָך דיר, האָב איך זיך געלאָזט פאַרפירן אַהער דורך אַ פריינט פון מיינע קינדערישע יאָרן. און אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט באַרויקן, האָט ער היינט געשיקט אַ ספּעצ-יעלן שליח קיין וואַרשע צו ברענגען מיר פון דאָרט דיינע בריף. געטון האָט עס לייבל, אונדזער קרוב, וועלכער איז אַמאָל געווען אַזוי הייס פאַרליבט אין מיר, אַז זיין מאַמע, די פאַרביסענע גדלנ׳טע פון אונדזער משפחה, איז געקומען מיך בעטן, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן, ווייל ער האָט זיך נישט גע׳חבר׳ט מיט קיין מיידלעך, האָט זי מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך קיין אַנדערע כלה נישט קאָנען צוקליבן און ער וועט, חלילה, פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור. געדענקסט, איך האָב דיר אַמאָל דערציילט פון אים. זיין טאַטע האָט געהאַט אַ מיל אין אַ שטעטל נישט ווייט פון גראָדנע און ער פלעגט אַלע מאָל קומען צו אונדז.

נאָר געווען איז עס נאָך מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען איך האָב די גימנאַזיע געענדיקט. לייבל איז דאַן געווען אַ נישט דערלערנטער מעכאַניק פון אַ דייטשישער מילנער-שול,

וווהין זיין טאַטע האָט אים אַמאָל געשיקט שטודירן דאָס מילנער-פאַך, נאָר צוליבן קריג האָט ער נישט געענדיקט די שולע און איז פאַרבליבן זיצן אין דער היים.

אין די שווערע מלחמה-יאָרן האָט לייבל מיט דער הילף פון זיינע צוויי קלענערע שוועסטער בעאַרבעט די עטלעכע מאָרגעס פעלד, וואָס דער פאָטער האָט פאַרמאָגט זיין אייגענס פון אַמאָל, און אין מיל האָט ער דאַן געשאַפן עפּעס אַזעלכע נייעסן, וואָס די דייטשישע אָקופּאַנטן זענען געווען פון אים אַנטציקט. נאָר פאַר דער צייט איז אים דער פאָטער געשטאָרבן. די שוועסטער זענען באַלד נאָכן קריג אַוועק קיין אַמעריקע און דאָס יאָר האָט אים אויך די מוטער פאַרלאָזט. זי האָט נישט געקאָנט צוקוקן, ווי אַזוי ער, דער בן-יחיד אירער, ווערט פאַרשלונגען אין דער אַרבעט און זיינע יאָרן גייען אַוועק אין איינזאַמקייט. איז זי אַוועק צו די טעכטער קיין אַמעריקע, אירע אויגן זאָלן נישט זען, ווי אַזוי דער זון פאַר-בלייבט אַן אַלטער בחור, ווי דאָס הארץ האָט איר געזאָגט.

לעבט לייבל אַליין אין זיין נייער שטוב, וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט נאָך דער שרפה פון דער מלחמה-צייט, אָפּ-געזונדערט פונם יידיש-שטעטלדיקן ישוב. דאָס בעל-הבתישקייט פירן אים די פאַראָבקעס פון מיל מיט זייערע ווייבער און אַליין איז ער אַלע מאָל אַזוי פאַרהאָוועט ביי דער אַרבעט, ווי אַ גאַנץ טוץ קינדער וואָלטן אים באַזעצט. קומט ער אין שטאָט, האָט ער קיינמאָל קיין צייט נישט אַריינצוגיין זיצן אַביסל ביי די קרובים.

אַזאַ גרוס האָט מיר אָפּגעגעבן פון לייבלען מיין מאַמע דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין געקומען אַ היים. און שטעל זיך פאָר, גאַליציאַנער, ס׳גייט אַוועק אַ וואָך, די צווייטע. אין

קלויב מיך שוין אַוועקפאָרן. איך רייס מיך קיין וואַרשע צו־ ליילענען דיינע בריף. ס׳איז שוין אויך דאָ אַ בריף פון היי־ מאַנען, אַז ער איז דאָ צוריק פון דאַנציק און ער ערוואַרט מיך. איך פאַרפּאַק מיין וואַליזע, נאָר דעם טאַטן צוליב פאַר־ בלייב איך ביזן צווייטן צוג, און מיטאָמאָל — אַ גאַסט. לייבל איז געקומען, צוגעפאָרן מיטן וועלאָסיפּעד צו דער שטוב און פרעגט אויב ס׳איז אַן אמת, וואָס איך בין דאָ. גאַנצע צען טעג איז ער איצט אין דער היים נישט געווען און האָט פון קיין זאַך נישט געוווסט. נאָר ער גלויבט נישט ביז וואַנען ער־ דערזעט מיך ביי דער טיר.

און אים איז נישט צו דערקענען. עפּעס איז ער אַזוי־ גרויס און ברייט געוואַקסן געוואָרן. דאָס פּנים איז אים שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון. די טונקעלע קרויזן פון קאָפּ זענען אים באַזילבערט מיט גראָע האָר און דאָס לעדערנע רעקל מיט די הויך־גלאַנצנדיקע שטיוול פּאַסן זיך אַזוי צו זיין פעסט־דעמבענעם געזיכט. נאָר אָט האָט ער אַ שמייכל געטון און איך האָב דער;ען פאַר זיך דעם אַמאָליקן לייבל. ס׳איז זיין נאַיוו־סענטימענטאַלער שמייכל, צוליב וועלכן איך האָב מיט אים צו זיבעצן יאָר נישט געוואָלט חתונה האָבן. ווו ביסטו דאַן געווען, גאַליציאַנער, מיט דיינע קאַלט־שטאָלענע בליקן, וואָס זיצן דיר אַזוי טיף אונטערן שטערן? דו ביסט דאָך נישט שיין. ביי די ווינקלען פון מויל שוועבט דיר אַלע מאָל אַ גאַליקע איראָניע. דיין איינציקע מעלה איז נאָר, וואָס דו ביסט אַ קליין ביסעלע קליגער פון מיר און דערפאַר קוש איך דיין וויים־נאָבעלן שטערן.

און פון לייבלען האָב איך זיך געלאָזט פאַרפירן אויף עטלעכע טעג צו אים אין שטעטל אַריין אין זיין נייער שטוב

מיט די גרויסע געווייסט-ליכטיקע פענצטער, וואָס קוקן אַרויס צום ברייטן וועג, ווו מען פאָרט צו דער באַן-סטאַציע. מיט זיין זיסלעך-סענטימענטאַלן שמייכל האָט ער אַזוי האַרציק געבעטן, איך זאָל פאָרן מיט אים אָנקוקן זיין בעל-הבתישקייט, און געבן וועט ער מיר דאָרט רעטעכלעך מיט סמעטענע, און טרוסקאַווקעס, און אין גאָרטן ביי דער שטוב זענען ביי אים די בוימער אָפּגעשאָטן מיט קאַרשן, און אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט האָט ער ביי זיך אין קאַבינעט. יעדן אָוונט קאָן איך הערן קאָנצערטן פון אַלע לענדער אין דער וועלט. און ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו ווערן אויף אַ ווײַלע אַ בת-יחיד׳קע, אָט ביי דעם הויכן ברייט-פּלייציקן מאַן מיט די באַזילבערט-געקרויזטע האָר אויפן קאָפּ. אָט אַזוי, מיט די הויכע שטיוול און זיין ברוין-לעדערנעם רעקל איז ער, ווי אַ דעמב איינגעוואַקסן אין זיין טאַטנס קליינשטעטלדיקער נחלה. עפּעס זעט ער אויס, ווי׳ אַ אונדזעריקער, עפּעס איז ער אָנגעזאַפּט מיט ערד און האָרעפּאַשנעקייט. מיר וועלן זען, ווי אַזוי ער וועט מיר, זיין אַמאָליקע געליבטער, נאָכגעבן מיינע קאַפּריזן.

האָב איך אים באַפוילן ברענגען אַ וועלאָסיפּעד, וועלן מיר זיך ביידע גלייך לאָזן אין וועג אַריין, און איך וועל אים ווייזן אַ קונץ, אַז איך בין נישט קיין ערגערע וועלאָסיפּעדיסטן פון אים. איז דער דאָזיקער וועלאָסיפּעד גלייך באַשאַפן געוואָרן פאַר מיר. לויט אַ באַשטעלונג דורכן טעלעפאָן אין דער נאָנטער אַפּטייק, האָט מען אים אַ נייעם צוגעשיקט פון ערגעץ צו אונדז אין שטוב אַריין. דערנאָך האָב איך מיין סענטימענטאַלן גוטן לייבלען געשטעלט אַ תנאי, ער זאָל מיך מאָרגן גאַנץ פרי ברענגען צוריק קיין גראָדנע, ווייל איך איל מיך אַוועקצופאָרן קיין וואַרשע. יעדע מינוט איז מיר

טייער, ווייל עס וואַרטן דאָרט אויף מיר זייער נויטיקע בריף פון חיפה.

דערהערט צוליב וואָס איך אייל מיך אַזוי קיין וואַרשע, האָט ער אַ פיר געטון מיט זיין גרויסער האַנט איבערן ווייסלעך געקרויזטן קאָפּ זיינעם און זיך אָפּגערופן זייער ערנסט:

— און אַז איך וועל דיר ביז מאָרגן צושטעלן דיינע בריף צו מיר אַהיים, וועסטו קאָנען פאַרברענגען דאָ ביי מיר נאָך עטלעכע טעג?

— גוט, ברענג מיר די בריף, וואָס ליגן פאַר מיר אין וואַרשע אויף דער פּאָסט, וועל איך זיין דיין גאַסט אַ גאַנצע וואָך.

— אויף דיין ערן וואָרט?

— אויף מיין ערן וואָרט.

— געמאַכט, רייזעלע. היינט פאָרט אַ ספּעציעלער שליח קיין וואַרשע נאָך דיינע בריף און מאָרגן אין אָוונט האָסטו זיי אין די הענט.

אַזוי האָבן מיר זיך גוט־ברודעריש דורכגערעדט מיט לייבלען און מיין מאַמע מיט דער באָבען האָבן זיך דערביי געשמאָלצן פון נחת, מיינענדיק נעבעך, אַז אפשר איצט וועט שוין קומען אויף מיר די ישועה. זיצט ער דאָך יאָרן־לאַנג, אַן איינגעפּוידעוועטער בעל־הבית מיט כּל־טוב, און האָט נישט חתונה, כאָטש גיב אים אַ בת־מלכּה און אַ נדן פון אַ טון גאָלד. און איך בין דאָך שוין אויך אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט אָט אַזוי איינע אַליין. אפשר... אפשר... צוויי משוגעים... נאָר מיין קלוגער טאַטע שמייכלט צו זיך אין דער באָרד אַריין, ער ווייסט, אַז ביי מיר זענען עס בלויז מיידלשע חנ׳דלעך און ער גיט אַ זאָג אויף זיין אַלטן שטייגער:

— דו, רייזעלע, האָסט באמת אין זיך אַ ניצוץ פון סרח בת אשר. דער מדרש זאָגט, אַז דער זיידע אירער יעקב אבינו האָט זי געבענטשט, זי זאָל אייביק יונג זיין, קאָנסט זיך נאַריש מאַכן, ווי אַ קליין מיידעלע.

נאָר עטעלע איז עפּעס פונם גאַנצן ענין געווען נישט צופרידן. נישט פאַרגינען מיר, ווייזט אויס, מיין ביסל קאָקעטעריע, וואָס איך מאַך עס נישט ערגער פון איר, און אויך דעם פאַרמעגלעך-קליינשטעטלדיקן קאַוואַליער, וואָס האָט אַ צעשמייכלטער מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און געוואַרט אויף מיינע באַפעלן.

און איצט, מיין ליבער, שפּאַציר איך אַרום אין לייבלס זויבער-געווייסטער שטוב מיט די צעפּראַלטע טירן פון אַלע צימערן און פון די גרויסע פענצטער שטראַלט אַריין די העלע שיין פון טאָג, ווי דורך אַ לאַמטערן. האָב איך אים שוין היינט געזאָגט, אַז עס פעלט דאָ ביי אים אַ ביסל געמיטלעכקייט פון ליכט- און שאָטן-שפּיל, וועל איך אויפנייען פאָרהענגלעך אויף די פענצטער פון עס-צימער, און אין קאַבינעט דאַרף מען האָבן שטאָרן, וועל איך אים זיי צושיקן פון גראָדנע. האָט ער אויסגעהערט, דער ברייט-געוויקסיקער בעל-הבית, נאַריש אומבאַהאָלפן, נישט וויסנדיק, ווי אַזוי צו דאַנקען מיר דערפאַר.

לסוף האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, אַז איך האָב צום פרישטיק זייער ווייניק געגעסן און אפשר זאָל ער מיר אַריינשיקן די דינסט, וועל איך באַפעלן צו דערלאַנגען מיר עפּעס. שאָקאָלאַד וועט מען היינט ברענגען פון גראָדנע. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט געווען פון מיין קומען, אַז ער האָט פאַרגעסן איינצוקויפן עפּעס נאַשערייען.

ער איז מלא חן, דער לייבל. גרויס, ווי אַ בער און אומבאַהאָלפן ווי אַ קליין קינד. און עפּעס זעט ער אויס, אינגאַנצן ווי אַ אונדזעריקער. האָרעפּאַשנע און אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון צעאַקערטן באָדן, ווי אַ בחור פון אַ קבוצה.

נאָך מיטאָג בין איך געלעגן אויף זיין צעראַטעוענער קושעטע און ער איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע נעבן מיר, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איך האָב אים דערציילט פון דיר. לאַנג האָב איך אים דערציילט וועגן אַלע דיינע מעלות און חסרונות. נאָר דעם צופאַל מיט צפורה׳ן האָב איך פאַרשוויגן. בישט אָנגעשטאַנען צו דערציילן. און ער האָט מיך אויסגעהערט שטיל, געגלאָצט מיט די אויגן און האָט אַזוי נאַריש-סענטימענטאַל געשמייכלט...

נאָך צוויי שעה צו נאַכט געבליבן. איך צייל די מינוטן. באַלד קומט דער שליח פון וואַרשע. אַ גאַנצע נאַכט וועל איך היינט לייענען דיינע בריף. זיי געזונט, טייערער!

דיין ליב מיידל.

כח

מײַן גאַליציאַנער!

אַם־ענדע האָט מען מיר געבראַכט דײַנע דרײַ בריוו, וואָס זענען געלעגן אויף דער וואַרשעווער פּאָסט און איצט האָב איך שוין וואָס צו לייענען. שוין צוויי מעת־לעת, אַז איך ליג בײַ לייבלען אויף דער קושעטקע אין זײַן נײַ־ליכטיקן הויז מיט דײַנע בריוו אין די הענט און אינגאַנצן פֿיבער איך אין בענקעניש נאָך דיר, ווי מיט דרײַ חדשים צוריק, ווען איך האָב דיך ערוואַרטעט אין אַלעקסאַנדריען.

איז צפּורה, הייסט עס, אָפּגעפֿאָרן קיין שומרון און דו ביסט געבליבן אַליין, און דאָך האָט מיך ווידער באַהערשט אַ ווילדע אײַפֿערזוכט צו איר און דאָס האַרץ נאָגט מיר אַזוי פֿון פֿאַרדראָס, אַז איך בין פּשוט פֿיזיש קראַנק. איך שלאָף נישט דורך די נעכט. איך קאָן נישט עסן און ס׳איז מיר דאָ צווישן די באַשטראַלטע קלאָר־געטינקעוועטע ווענט אַזוי טונקל אין די אויגן. אַ חוץ מײַן גרויסן צער פֿיל איך גאָרנישט. איך זע נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. פּשוט אַ בושה פֿאַר לייבלען. ער פֿרעגט מיך גאָרנישט. זײַער טאַקטפֿול איז דער דאָזיקער נישט־דערלערנטער מילנער מיט די הויכע אויס־געגלאָנצטע שטיוול.

פאַר די עטלעכע טעג, וואָס איך בין דאָ, איז ער, דאַכט זיך, עפּעס עלטער געוואָרן און די באַזילבערטע קרויזן גלאַנצן אים אַזוי קעגן דער זון. ער שווייגט אַזוי ווי אַ ברוגז׳ער און אַלע מאָל ראַטעוועט אים אַרויס זיין זיס-סענטי-מענטאַלער שמייכל. דאַרקען, דעם יונגן פאַראָבעקס ווייבל, האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך, זי זאָל מיך באַדינען. אַלע האַלבע שעה איז זי מחויב אָנצוקלאַפּן אין טיר און פרעגן אויב איך, די קראַנקע פּאַציענטקע, פאַרלאַנג עפּעס. וויטער שטייט גרייט אין ווינקל דער וועליסאָפּעד, ווען איך עפּעס דאַרפן, וואָס מען קאָן דאָ אין שטעטל נישט באַקומען, ווערט מען גלייך שיקן נאָך דעם אַ ספּעציעלן שליח קיין גראָדנע.

גוט, טייערער, צו זיין אַ נאָכגעגעבענע בת-יחידה ביי אַ ווילד-שווייגנדיקער מילנער. גוט צו זיין אַן איין-און-איינציקע. נאָר פאַרוואָס שמייכלט ער אַזוי צוקערדיק-זיס? איך וואָלט געוואָלט ער זאָל זיין אַזוי שלעכט, ווי דו, מיין גאַליציאַנער. נעכטן פאַרנאַכט, ווען ער איז געזעסן נעבן מיר אַ זיס-צעשמייכלטער, האָב איך אים געהייסן דערלאַנגען אַ שערל און איך האָב אים צו זיין בייזן וווּנדער אָפּגעשוירן פון מיטן קאָפּ צוויי באַזילבערטע קרויזן זיינע. נאָר איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיי און איך האָב זיי אים אַריינגעלייגט אין ביידע קעשענעס פון זיין לעדערנעם רעקל. ער האָט זיך, ווייזט אויס, באַליידיקט און איז אַוועק אַן איינגעבויגענער. נאָר איך האָב אים צוריק גערופן און האָב זיך צעקושט מיט אים. האָט ער אויפגעשיינט און איז אַרויסגעלאָפן אַ דערפרייטער רופן דאַרקען זי זאָל מיר עפּעס דערלאַנגען צום קוויקן זיך.

אָ, ווי ווייניק אַ מענטש דאַרף האָבן צוליב אַ קליין ביסעלע גליק אין לעבן!

װילסטו, הײסט עס, נישט קומען צו מיר אַהער קײן פּױלן, נאָר דוקא איך זאָל פֿאָרן צו דיר קײן חיפה? אַזױ האָסטו באַשלאָסן און אַנדערש קאָן עס נישט זײן, — זאָל איך דיך פֿאָלגן? װען דאָס איז בלױז דײן עקשנות, װאָלט איך עס דיר נאָכגעגעבן. װען דאָס איז בלױז דערפֿאַר, װאָס דו װילסט נישט הײמאַן, דער װײבערניק, זאָל זײן דײן װײבס ברױט-נעבער, װאָלט איך עס דיר צוליב געטון. און װאָס איז בכלל דאָ צו רעדן װעגן דעם? װוּ דו ביסט, דאָרטן דאַרף איך אױך זײן. װאָרום װיפֿל קאָן איך נאָך פּיבערן ליגנדיק אַזױ אױף דער קושעטקע מיט דײנע בריף אין די הענט? איך װעל דאָך װערן אַ פֿאַרביטערט אַלט מײדל. אָ, װעל איך זיך דאַמאָלט פֿײנט האָבן!

נאָר שרעק דיך נישט, מײן ליבער. איצט האַלט עס נאָך נישט דערבײ. איצט בין איך נאָר אַ פֿאַרבענקט אומבאַהאָלפֿן קינד מיט אַ ביסל צו הױכער טעמפּעראַטור, נאָר ס'װעט איבערגײן. דאָס זענען בײ מיר אַזעלכע ליבעס-אַטאַקן, װאָס איך באַקום אַלע מאָל, װען דו דערמאָנסט מיר דײנע גרױסע חובות, װאָס דו ביסט שולדיק צפּורה'ן. אַלעמאָל, אַלעמאָל װעסטו איר זײן אַ בעל-חוב? און אַזױ פֿאַרשולדיקט מוז זײן אַ הונדערט-פּראָצענטיקער ייד דער פֿרױ, װאָס דאַרף אים צו-פּעליק אַ קינד געבוירן?

יאָ, טײערער, אַזױ איז עס. דײן גאַנצע ליבע צו מיר האָט נישט די מינדסטע קראַפֿט װיפֿל עס איז צו פֿאַרמינערן דעם דאָזיקן גרױסן חוב, װאָס דו ביסט שולדיק צפּורה'ן. און אויב אַזױ, מוז איך דאָך אָנװענדן די זעלבע מיטלען, װאָס זי, װײל ביז דו װעסט מיר קײן בעל-חוב נישט זײן לױטן פּרינציפּ פֿון דײן הונדערט-פּראָצענטיקער יידישקײט,

װעל איך בײ דיר אַלץ זײַן אויפֿן צװײטן פּלאַן...

מוז איך איצט פֿאָרן צו דיר, װײַל צו מיר קײן פּוילן װילסטו נישט קומען. קאָנסט דאָך איצט נישט אַװעקפֿאָרן איבער צפּורה'ן. און ס'איז זײער פֿײַן פֿון דײַן זײַט, װאָס דו װילסט זי איצט נישט איבערלאָזן אָן דײַן השגחה, בפֿרט, װען זי פֿילט זיך נישט גוט און דער דאָקטאָר האָט איר געראַטן זײַן פֿאָרזיכטיק נישט צו טון קײן שװערע אַרבעט.

יאָ, מײַן ליבער, ס'איז אַלץ אַזױ נאַטירליך און אַזױ אײַנפֿאַך. נאָר ערלויב מיר צו שטעלן דיר אַ פֿראַגע: װי אַזױ װעסטו עס איצט מיט מיר חתונה האָבן, װען דו ביסט באַלאַסטעט מיט אַזעלכע װיכטיקע פֿאַמיליען־זאָרגן? איך מײן עס ערנסט. ס'דאַרף בײ דיר אַ קינד געבוירן װערן, װעלכעס דו האָסט שוין ליב און די קינפֿטיקע מוטער פֿון דײַן קינד פֿילט זיך נישט גוט און נויטיקט זיך אין דײַן הילף. אויף מאָרגן נאָך דער חופּה װעסטו דאָך שוין דאַרפֿן פֿאָרן קײן שומרון זי געװויר װערן. שרײַבסט דאָך אַלײן, אַז ביז זי װעט האָבן דאָס קינד, מוזטו זײַן בײ איר יעדן צװײטן טאָג צו זען װאָס זי מאַכט.

און אַזױ װעל איך פֿאַרברענגען מײַנע ערשטע חדשים נאָך דער חתונה? אָ, טײַערער, אַ צו שװערער נסיון פֿאַר מיר! דערצו דאַרף מען זײַן אַ העלדן און איך בין עס נישט. פֿאָדער נישט פֿון מיר דאָס, װאָס איך קאָן נישט. ס'איז קעגן אַלע מײַנע װײַבליכע חושים. מיר טוט זײער װײ, װאָס דו ביסט איצט געבליבן אײנזאַם. מיט מײַנע הײסע טרערן באַגיס איך דעם צעראַטענעם קישן פֿון לײַבלס קושעט, װען איך דערמאָן זיך, װי אַזױ דו ביסט געבליבן אַ פֿאַרלאָזענער אַלײן אין דײַן נײַער װוינונג. דורך די נעכט בלאָנדזשע איך אַרום

איבערן צימער און ס׳נאָגט מיך אַזאַ בענקעניש נאָך דיר, אַז מיר ווילט זיך קושן די פּוסטע לופט. ווען איך קאָן כאָטש מיין צעבערענטן קאָפּ צוטוליען צו דיין אַקסל. איך בין אַזוי שוואַך און אַזוי אומבאַהאָלפן...

נאָר ס׳וועט מיר איבערגיין. דאָס זענען מיינע ליבעס אַטאַקן, וואָס באַפאַלן מיך, פון זינט איך האָב דערפילט נעבן זיך צפורה׳ס שאָטן. נאָר איך קרענק עס איבער און דערנאָך ווער איך צוריק דער גרויסער בר-דעת מיט די גרויסע אַרבעטס-פעיקייטן, וואָס אַלע באַוואונדערן אין מיר אַזוי שטאַרק. נאָך אַ פּאָר טעג וויל איך זיך דאָ צערטלען ביי דעם קרוב מיינעם. אַ צוויי-דריי טעג וועל איך נאָך ליגן אויף זיין צע-ראַטענעם קושעט אַ פאַרבענקטע און אַן אומרויקע ביז עס וועט קומען דער קריזיס און דאַן וועל איך אין איין אויגנבליק געזונט ווערן.

מיטאַמאָל וועל איך אויפשפּרינגען פון אָרט מיט אַ באַפעל צו דעם ברייט-פּלייציקן מילנער אינם לעדערנעם רעקל ער זאָל מיך גלייך אָפּפירן קיין גראָדנע. דאָרט וועל איך מיך אויס-באָדן אין ניעמאַן. דערנאָך וועל איך קושן מיינע געטריי-טאַטע-מאַמע און מיין אַלטיטשקע אַרבעטסזאַמע באָבע. און עטלעכע וועט מיך באַגלייטן צום וואַרשעווער צוג. זי, דאָס קלענערע שוועסטערל מיינס, האַלט פון מיר איצט זייער שטאַרק. די לילא-זיידענע קימאָנע און מיין ביסל קאָקעטעריע מיט לייבלען האָט מיר געשאַפן ביי איר גרויס אָנערקענונג. זי האָט זיך שוין אָנגעשלאָגן אפילו קומען צו מיר קיין וואַרשע צו גאַסט און זי שטעלט זיך פאָר, אַז איך האָב דאָרטן זייער אינטערעסאַנטע באַקאַנטע.

יאָ, אַ קליין ביסעלע וועל איך זיך דאָ באַרויקן פון

דײַנע בריף און איך פּאָר קײַן װאַרשע אַרבעטן. פֿון גראָדנע האָט מען מיר נעכטן איבערגעשיקט אַ צװײטן בריף פֿון הײַ־מאַנען. ער דערװאַרט מיך יעדן טאָג. זײַן ביורא איז שױן טעטיק און ס'פֿעלט נאָר די אױסלענדישע קאָרעספּאָנדענטין.

און שטיל אײַן אַביסל דײַן כּעס אױף אים. ער איז דאָך אַמאָל געװען דײַנער אַ פֿרײַנט. װי אַזױ קאָנסטו איצט אַזױ רעדן פֿון אים? און גלײב מיר, ער איז נישט אַזױ פֿאַר־דאָרבן, װי דיר זאָגט זיך עס.

ער קושט װײַבער, דאָס איז אמת, נאָר איך מײן אַז מען קאָן דערבײַ אױך זײַן אַ לײַטישער מענטש. און אפשר טוט ער די פּרוּװען, װאָס ער קושט, אױך דערמיט נישט קײן שלעכטס. פֿאַראַן אַזױ װײניק פֿרײד אין לעבן און מענטשן זענען אַזױ עלנט. געפֿינט זיך יעדערער זײַן גליקלעכע מינוט, װי אַזױ ער קאָן. משפּט נישט, טײַערער, משפּט נישט אַזױ שטרענג.

נאָך צװײ טעג װעל איך זיך דאָ צערטלען בײַ לײבלען אױפֿן קושעט. נאָך צװײ טעג װעל איך מיר ערלױבן דעם לוקסוס לײבל זאָל מיר נאָכגעבן מײַנע נאַריש־מײדלשע קאַפּ־ריזן. װען איך באַפֿעל אים אַװעקלײגן זיך בײַ מײַנע פֿיס און איך טרעט צו זײַן געזונט־אָפּגעבורענטן האַלדז, װאָלט ער געקושט דערפֿאַר מײַנע פֿאַרשטױבטע שיכלעך. נאָר מיר װילט זיך עס נישט. איך װעל אים בעסער קושן אין די ליפּן. אַז דו קאָנסט צו מיר נישט קומען, װײל ס'איז דיר שװער איבער־צולאָזן אַלײן צפּורה'ן, שיק כאָטש אַ דאַנק מײַן קרוב, װאָס ער װײלט מיך דאָ אַביסל.

נאָך אין צװײ טעג אַרום פֿאָר איך אָװעק אַרבעטן. שרײַב מיר, טײַערער, קײַן װאַרשע „פּאָסט־רעסטאַנט", אַזױ װי פֿריער.

דײַן ליב מײדל.

כט

מיין גאַליציאַנער!

איך שרייב דיר נאָך אַלץ פון דער פּראָווינץ. דאָס מאָל האָבן ביי מיר מיינע ליבע-ספּאַזמען געדויערט אַביסל לענגער, ווי דעמאָלט אין אַלעקסאַנדריע, ווען דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט קומען צו מיר. איצט בין איך געלעגן אַ גאַנצע וואָך צום בעט, ווי אין אַ היץ-קראַנקהייט.

נאָר ס'איז שוין אַריבערגעגאַנגען. נעכטן איז געווען דער קריזיס און איך בין מיטאַמאָל געזונט געוואָרן. מיין גוטער און סענטימענטאַלער לייבל האָט אויסגעהאַלטן טאַקט ביזן סוף: נאָכגעגעבן מיר אַלע מיינע קאַפּריזן און געשוויגן אַ זיס-צעשמייכלטער, ווי תמיד. נאָר, איצט איז ער גאָר גליקליך. פון נעכטן אָן בין איך ביי אים אין הויז געוואָרן בעל-הבית'טע. אויף די פענצטער זענען שוין דאָ פאָרהענגלעך פון פיינעם לייכטן באַטיסט מיט געהאָפטענע בלומען אין דערמיט. אין קאַבינעט זענען שוין אויך פאַראַן שטאָרן, וועלכע מען האָט לויט מיין באַשטעלונג געבראַכט פון גראָדנע, און דאַרקע, די הויפּט-באַדינערן פון הויז, ווייס שוין, ווי אַזוי מען דאַרף זיי אויפן שנור פאַרציען און אַראָפּלאָזן.

קוועלט ער, דער ברייט-פּלייציקער מילנער, פונם ליכט-

און שאָטן-שפּיל אין זײנע דרײ װײס-געקאַלכטע צימערן, װאָס האָבן פריער אויסגעזען װי דרײ גרױסע און דורכזיכטיקע לאַמטערן-באַלאָנען, און דאָס געפעלט אויך דאַרקען. זי, דעם פאַראָבעקס יונג װײבל מיט אירע העלע שטײף-פאַרפלאָכטענע צעפּלעך, קוקט מיר אין די אויגן אַרײן און װאַרט אויף מײנע באַפעלן מיט גרויס הכנעה. איך האָב זי אויך אָנטציקט מיט מײנע קענטנישן אין הינער-צוכט. לויט מײנע הײל-מיטלען, האָט זי מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָפּ׳חיה׳עט אַ קלײן הינדעלע, װאָס האָט שוין געהאַט אײנגעװוּרעט דאָס קעפּל און איז געבליבן זיצן מיט אַן אויסגעצויגן שנעבעלע, גרײט אויסצוגײן, װי אַ ליכטל. האָבן מיר עס בײדע דערמינטערט. ס׳האָט אָנגעהויבן אַראָפּשלינגען טראָפּנס װאַסער און דאָס עופה׳לע האָט אָפּגעלעבט.

אַ פּולער הויף זענען זײ דאָ בײ לײבלען. פון באַגינען אַז די יונגע הענערלעך הויבן אָן צו קרײען אויף זײערע דינהײזעריקע קול׳כעלעך, דערמאָנען זײ מיר אונדזער הויפל מיטן הילצערנעם צריף פון שומרון. און ס׳טוט מיר אַזוי באַנג יענע פרײלעכע צײט, װען מיר האָבן דאָרט צוזאַמען געאַרבעט. געדענקסט, מיר פלעגן מיטן זונען-אויפגאַנג אַרויסגײן צום שאָסײ האַקן די קופּעס שטײנער פון בײדע זײטן װעג. אונדזערע פרימאָרגן-לידער האָבן אָפּגעהילכט װײט ביז צו די הרי-יהודה בײ די ראַנדן פון די בלוי-לויטערע הימלען. נישט געװוען נאָך דאַן בײ אונדז קײן װילדע ליבעס-אַטאַקעס און קײן פאַר׳סמ׳ט געמיט פון אײפערזוכט. עפּעס אַזוי גרינג געװוען דאַן צו לעבן. אַ גליקלעכע צײט געװוען.

נאָר איצט בין איך שוין געזונט. פאַרן אָװעקפאָרן װעל איך נאָך הײנט אָפּפרעגלען פאַר לײבלען קאָנפיטורן. די צװײ

קוישן קאַרשן, וואָס דאַרקע מיט איר מאַן האָבן נעכטן אַראָפּ־געריסן פון די בוימער, זענען איינגאַנצן אין מיין רשות. האָב איך געשטעלט צוויי פלעשער קאַרשן מיט צוקער, ס'זאָל זיין נאַליווקע אין שטוב. ער, לייבל אַליין וועט עס אפשר נישט טרינקען. פשוט, עס וועט נישט זיין, ווער עס זאָל אים דער־מאָנען וועגן דעם. נאָר אין עטלעכע חדשים אַרום וועט עס זיכער צו נוץ קומען דאַרקען, ווען זי וועט ליגן אין קימפּעט, און דעם צווייטן קויש מיט קאַרשן וועל איך מיטנעמען קיין גראָדנע, מיין מאַמען אַ מתנה.

און פאַרנאַכט וועל איך גיין מיט לייבלען שפּאַצירן אין שטעטל אַריין אָנצוקוקן דאָס לעצטע מאָל דעם פאַרשטויבטן מאַרק מיט דער חורבה פון דער אַלטער שול, וועלכע איז פאַרברענט געוואָרן אין דער צייט פון קריג. דאָרט, אין שטעטל, איז היינט זייער פריילעך. געקומען אַן אַמעריקאַנער ווייבל צו אַ טאַטן אויף קבר־אבות. רוישט די גאַס. אין דער פרי זענען יידן און ווייבער זי נאָכגעלאָפן אויפן בית־עולם און די אכסניה, וווהין זי איז פאַרפאָרן, איז באַלאַגערט מיט מענטשן. אַלע קהל'שע אַנשטאַלטן פונם שטעטל האָבן זיך שוין געמאָלדן, אַ חוץ סתם אָרעמע־לייט, קאַליקעס און יתומים. צווישן דעם עולם זאָגט מען, אַז דאָס ווייבל איז זייער אַ רייכע און זי האָט צוגעזאָגט צו העלפן אָפּבויען די אַלטע שול.

פון די אַלע נייעסן דערציילט מיר לייבל'ס בוכהאַלטער פון דער מיל, וועלכער איז שטאַרק אַריינגעטון אין שטעטל־דיקע קולטור־אָנגעלעגנהייטן. דער דאָזיקער בלאָנד־קלייענדיקער בחור האָט זיך ליב צו באַרימען מיט אַמעריקאַנער עשירות. אַזוי רייך איז אַמעריקע, אַז ס'קאָן שפּיַין גאַנצע שטעטלעך

דאָ אין פוילן. אַ חוץ חודש-געלט, וואָס די פאַמיליעס באַקומען פּינקטליך צו דער באַשטימטער צייט, שיקט נאָך אַמעריקע אַריין אין שטעטל יום-טוב-געלטער, קהל זאָל צעטיילן פאַר געפאַלענע בעלי-הבתים און איידעלע אָרעמע לייט „מתן בסתר”. אַמעריקע האַלט דאָ אויס אויך די שטעטלדיקע תלמיד-תורה, די יידישע שול און דעם העברעישן קינדער-גאָרטן. אַמעריקע העלפט צאָלן שטייערן און חתונה מאַכן טעכטער. אַמעריקע האַלט אויס די גאַנצע שטאָט, נאָר די אַלטע שול האָט צו אַמעריקע קיין מזל נישט. שוין יאָרן-לאַנג, אַז יידן וואַרטן דאָ אויף אַ פרומען אַמעריקאַנער מיט אַ ברייטער האַנט, וועלכער זאָל אָפּבויען די אַלטע שול און די שטיינערנע חורבה מיט די פיינע שניצערייען אונטער די באַלקנס שטייט נאָך אַלץ מיט די שוואַרץ-אַרומגעבראָכטע ווענט, ווי די דייטשן האָבן זי איבערגעלאָזט אין דער מלחמה-צייט.

נאָר לייבלס בוכהאַלטער, וועלכער איז אַ קולטור-טוער אין שטעטל, האָט נאָך נישט אויפגעגעבן די האָפנונג וועגן תקון פון דער אַלטער שול. ער גלויבט אין אַמעריקעס גרויסע מעגלעכקייטן און די אַמעריקאַנער, וואָס איז איצט געקומען אַהער אויף קבר-אבות, האָט אים געמאַכט אַזאַ געהויבענע שטימונג, אַז ער איז היינט אין מיטן פרישטיק אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין, הערן נייעס און מיטצוהעלפן מיט אַן עצה די צוויי דעלעגאַטן, וואָס דאַרפן גיין צום אַמעריקאַנער גאַסט, בעטן הילף פאַר דער ביבליאָטעק.

אַלע זענען דאָ היינט פאַרנומען מיט דער אַמעריקאַנער קבר-אבות-דאַמע. אַלע — אַ חוץ לייבלען. איך זאָג דיר ער איז עפּעס אַן אַנדערער מענטש. נישט אומזיסט האָט ער זיך אויסגעבויט דאָס הויז זיינס מחוץ למחנה. ס'שטייט ביים וועג, ווו

מען פאָרט צו דער באַן. אַרום שפּרייטן זיך גרינע פעלדער און פונם שטעטל טיילט אים אָפּ די גויעשע גאַס. אין די ערשטע יאָרן נאָכן פאָטערס טויט, ווען ער האָט זיך אַריינגע־לאָזט אין דער אַרבעט אויפן דאָרפיש־בעלי־הבתישן שטייגער, האָבן אים די שטעטלדיקע יידן אַ נאָמען געגעבן „קאָלאָניסט". אַזוי רופט אים אויך מיין טאַטע. נאָר אים אַליין געפעלט דער דאָזיקער צונעמעניש זיינער.

לייבל איז אויך זייער צופרידן דערפון, וואָס מען האָט אים שוין לסוף אויפגעהערט צו רעדן שידוכים. אַזוי לאַנג זענען מענטשן אומזיסט אַרומגעפאָרן צו אים וועגן דעם, אַז מען האָט שוין אָוועקגעמאַכט אויף אים מיט דער האַנט, ווי אויף אַ טויטן. נאָר אין שטעטל זענען נאָך פאַראַן אַ צוויי אינטעליגענט־פאַרזעסענע מיידלעך, וועלכע קאָנען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער טומלדיקער יינגל־מיידל־יאָגעניש פון אונדזער צייט — חלומ'ן זיי נאָך פון לייבלען און פאַרבלאָנדזשען אַמאָל אין אַ זומער פאַרנאַכט צו אים מיט אַ וויזיט. נאָר פאַר אים, דעם ווילדן שווייגער, איז עס ווידער אַמאָל אַן אָפּקומעניש. ער איז זייער גערן די דאָזיקע מיידלעך, ווען זיי קומען צו גאַסט, נאָר ער ווייסט זיי נישט, ווי אַזוי אויפצונעמען. עפּעס ווייס ער נישט, וואָס צו רעדן מיט זיי און אָנשטרענגען זיך צו זיין אַמוזאַנט, איז אים אַזוי שווער, אַז אים ווילט זיך ביי אַזעלכע מינוטן אַנטלויפן אין דער וויַיטער וועלט אַריין.

אַזוי דערציילט לייבל וועגן זיך אַליין. מיט מיר ווערט ער ביסלעכווייז אַ ביסל רעדעוודיק און אַז איך האָב אים געפרעגט, אויב ער וועט מיר קיין וואַרשע שרייבן אַמאָל אַ בריוול, האָט ער געענטפערט זייער ערנסט, אַז בריף שרייבן האָט ער נישט ליב, ער וועט בעסער אַליין קומען צו מיר

מיין גאַליציאַנער, געפעלט דיר עפּעס מיין קרוב לייבל? אָט אַזוי אינם לעדערנעם רעקל מיט די גראָע קרויזן אויפן קאָפּ. ווען ער איז כאָטש אַ קליין ביסעלע קלוג אַזוי ווי דו, נאָר ער שמייכלט אַזוי צוקערדיק-זיס... ניין! סענטימענטאַלע מענער זענען נישט אינטערעסאַנט.

מאָרגן גאַנץ פרי פאָר איך אַוועק.

טייערער, איך בענק שוין ווידער נאָך אַ גרוס פון דיר. וואָס טוסטו איצט? פון וועמען טראַכסטו אין דער מינוט? בלאָנדזשעסט נאָך אַלץ אַרום אַן איינזאַמער אין דער פוסטער ווינונג, אָדער דו פאָרסט אַלע פאַרנאַכט צו צפורה׳ן?

טייערער, איך וואָלט דיך אַזוי געוואָלט פיינט האָבן, נאָר איך קאָן נישט. איך שיק דיר מיינע קושן.

דיין ליב מיידל.

ל

מיין גאַליציאַנער!

איך בין נעכטן געקומען קיין וואַרשע מיט אַ פולן קויש נאַשערייען, וואָס מיין גוטער לייבל האָט מיר געגעבן אויפן וועג, און היינט פרי בין איך געלאָפן אויף דער פּאָסט אָפּ־נעמען דיינע בריף אַזאַ דערפרייטע און אַזאַ גליקלעכע, ווי איך וואָלט אַ קליין פאַרליבט מיידל געווען. לייבלס שוויגע־דיקע גוטסקייט, מיין טאַטנס פיינער הומאָר און מיין מאַמעס געטריישאַפט מיט דער תכלית׳דיקער לעבנס־לערע פון מיין אַלטיטשקער באָבען האָבן מיך אינגאַנצן אויסגעהיילט פון מיינע עגאָיסטישע אייפערזוכט־ספּאַזמען, וואָס האָבן מיך געמאַטערט צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד.

איצט פיל איך זיך ממש, ווי ניי געבוירן. עפּעס אַזאַ ליכטיקע וועלט אַרום מיר. קעגן מיינע פענצטער גרינט דער זאַקסישער גאָרטן און איך בין נאָך אַזאַ יונגע. מיין בלוי זיידן קליידל פּאַסט מיר זייער שיין. דאָס ווייס איך אַלע מאָל לויט די בליקן, מיט וועלכע פאַרבייגייער קוקן מיך אָן אין גאַס. אויך איז עס תמיד געוועגדעט אָן מיר: גלוסט זיך עס מיר, קאָן איך זיין אינטערעסאַנט, און היינט פיל איך מיך, ווי איך וואָלט זיך באַפרייט פון געפענגעניש. ניין, טייערער,

מער טו איך שוין נישט דאָס נאַרישקייט. זאָל זי זיין געזונט און שטאַרק, צפורה, נאָר צוליב איר קרענק איך מער נישט. אַזוי וויל איך היינט. דו הערסט, מיין גאַליציאַנער. אַזוי וויל היינט דיין יום-טוב׳דיק מיידל!

און דיר וועל איך ראָטן אויך טון דאָס זעלבע. הייל דיך אויס אַביסל פון דיין שנאה צו היימאַנען. דו רעדסט פון אים אין יעדן בריף אַזוי פיל, אַז ער הויבט מיך אָן צו אינטע- רעסירן. דאָס, וואָס ער קושט צוועלף פרויען אַ טאָג, איז אויך זייער אינטערעסאַנט. ער, היימאַן, קאָן קושן צוועלף, און דאָ אַזעלכער, וואָס קאָן קיין איינע נישט קושן. דערצו דאַרף מען אויך האָבן טאַלענט. און זיי רויק, טייערער, וועגן מיר. אויף מיינע ווייבליכע אַמביציעס קאָנסטו דיך פאַרלאָזן, איך וועל אָנווענדן אַלע מיינע כחות צו זיין ביי אים פון די ערשטע און די צוועלפטע זאָל דוקא זיין אַן אַנדערע. נאָר מעגליך, אַז די לעצטע, וואָס ער קושט, האָט זיך אויך נישט צו באַקלאָגן אויף אים. האָט דאָך שלמה המלך געהאַט טויזנט פרויען און ס׳איז אין ערגעץ נישט פאַרשריבן געוואָרן דער פאַקט, אַ ווייב זאָל האָבן וועלכע ס׳איז תרעומות קעגן אים.

לויט דער מיינונג פונם רוסישן שריפטשטעלער קופּרין, האָט שלמה אַלע זיינע טויזנט ווייבער גלייך ליב געהאַט. איינע האָט ער געליבט פאַר איר ווייסקייט, און די אַנדערע — פאַר איר טונקלקייט. איינע — ווייל זי איז געווען שלאַנק און הויך-קעניגלעך געוואַקסן, און די צווייטע — ווייל זי איז געווען קליין און צאַרט, ווי אַ קינד. איינע איז אים געפעלן געווען פאַר אירע אומעטיקע קויל-שוואַרצע בליקן און די אַנדערע האָט אים גערייצט מיט אירע ליכטיק-בלויע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט דאָס הייטערע געמיט פון ווייבלעכער

לייכטזיניקייט. איינע האָט ער ליב געהאַט פאַר אירע פעך־שוואַרצע לאָקן און הייס־טונקעלן בלוט און די צווייטע — פאַרן בלאָנד־זיידענעם צאָפּ און ווייס־געטאָקטע הענטלעך, וועלכע זענען אין די הייסע זומער־טעג אַזוי קיל געווען, ווי דער־פרישנדער געטראַנק פון שלמה׳ס קעניגלעכע ווײַן־קעלערן, און אויב אַזוי — איז דאָך די טויזנטסטע אַזוי גליקלעך געווען ווי די ערשטע.

נאָר שרעק זיך נישט, מיין גאַליציאַנער. איך גלייך נאָך נישט דעם וואַרשעווער אַדוואָקאַט היימאַן צו שלמה המלך. יענער האָט געקאָנט ליב האָבן טויזנט פרויען און יעדערער פון זיי געבן אַביסעלע גליק אין לעבן און היימאַן האָט קוים די השגה צו קושן צוועלף און עס איז זייער מעגלעך, אַז ער טוט עס אַזוי שלים־מזל׳דיק, אַז אַלע צוועלף פאַרשילטן אים די יאָרן. אויך ווייסטו זייער גוט, אַז איך אָנערקען נישט דאָס סיסטעם פון שותּפות־ליבע. אין דעם פּרט בין איך אַ הונדערט־פּראָצענטיקע עגאָיסטן, און דו זעסט דאָך, אַז איך קאָן זיך נישט צו טיילן אפילו מיט דיין איינציקער קליינינקער צפּורה׳ן...

יאָ, מיין ליבער יונגערמאַן, זיי רויק פאַר מיר. מצד היימאַנען דראָט מיר נישט קיין שום געפאַר. איך בין פאַר אים ווייט נישט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי דו מיינסט. צום קאָמפּלעט פון זיינע צוועלף קוש־מיידלעך פעל איך אים נישט. ער האָט דאָ אַרום זיך אַזאַ גרויסן אויסוואַל פון פרויען־רייץ, אַז צוליב דעם האָט אים זיכער נישט געלוינט אויסצושרייבן מיך פון עגיפּטן אַלס קאָרעספּאָנדענטין פון זיין ניי־געעפנטן ביוראָ. די בוכהאַלטערן, וואָס אַרבעט דאָ ביי אים, איז אַ היפּש ביסל שענער און יונגער פון מיר. איר פּייז־געשמינקט

פּנים׳ל איז ממש אַ קונסט־ווערק, אירע באַוועגונגען זענען פון אַן אַרטיסטן. און דאָס שענסטע, וואָס זי פאַרמאָגט, איז אַזוי קונציק אַנטפּלעקט, אַז יעדער איינציקער מוז זיך אויף דעם אומקוקן. גראַצ׳עז און עלעגאַנט איז אויך זיין צווייטע מיט־אַרבעטערן, וואָס אַרבעט ביי דער שרייב־מאַשין. ווען זי גיט אַ דריי דאָס קעפּל, וואַרפן זיך איר פון ביידע זייטן די פּערל־העלע אוירינגען וועלכע הענגען איר אַראָפּ ביז צו די אַקסלען, און דאָס לייכט־באַשיידענע קליידל מיט די ווייס־קאַראַנקענע קעלנערלעך ביים האַלדז און ביי די הענט האָבן אויף איר דעם זיבעטן חן. און צווישן אָט די ביידע מאָדערנע וואַרשעווער פּעטן זע איך אויס אַזוי פּראָווינציעל און אַזוי איינפאַך! היימאַן אַליין שטרייכט אונטער אויף יעדן שריט מיין חלוציש־פּראָלעטאַרישע לעבנס־לערע. ער רופט מיך חברה עלקין אויפן העברעיש־פּאַלעסטינישן שטייגער און דערביי האַלט ער זיך זייער קאָרעקט. דו הערסט, גאַליציאַנער — ליבעסווירדיק, חבר׳יש־מילד און זייער קאָרעקט.

נעכטן אין דער פרי, ווען איך האָב אים טעלעפאָנירט וועגן מיין קומען האָט ער מיר גלייך צוגעשיקט אַ בינטל רויט־דופטיקע נעלקן און דער מוטער, וועלכע פירט דאָ איצט ביי זיין ברודער די ווירטשאַפט, האָט ער געבעטן דורכן טעלעפאָן, זי זאָל פאַראָרדנען דער דינסט מיין צימער זאָל זיין אויפגעפּאַסט און צום פרישטיק זאָל מען מיך פרעגן, וואָס איך וויל עסן.

נאָכמיטאָג איז ער געקומען אַליין, האָבן מיר געפּלאַפּלט אַביסל, אָפּגעטרונקען טיי און זענען צוזאַמען אַוועק אין ביוראָ. דאָרט האָט ער מיך באַקענט מיט זיינע ביידע מיטאַרבעטערינס און מיר האָבן זיך אַביסל דורכגעשמועסט

וועגן מיין קינפטיקער אַרבעט. דערנאָך האָט ער מיך באַגלייט אַהיים און געראָטן גוט־ברודעריש, איך זאָל זיך אויסרוען.

האָב איך אים געפאָלגט, דעם שעף מיינעם. אויס־רויכערנדיק דעם סיגאַר, וואָס איך האָב ביי אים גענומען, ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט אויף די טרעפּ, האָב איך אַראָפּגעצויגן די ראָלעטן און אין מיין האַלב־טונקעלן צימער האָב איך איינגעדרימלט אַזוי זיס, אַז איך בין אָט אַזוי, אין מיין שטוב־כאַלאַט איינגענורעט אויפן קושעט, איבערגעשלאָפן די נאַכט. צוויי מאָל האָט מען אָנגעקלאַפּט צו מיר אין טיר, צוויי מאָל האָט מען מיך געוועקט צום אָוונט־ברויט. אַזייגער צען האָט אָנגעקלונגען היימאַן, האָט דאָס דינסט־מיידל ווידער געפּרוווט אָנקלאַפּן אין טיר פון מיין צימער און איך האָב אַלץ נישט געהערט. געשלאָפן פערצן שעה נאָכאַנאַנד, ווי אַ געהרג׳עטע. דאָס שלאָף איך אַזוי נאָך דער „קרענק״, וואָס איך האָב אויסגעפיבערט, ליגנדיק ביי לייבלען אין שטוב מיט דיינע דריי בריף אין די הענט. נאָך אַ שווערער איבערלעבונג איז עס ביי מיר אַלע מאָל אַזוי — ס׳באַפאַלט מיך דאַן אַ שלאָף אויף גאַנצע מעת־לעת׳ן ביז איך הייל זיך אויס פון מיין צער. אַזוי אַרום ווער איך געזונט און הויב ווידער אָן צו אַרבעטן מיט אַזאַ פרייד, ווי איך וואָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

און ווי אַזוי פילסטו זיך איצט? דו ביסט אַזוי פאַר־בלענדט פון שנאה צו היימאַנען, אַז אין דיינע לעצטע צוויי בריף שרייבסטו נישט קיין איין וואָרט וועגן זיך. ביסטו נאָך אַלץ אַליין אין דער פוסטער וווינונג? דאָס איז דאָך גלאַט

אַ משוגעת. קאָנסטו דאָך דערוויי͏ל איין צימער פאַרדינגען, אָדער נעם אַריין צו זיך עפּעס אַ חבר.

טייערער, ווו איז דיין קלוגער קאָפּ? וואָס איז מיט דיר? פאַרגעס דעם וואַרשעווער אַדוואָקאַט היימאַן און שרייב מיר וועגן זיך — וועסטו אַזוי טון? איך בעט דיך.

דיין ליב מיידל.

לא

מיין ליב מיידל!

איך שרייב דיר היינט מיט אַ געדריקט געמיט. עפּעס זענען דיינע לעצטע בריף אַזוי סאַרקאַסטיש־קלוג, אַז מיר איז פון זיי זייער נישט היימלעך. דיין קרוב לייבל געפעלט מיר און איך פרעג דיך נישט, וויפל מאָל אַ טאָג דו האָסט זיך געקושט מיט אים, ווייל וואָס וועט מיר אַרויסקומען, ווען איך וועל דיך יאָ פרעגן. ביסט מיר דען מחויב צו דערציילן דעם אמת?

בפרט ס'איז אַלץ אַזוי נאַטירליך. אַ גרויס דאָרפיש הויז שטייט ביים וועג צווישן גרינע פעלדער. הינטער די פענצטער רוישן קאַרשן־בוימער און דער בעל־הבית פון הויז איז אַ ברייט־פלייציקער מאַנסביל מיט אַ ברוין־אָפּגעבריגטן האַלדז און גרויע קרויזן אויפן קאָפּ. מיט יאָרן צוריק איז ער פאַר־ליבט געווען אין דיר און איצט ביסטו געקומען צו אים צו־גאַסט אַלס קרובה...

ניין, איך האָב צו דיר קיין טענות נישט דערפאַר. מעגליך, אַז ליבע־ספּאַזמען דאַרף מען היילן מיט אַזעלכע מיטלען און גוט האָסטו געטון, וואָס אין לייבלס דאָרפישער שטוב מיט די צעפּראַלטע טירן, האָסטו געשאַפן היימלעכע ליכט־

און שאָטן-ווינקעלעך, אויך גלייב איך, אַז די קושן פונם הויכן סעזאָן מענטאַל-שמייכלענדיקן מילנער האָבן דיר געדינט אַלס אַ גוט ביסל נאַרקאָז צו בערוהיקן דיינע צושרויפטע נערוון און טרייסטן דיך פון ליבע צו מיר און אייפערזוכט צו צפורה'ן.

דאָס איז אַלץ זייער גוט און איך בין צופרידן, וואָס דו ביזט שוין געזונט געוואָרן. נאָר איבערהויפּט איז עס גוט, וואָס איצט ווייסטו שוין מיט וואָס צו היילן דיינע ליבעס-אַטאַקן, וואָס עס באַפאַלן דיך אין בענקעניש נאָך דיין אַלטן פריינט פון גאַליציען. זיי רויק טייערע, דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט היימאַן וועט דיך קורירן נישט ערגער פון דיין שווייגנדיק-קליינשטעטלדיקן קרוב אינם לעדערנעם רעקל. פאַלסט אַריין אין גוטע הענט, דער הער היימאַן פאַרשטייט זיך שוין אויף אַזעלכע איידעלע זאַכן.

יאָ, מיין ליב יום-טוב-מיידל!

איך האָב זיך מיט דיר נישט גענאַרט. פאַרמאָגסט פליגלען אָן דעם לילאַ-זיידענעם קימאָנאָ מיט די פליגל-אַרבל, וואָס דו האָסט זיך געקויפט אין עגיפּטן, נאָר די הייס-בלוטיקע לילית, וואָס זיצט אין דיר, שלעפּט דיך אין היימאַנס שמוציקע נעצן, וואָס ער האָט פאַר דיר אויסגעשפּרייט. ווייזט אויס, אַז אַזעלכע ווי דו האָט ער נאָך צווישן זיינע צוועלף קוש-מיידלעך נישט באַגעגנט. האָט ער די אַמביציע צו באַקומען נאָך דיך אַלס אַ דרייצנטע און צוליב דעם האָט אים געלוינט אויסצושרייבן דיך אַלס קאָרעספּאָנדענטן פאַר זיין ביוראָ אַזש פון עגיפּטן. און ער איז געוויס זיכער, אַז די דאָזיקע אַוואַנטורע וועט זיך אים איינגעבן, ווייל ער האַלט דאָך זיך פאַר דעם אינטערעסאַנטסטן מאַן אין דער וועלט און פּרייען-הערצער עסט ער דאָך טאַקע אַזוי לייכט ווי מען עסט יאָדערן נאָך אַ זאַטן מיטאָג, שוין

זשע וועט זיך אים אָט דאָס יום-טוב-מיידל פון גראָדנע נישט אונטערגעבן? זי קושט זיך שוין נישט אַזוי גרינג און אַזוי פשוט מיט יעדן איינציקן. אינטערעסאַנט צו עסן מיט איהר אַביסל יאָדערן. וועט זי צאַפּלען דערביי מיטן הערצל, ווי די אַלע צוועלף, וואָס ער קושט טאָג טעגליך, אָדער זי, די קלוגע ווילגעלערנטע פּראָלעטאַריערין, וואָס קאָקעטירט אַזוי פּראָלעטאַריש-באַשיידן, וועט זיין אין דעם פּרט אַביסל אָריגינעל?

יאָ, דעם וואַרשעווער אַדוואָקאַט הײמאַן האָט געלוינט דיך איינצולאַדן אַלס מיטאַרבעטערן פון זיין ביוראָ. נאָר צו וועט אים געלינגען מאַכן דיך פאַר זיינס אַ קוש-מיידל? ווי אַזוי מיינסטו, מיין ליבע, וועט אים דאָס געלינגען? פרעג אָט יענע, וואָס האָט געפיבערט אין דיר, ווען דו ביזט געלעגן ביי לייבלען אויף דער קושעט מיט מיינע בריף אין די הענט און האָסט זיך פון אומעט און בענקעניש געקושט מיט אים, דעם פאַרליבטן קרוב פון דיינע שילער-יאָרן אין גראָדנער גימנאַזיע. פרעג זי, די גראָדנער חלוצה, וואָס קאָקעטירט אַזוי באַשיידן מיט לייבלס אָפּגעשוירענע קרויזן, וועלכע זי האָט אַזוי ווייבליך-מילד אריינגעלייגט אים אין ביידע קעשענעס פון זיין לעדערנעם רעקל.

אָדער פרעג זי בעסער גאָרנישט. זי וועט מיר סיי-ווי גאָרנישט פּותר זיין דערויף. איך נעם דיך אַזאַ, ווי דו ביזט מיט אַלע דיינע חסרונות. דיין זינדיק-שיכור'ע נאַרקאָז-שפּיל איז מיר אַזוי ליב, ווי דו מיט דיינע ווייס-זויבערע פליגלען. מילא, האָסטו זיך געקושט מיט לייבלען. ער איז דאָך דיינער אַ קרוב און אַ פריינט פון די קינדערשע יאָרן. נאָר פאַר קיין פאַל וועל איך נישט דערלאָזן דו זאָלסט ווערן ביי הײמאַנען זיין דרייצנט פאַרווײלונגס-מיידל. דו הערסט, טייערע, פאַר קיין פאַל נישט!

גאָר אין גיכן וועל איך קומען צו דיר און אין מיטן טאָג וועסטו וואַרפן די אַרבעט ביי היימאַנס ביוראָ-טיש, וועסט אפילו נישט פאַרענדיקן די אַרבעטס-שטונדן. גלייך וועלן מיר אַוועקפאָרן קיין גראָדנע און אין דער אַלט-הילצערנער ירושה-שטוב פון דיינע טאַטע-מאַמע וועלן מיר שטעלן אַ היימיש-קליינ-שטעטלדיקע חופה, ווי דיר געפעלט. דערנאָך וועלן מיר פאָרן קיין גאַליציען געוויר - ווערן מיין אַלטן קראַנקן טאַטן, וועלכער זעט שוין כמעט די שיין נישט פאַר די אויגן. איך וויל ער זאָל כאָטש הערן דיין קול. זאָל ער דיר געבן אַ ברכה און דו וועסט פילן זיין קאַלט - ביינערדיקע האַנט ביי זיך אויפ׳ן קאָפּ. וועסט שוין זען, וואָס פאַר אַנ׳אינטערעסאַנ-טער זקן דאס איז. איך וויל, דו זאָלסט אים גוט געדענקען.

אין גיכן וועל איך קומען צו דיר, אין א פיר-פינף וואָכן ארום. איך וועל לאָזן דעם פּאָסטן און וועל איבערגעבן די וווינונג מיטן מעבל. אַלץ, אזוי ווי דו פאַרלאַנגסט. וואס איך וועל טון דאָרט אין פוילן—וועגן דעם טראַכט איך אפילו נישט. מיר וועלן שוין דארט נישט פארפאלן ווערן. יא, אין א פיר-פינף וואָכן ארום. איך וואַרט נאָר, ביז צפורה וועט געבוירן דאָס קינד. דאס איינציקע וואָס איך ערלויב מיר. איך מוז עס אָנקוקן ביים געבוירן. דאָרט ביי אונדז אין שומרון, דערוואַרט מען דאָס קינד, ווי אַ טייערן גאַסט. חנניה האט געמאכט א וויגעלע. טובה האט אויפגענייט וועש און ביי יעדער פרייער מינוט לויפן אַלע פרעגן צפורה׳ן, צי זי הערט דעם קינד׳ס הערצל קלאַפּן. אין פרימאָרגן, ווען מען שטייט אויף צו דער אַרבעט, לייגט טובה צו דעם אויער צפורה׳ן אונטערן האַרצן און הערט זיך איין. דערנאָך שרייט זי אַ דערפרייטע פון קעמערל אין צריף אריין צו די בחורים, אַז ס׳קלאַפּט און ס׳וואַרפט זיך

יעדעס מאָל, ווי אַ לעבעדיק פישעלע. קוועלט דער עולם און מען וואַרט אויפ׳ן גאַסט, ציילנדיק די טעג.

ניין, איך מוז זען דאָס קינד ביים געבוירן. איך וועל עס נור אָנקוקן און אַדאָפּטירן וועל איך עס, ווען מיר וועלן קומען צוריק פון פוילן. ביידע מיט צפורה׳ן האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דערווייל זאָל מען אין קאָלעקטיוו נישט וויסן פון קיין ז ך. איצט זענען אַלע זיכער, אַז דער פאָטער פונ׳ם קינד איז דער פאַרשטאָרבענער דוב און אַזוי זאָל עס בלייבן דערווייל ביז מיר וועלן קומען צוריק. איך האָף, אַז זי וועט אונז דאָך שפּעטער אָפּגעבן דאָס קינד, מיר זאָלן עס אַליין דערציען. נאָר דערווייל וועט זי בלייבן מיט אים אין שומרון און איך וועל פאָרן צו ד״ר. זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט.

נאָר ס׳איז מיר עפּעס אַזוי נישט היימלעך. אין דער רגע האָט מיר אויפגעבליצט אַ ווילדער געדאַנק. מיין שבור יום־טוב־מיידל, וועל איך נישט קומען צו דיר צו שפּעט? ס׳איז דאָך מעגלעך, אז אין דער צייט ווען איך שרייב דיר אָט דעם בריף, ראָמאַנסירסט דו שוין מיט דיין שעף; דו ביזט דאָך אַזוי פאַרבענקט נאָך מיר... פון דיינע פענסטער זעט זיך דער זאַקסישער גאָרטן, און היימאַן איז דאָך באמת אַ שיינער יונג...

אָ, ס׳איז מיר לעצטנס אַזוי נישט היימלעך פון דיינע בריף.

קלוגע ווילגעלערנטע ליטוואַטשקע, קאָקעטירסטו עס מיט מיר אַזוי ביי־זווייליק־פאַרביסן? און אפשר קומט מיר אזוי!

איך דערוואַרט דיינע בריף יעדן טאָג.

דיין גאַליציאַנער.

לב

מיין גאַליציאַנער!

איך האָב זיך שוין אַביסל אַקלימאַטיזירט אין ווארשע און מיין טאָג-אָרדנונג איז באשטימט, ווי איך האָב ליב. איך אַרבעט אין ביורא פּינקטליך אַכט שעה און פינף אַזייגער ווען איך ווער פריי, פאָר איך צו דער ווייסל זיך באָדן. ס׳איז מיר דאָ נישט אַזוי גוט, ווי אין די גרין-באַשאָטנטע וואַסערן פון ניעמאן, דאָרט אין מיין שטילן און היימישן גראָדנע. אויפ׳ן וואַרשעווער ברעג פון דער ווייסל איז אביסל טומלדיק. אביסל צופיל עולם, דאָך איז עס אַ תענוג אָפּצופרישן זיך יעדן טאָג אין די קילע אָרעמס פון טייך.

נאָר נאָכן באָדן זיך אנטלויף איך גלייך פון פליאזשע-יריד אהיים, אָפּצורוען זיך אויף מיין ווייכער אָטאָמאנקע. דערביי לייען איךביידע פוילישע צייטונגען, וואָס באקומען זיך דאָ אין הויז, און נאָכן אָוונט-ברויט גיי איך שפּאצירן אינם נאָנטן זאקסישן גאָרטן. איך שפּאציר אַליין און אמאָל באגלייט מיך אהין די מאשיניסטן פון אונדזער ביורא. דאָס דאָזיקע מיידל זוכט מיין פריינטשאפט פונם ערשטן טאָג, וואָס זי האָט זיך מיט מיר באקענט. און פאר וואס איך בין איר אזוי געפעלן —ווייס איך אליין נישט. איך בין זי חושד אז זי וויל זיך לערנען

ביי מיר די „קונסט" ווי אַזוי צו חבר'ן זיך מיט מענע גוט־ברודעריש און מענשליך, ווי זי זעט עס צווישן מיר מיט היי־מאַנען, וועלכער איז אַנערקענט פאַר אַ געפערליכן דאָן־זשואַן און ווייבער־פאַרפירער. זיצט זי מיט מיר אָפט דורך די אָוונטן אין גאָרטן אויף אַ באַנק, קוקט נאָך אונרויק פאַרבייגייענדע פּאָרלעך און רעדט זיך אויס דאָס האַרץ.

לאָזט זיך אויס, אַז די דאָזיקע מאָדערנע ווארשעווער מיידל, וועלכע קאָקעטירט אזוי שטיל און פיין מיט אירע באַ־שיידן־קאָרונקענע קעלנערלעך און לאַנגע פערל אין די אויערן, איז זייער איינזאַם און געפאַלן ביי זיך. די היים איז איר פרעמד, ווייל טאטע־מאמע זענען אַלט־פרענקיש, ברידער און שוועסטער האבן שוין חתונה געהאט און זענען ערגיץ צוזייט איבער דער וועלט. קיין חבר'טעס האָט זי נישט ליב, ווייל ס'איז איר מיט זיי זייער אומעטיק, און קיין פריינט צווישן מענער קאָן זי נישט געפינען. מענער־געזעלשאַפט איז איר זייער אנגענעם, נאָר עס פעלט איר אַביסל לייכט־ווייבליכער הומאָר, וי זאָל געפעלן ווערן. צו דעם מאָדערנעם פריילעך־שפילנדיקן פלירט דארף זי זיך זייער אנשטרענגען, און זי האָט אַ דעם פרט קיינמאָל נישט קיין ערפאָלג. ס'העלפט איר אפילו נישט דערצו איר מילד מיידל־געשטאַלט און די פיינע קאָקעטעריע מיט די געפערלטע אויערינגען, וואָס הענגען איר אַראָפּ ביז צו די אַקסלען.

אַ צווייטן אָוונט זיצן מיר ווידערביידע אין גאָרטן אויף אַ באַנק איבער אונדזערע קעפּ שטראַלט אַראָפּ דאָס העלע עלעקטרישע ליכט פון אַ לאמטערן־באַלאָן, וואָס באלייכט די שטילע זייטיקע אַלעען, ווי פּאָרלעך שפּאַצירן הענט און אָרעם געשלאָסן און די מאַשיניסטין פון אונדזער ביורא דערציילט

ווידער וועגן זיך: קאָקעטירן מיט מענער בכלל איז איר גאָר נישט אינטערעסאנט. זי וואָלט בעסער געוואָלט האָבן אַנ'אייגיקן פריינט, עפּעס אַ חבר אַנ'ערנסטן און אַנ'ערליכן, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ קליין ביסעלע געטריישאַפט פאַר איר און נאָך אַ קליין ביסעלע מענשליכע אכטונג. דאָס לעבן וואָלט זי אַזעלכן אוועקגעגעבן. נאָר נישטאָ אַזעלכער, אַלע באַגייען זיי זיך מיט איר ברוטאַל. גייט מיט איר אַ באַקאַנטער אַמאָל אין טעאַטער, אָדער אויף אַ קאָנצערט, פאָדערט ער גלייך געצאָלט דערפאַר נישט פרעגנדיק אפילו אויב ער געפעלט איר, און אויפ'ן צווייטן טאָג וועט ער איר שוין זיין אַ פרעמדער, ווי ער איז געוועזן. גייט זי דעריבער נישט אין ערגעץ און לאָזט פון אירע באַקאַנטע קיינעם צו זיך אויף דער שוועל נישט אַרויף. נאָך דער אַרבעט בלאָנדזשעט זי אַליין איבער די וואַרשעווער גאַסן, אָדער זי זיצט אַ פאַרשלאָסענע אין שטוב. אַזוי פאַרברענגט זי אירע פרייע זונטאָגן און די יום-טוב טעג.

דאָס מיידל בלייבט שטיל אַ ווײַלע און דערנאָך גיט זי אַ זאָג פאַרטרויליך:

—ביי אייך דאָרט, אין פאַלעסטינע, איז די יוגנט אַנ'אַנדערע. דאָרט איז מען פריינטלעכער, ערלעכער, דאָרט איז מען חבר'יש...

און ס'ווילט זיך מיר אריינזאָגן איר זייער ערנסט:

—מיידל, הער זיך אויף צו קלאָגן. דו ביזט נאָך צו יונג און מענער זענען נישט אַזוי שלעכט, ווי דו מיינסט. אָט אַזוי מיט די קאָרונקענע קעלנערלעך און די פערל אין די אויערן וועסטו נאָך געפינען אַנ'ערליכן פריינט אין לעבן.

נאָר אין דער מינוט האָב איך זיך געפוילט צו דיסקוטירן

מיט איר וועגן ליבע און פריינטשאפט צווישן מאַן און פרוי און איך האב זיך צולאכט:

–חבר׳ישקייט מיט מענער–זאל אייך גאט היטן דערפון...
אייך קאן מען נאך ליב האָבן...

האט זיך מיין קאָלעגין פון ביורא צושמייכלט. זי האט עס אנגענומען פאר א שפאס נאר דערפון איז איר, ווייזט אויס, נישט גרינגער געווארן. האָט זי טיף א זיפץ געטון און ס׳האָבן זיך ביי איר אַרויסגעריסן עטלעכע האַרטע ווערטער וועגן די היימאנס און זייער בוכהאַלטערין. פאר קיין אַנדערן וואלט זי, נאטירליך, נישט גערעדט וועגן דעם, נאר איך בין דאָך אַנ׳אייגענע, דעם אַדוואָקאַטס אַ חבר׳טע פון פאַלעסטינע. דערצו בין איך אַזאַ ערנסטער מענש. אָ, ווי זי איז מיר מקנא מיין ערנסטקייט!

און יענער, דער בוכהאַלטערין איז גוט. איר איז קיינמאָל נישט אומעטיק. אַלע מאָל גייט איר נאָך עפּעס אַ יונגערמאַן, וואָס גייט מיט איר אין טעאַטער און באַגלייט זי שפּעט ביינאַכט אַהיים, און מיט איינעם אזא יונגנמאַן האָט זי מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאַט. ער איז איר נישט געפעלן געווען. דריי טעג איז זי אינגאַנצן געווען מיט אים באַקאַנט, נאָר ווייל ער איז געפאָרן קיין פאַריז און האָט געהאַט געלט, האָט זי מיט אים חתונה געהאַט. נאָר אין צוויי חדשים אַרום אַז זי האָט שוין געהאט גענוג פאריז, האָבן זיי זיך צושיידט און זי איז געקומען צוריק קיין וואַרשע. דער עלטערער היימאַן איז דאן געווען אין פאריז. איז זי מיט אים צוזאַמען געקומען אהיים און דאָ האט ער איר געגעבן די שטעלע אין ביורא. נאר באלד האט זיך צווישן ביידע ברידער אנגעהויבן צוליב איר אנ׳אוואנטורע. מיט׳ן אדוואקאט איז ביי איר געווען גאר

אַ הייסע ליבע און דער עלטערער האָט איר געוואָלט אָפּזאָגן פון דער שטעלע.

נאר איצט האָט זיך שוין עס אַלץ געענדיקט.ביידע זענען זיי שוין איצט מיט איר פון דער ווייטן. דער אַדוואָקאַט פאָרט אַרום ווענן זיינע געשעפטן. דאָ אין וואַרשע, שפּאַצירט ער מיט אַנדערע פרויען און דער עלטערער ראָמאַנסירט איצט מיט דער געלינקער. דערפאַר האָט די פרוי היימאַן איצט איבערגעלאָזט אַליין די קינדער און איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד אויף אַ גאַנצן זומער. די געלינקע איז אירע אַ קוזינקע. נישט קיין שיינע, נאר...

—געגוג, געגוג טייערע! האָב איך איבערגעהאַקט די ניין מאָס רייד פונם מיידל—קומט בעסער עסן אייז-קרעם און קיינמאָל זאָלט איר מיר גאָר נישט דערציילן פון די היימאַנס. גוט?

די מאַשיניסטין האָט געשוויגן. זי האָט זיך געפילט שולדיק פאַר איר ווייבערישער פלאַפּלעריי. איך האָב זי גענומען אונטער דער האַנט און אַ שווייגנדיקע זי אַזוי אַרויסגעפירט פון גאָרטן. נאר צו מאָרגנס נאָכן אָוונט-ברויט איז זי ווידער געזעסן נעבן מיר אויף דער זעלבער באַנק אַ באַשטראַלטע מיטן עלעקטרישן ליכט פונ׳ם גאָרטן-לאַמטערן, און זי האָט מיר ווידער דערציילט פיקאַנטע ליבעס-געשיכטן פון די היימאַנס. די בוכהאַלטערין אייפערט דעם אַדוואָקאַט צו יעדער איינציקער פרוי, נאָר צו מיר נישט.

—פאַרוואָס עפּעס צו מיר נישט?

—ווייל איר זענט זייער אַנ׳אידעאַלער און ערנסטער מענש. איר זענט דאָך דאָרט אין פּאַלעסטינע געוועזן אַ חלוצה איר זענט דאָך נאר אַ חבר׳טע זיינע, פאַר וואָס זאָל זי אייך

איייפערן? דו הערסט, גאַליציאַנער? מיך אייפערט מען אפילו, נישט. וואָס זאָגסטו, ווי אַזוי ס'איז מיר גוט, און דו האָסט מורא, אַז היימאַן וועט מיך דאָ אויסבאַפּן.

באַרויק דיך, טייערע, אַלץ איז אין דער בעסטער אָר-דנונג. איך בין בלויז חברטע און קאָרעספּאָנדענטין. היימאַן איז ווידער אָפּגעפאָרן געשעפטליך קיין דאַנציג. שוין אַכט טאָג אַז ער איז דאָרט און זיין ביורא האָט ער איבערגעלאָזט אונ-טער מיין פאַרוואַלטונג. אַ חוץ קאָרעספּאָנדענטין האָט ער מיך אויך באַשטימט אַלס קאַסירערין און וועגן אַלע ביורא-אינטערעסן דאַרף מען זיך ווענדן צו מיר, ווייל דער ברודער האָט צוליב פאַמיליען-אנגעלעגנהייטן אויך געמוזט אָפּפאָרן פון וואַרשע.

בין איך דורכאויס אין אַ ווייבערישן קענינגרייך. אין ביורא חנפ'ענען מיך די שיינע און אויסגעצירטע צוויי מיידלעך אין קום איך אהיים, ווילט מיך די אַלטע מוטער פון די ברידער היימאַן. זי איז אַ שלאַנקע דאַמע, אנ'אמתע וואַרשע-ווערין און איז פאַרפוילישט נאָך פון אירע יונגע יאָרן. נאָר זי איז שוין אַביסל עובר-בטל. אינטערעסירט זי זיך צו וויסן, אויב אין ארץ-ישראל זענען פאַראַן יידישע פרויען, וואָס טראָגן נישט קיין שייטלען.

פלאַפּל איך מיט איר פאַרן שלאָף און קייך זיך פאַר געלעכטער פון אירע עובר-בטל'דיקע ווייבערשע איינפאַלן.

אַ גוטע נאַכט, טייערע, ביזטו נאָך אַלץ אליין אין דיין פּוסטער שטוב?

ס'קושט דיך דיין ליב מיידל

כג

מיין גאַליציאַנער!

ווידער נעם איך אָן פאַר ליב דאָס ביסל מוסר, וואָס דו האָסט מיר אָריינגעזאָגט אין דיין לעצטן בריף, און אַ דאַנק דיר פאַר דיין גוטער באַציונג צו לייבלען, דעם קרוב און פריינט פון מיינע קינדערשע יאָרן. ער איז די וואָך געווען דאָ ביי מיר צו־גאַסט. געקומען קיין וואַרשע אויסגעפּוצט אין אַ העלן זומער־אָנצוג מיט אַ קאָלירטן שניפּס און אַ פיינעם הוט. גאָר אַנ׳עלעגאַנט שטאָטישער הער. אַזוי האָט ער זיך מיט אַמאָל באַוויזן צו מיר אין ביורא, אַ סענטימענטאַל־צושמייכלטער, ווי ער וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן. נאָר ער האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז ער האָט דאָך געזאָגט: שרייבן בריף האָט ער פיינט, ער וועט בעסער קומען אַליין. האָט ער געהאַלטן וואָרט און איז געקומען.

און אויב אַזוי, איז ער דאָך ווירקליך מיין גאַסט. אַ מענש איז געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט קיין וואַרשע צו מיר מיט אַ וויזיט. וואָס קאָן זיין ריטערליכער? האָב איך אים באַקענט מיט מיינע ביידע געהילפינס, וועלכע זענען שטאַרק איבעראַשט געוואָרן פון זיין שיינקייט (דאָ אין וואַרשע האָבן מענער ערפאָלג!) נאָר צו זייער בייזן וווּנדער האָב איך אים גלייך געהייסן

אוועקגיין, ווייל איך בין געווען פארנומען אין ביורא. איך האָב דאָך געמוזט אָפּשיקן די פּאָסט,—האָב איך אים געראָטן ער זאָל זיך געפינען באַשעפטיקונג ביז פינף אַ זייגער און דאַן זאָל ער קומען צו מיר אַהיים, וועל איך אים געבן טיי מיט קאָנפיטורן און דערנאָך וועלן מיר גיין שפּאַצירן. האָט ער מיך געפאָלגט און איז געקומען פּינקטליך פינף אַ זייגער און נאָכן טיי, ווען מיר זענען אַראָפּ אין גאַס, האָב איך אים געפרעגט, אויב ער קאָן זיך ערלויבן נעמען אויף אַ פּאָר שעה צו'אויטא, וועלן מיר זיך דורכפאָרן אַביסל איבער דער שטאָט, ווייל מיינע פּאַרדינסטן ערלויבן מיר נישט אַזאַ לוקסוס—האָט ער זיך דערפרייט דערפון, ווי אַ גרויס גליק וואָלט אים געטראָפן, און ער האָט מיר דערלאנגט זיין פולן געלט-טאש, איך זאָל טון דערמיט וואָס מיר געפעלט.

זענען מיר אזוי א גוטע פאר שעה ארומגעפאָרן איבער ווארשע אין ווילאַנאָווער געגנט, ארומקרייזנדיק די ווייכסל פון רעכטס אויף לינקס. דערנאָך האָבן מיר אביסל געהערט מוזיק. אויף אַ ווערגאנדע פון א קאפע האָבן מיר אָפּגעגעסן אָוונטברויט און איך האָב מיין זיס-צושמייכלטן קרוב באַגלייט צו דער באַן. אזוי גיך און אזוי גוט האָט זיך געענדיקט לייבלס וויזיט. מיר איז געווען אביסל אומעטיק מיט אים. דאָ, אין ווארשע, האָט אים אביסל געפעלט זיין היימיש-קליינשטעטלדיקע נאטירליכקייט, וועלכע פאסט אים זייער. נאר ער אליין איז אוועקגעפארן א צופרידענער און א גליקליכער. ביים געזעגנען זיך, האט ער ווידער געזאגט, אז שרייבן בריף האָט ער פיינט. ער וועט בעסער קומען אליין.

מיין גאליציאנער, געפעלט ער דיר, אָט דער גוט-שווייגנדיקער קרוב מיינער פון דער פּראָווינץ? ער איז אזוי נאַאיוו,

ניין, סענטימענטאַלע מענער זענען נישט אינטערעסאַנט! שוין בעסער אַזעלכע ביטערע, ווי דו.

נאר ווען קומסטו שוין צ.פאָרן? ווילסטו נאר אָנקוקן דאס קינד ביים געבוירן און גלייך וועסטו אַוועקפאָרן צו מיר קי׳ן פוילן? עפּעס איז עס אַ חלום. איך האב מורא צו טראַכטן דערפון, ווייל דערנאָך איז מיין אַנטוישונג אזוי גרויס, אַז איך ווער פיזיש קראַנק פון צער. איך וועל איצט פון דיר גאָרנישט פאָדערן און גאָרנישט בעטן. דו ביזט פריי צו טון, ווי אַזוי עס דיקטירט דיר דיין געפיל, דו ווילסט אָנקוקן דיין קינד—זייער גוט. וואַרט נאָך אויס אַ צוויי-דריי וואָכן ביז דער געבוירט. נאָר זיי ווייסן, טייערער, אַז קיין קרבנות דאַרף איך נישט. איך בין נישט אַזוי אומבאַהאָלפן, איך זאָל מיר מיט זיך אַליין קיין עצה נישט קענען געבן. אויב דו וועסט קומען צו מיר, ווייל דו האָסט מיך ליב, וועל איך זיין גליקליך, נאר דיין קומען צוליב דעם, דו זאָלסט מיך שיצן פון היימאַנען איך זאָל נישט ווערן זיין דרייצנט קוש-מיידל—האָט קיין זין נישט. מיט פרייד און גליק וועל איך דיך אויפנעמען אַלס מאַן און געליבטער. נאר צער און פאַרביטערונג וועסטו מיר ברענגען, ווען דו וועסט קומען אַלס בעל-חוב און מערטירער צו ראַטעווען מיך פון היימאַנס שלעכטע הענט.

ניין, מיין ליבער, דו ביזט מיר גאָרנישט שולדיק און איך מאָן ביי דיר גארנישט. אפילו די ליידן, וואס איך האב דורך דיר, זענען מיר אויך ליב און טייער. דיין באַציונג צו מיר מוז דורכאויס קומען פון דיין געפיל, און דו ביזט פריי, פריי, ווי דער פויגל אין פעלד. וועסט קענען בלייבן אויפ׳ן ארט מיט צפורה׳ן, אָדער פאָרן צו מיר, וווהין דיין האַרץ וועט גלוסטן. און דערווייל וועלן מיר ערווארטן דאס געבורט

פונ׳ם קינד. ווארטן, ווארטן און נישט רעדן מער דערפון. שרייב מיר פינקטליך יעדע וואך, ווי אלע מאל, נאר דערמאן מער נישט וועגן דיין קומען. אונזער גורל וועט געלייזט ווערן איצט מיט אמאל. דער קליינער גאסט, וואס מען ערווארט דארט אין אונזער חבר׳שן צריף פון שומרון, וועט באשליסן, וואס מיר האבן ביידע צו טון, און דערווייל שרייב עפעס נייעס פון חיפה, שרייב וואס טוען דארט אונזערע חברים. גריס זיי דארט אלעמען. און איך? שרייבן דיר נייעס פון ווארשע? ווילסטו פילייכט הערן פיקאנטע ליבעס-געשיכטן פון די היימאנס? קאנסט זיך דערביי גאנץ גוט אמוזירן.

די פרוי היימאן איז שוין דא פון אויסלאנד. זי איז שוין צוריק צוזאמען מיט די קינדער אויף זומער וווינונג אין אטוואצק, נאר אלע זונטאג קומט זי קיין ווארשע אין דער באגלייטונג פון איר יונגן פריינט, דאס איז דער מאן פון איר געליבקער קוזינקע, וואס דער הער היימאן איז אין איר פערליבט.

זי געפעלט מיר, די פרוי היימאן. זי איז שיין, עלעגאנט, קלוג, פראקטיש און גוט ערצויגן. אמת, זי איז א גרויסע קא-קעטין און די קאקעטעריע נעמט ביי איר צו זייער פיל צייט, נאר זי מאכט עס מיט זייער פיל געשמאק און ווייבליכן טאקט. א, די ברידער היימאן זענען מבינים אויף פרויען. דער עלטע-רער איז נישט אזוי שיין ווי דער אדוואקאט. ער איז צו קליין געוואקסן, צו איידל געבויט, צופיל זעט זיך אן אויף אים דאס אפגעצערטע רוחניות׳דיקע יידישקייט, וואס איז אזוי כאראקטע-ריסטיש ביי די פוילישע יידן. דערצו ווילט זיך אים דוקא טראגן א באָרד, כאטש זיין בלאנד שיטער בערדל הארמאנירט לחלוטין נישט מיט זיין הערליך - פוילישן אקצענט, נאר ער-

פאַרמאָגט שיינע בלויע אויגן, קלוגע עקשנות - ליניען ביי די ווינקלען פון מויל און זיין פיין-געשניצטער פּראָפיל גיט אים צו פיל אינטעליגענץ.

פאַרגינט זיך דער דאָזיקער בלאָנד-פאַרפוילישטער יונגער-מאַנטשיק אויסצובייטן זיין קלוג און עלעגאַנט-שיין ווייב מיט די קאַשטאַנענע לאָקן אַלע מאָל אויף אַן אַנדער פרוי, וואָס ער באַגעגנט ערגעץ צופעליק, און דאָס מאָל איז אים געפעלן געוואָרן איר יונגע קוזינקע פון לובלין, וועלכע איז ערשט גע-וואָרן אַ וואַרשעווערן, ווייל איר מאַן האָט דאָ באַקומען אַ פּאָסטן.

זי, די קוזינקע, איז אַ געלינקע און אַ קרענקליכע, מיט אַ בלאַס-אויסגעוויקט פּנים׳ל. און קליין איז זי, ווי אַ צוועלף-יעריק מיידעלע, נאָר זי האָט אַ קלינגענד זילבער-קול׳כל און אַלע מאָל איז זי אין אַ קינדעריש-פריילעכער שטימונג. האָט זי דערמיט געפאַנגען די בלויע קלוגע אויגן פון דעם הער היי-מאַן און שוין דריי חדשים אַז ער לויפט נאָך זיין ווייב׳ס געל קליינע קוזינקע און ווילט זי מיט אַלע פאַרגעניגנס, וואָס די שטאָט וואַרשע פאַרמאָגט. האָט עס, נאַטירליך, די פרוי היימאַן זייער געקרענקט. זי האָט אַלע מאָל געוווּסט פון איר מאַנס „ראָמאַנטישע" שוואַכקייטן, נאָר קיינמאָל זענען זיי איר נישט געווען אַזוי נאָענט פאַר די אויגן. און איבערהויפּט האָט איר פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ קליין געל שטיקל ווייבעלע האָט געוואַגט צו פאַרמעסטן זיך קעגן איר, מיט אַזאַ זיכערקייט, אין איר ווייבליכן ערפאָלג.

נאָר די פרוי היימאַן האָט נישט געמאַכט דעם מאַן קיין אייפערזוכטס-סצענעס. זי איז אויך נישט ברוגז געוואָרן מיט איר געלער קוזינקע, אַזוי ווי פריער, האָבן זיך די ביידע

דאמען געקושט אין די ליפּעלעך. צוזאמען איז מען געגאנגען אין די מאָדע-מאגאזינען איינקויפן זומער-טואלעטן, צוזאמען האָט מען אין קאפע געטרונקען קאווע און צוגעביסן מיט זיסן קוכן און דערנאָך איז מען ביידע געפאָרן צו דער שניידערין קלויבן מאָדעלן. זייער באפריינדעט זענען אויך געווען צווישן זיך די ביידע מענער, וועלכע פלעגן גאנצע אָוונטן שפּילן אין קאָרטן און רויכערן ציגארן בשותפות פון איין שאכטל.

נאָר דערביי האָט די טאקטפולע פרוי היימאן אָפּגעטון א קליינקייט: ס'האָט זיך איר מיט אַמאָל פארגלוסט דורכפאָרן קיין אויסלאנד אויף א זומער-קיראָרט און דער מאַן, פילנדיק זיך שולדיק פאַר זיינע צארטע בענעמונגען צו איר קוזינקע, האט איר נאָכגעגעבן דעם דאָזיקן קאפריז. נאר אז דער פּאס אירער איז געווארן פארטיק, האָט ער זיך דערוווסט, אז זי פארט אין דער באגלייטונג פון דער קוזינקעס מאן, וועלכער האט פונקט צו דער צייט אויף זיין פּאָסטן באקומען זיין חודש אורלויב.

פאר דעם הער היימאן איז עס געווען אונערוואַרטעט. אויך ווייסט ער פונם סוד, אז דער מאַן פון זיין פרוי׳ס קוזינקע איז אַ היפּש ביסל שענער פון אים. ביידע זענען זיי איין הויך און שטעלן מיט זיך פאָר זייער אַ שיין פּאָר-פּאָלק, נאר ער האט אויך געמאכט א שווייג. ווידער אמאל איז עס צוגעגאנגען שטיל און טאקטיש. ביידע מיט דער געלינקער האבן זיי באגלייט דאָס פאָרל צו דער באַן מיט בלומען און שאכטלען שאקאלאד. פאר׳ן אַוועקפאָרן האבן זיך ביידע פּאר-פּאָלקן הייס געזעגנט און געקושט. איצט איז שוין פרוי היי-מאן מיט איר קוזינקעס מאן געקומען צוריק און מען איז ווידער גוט. אלע צוזאמען וווינט מען אין אטוואצק אין איין

ווילנע, זונטאָג, ווען די פרוי הײמאַן פאָרט אין שטאָט אַריין, באַגלייט זי איר פריינט, דער קוזינקעס מאַן, און מיטוואָך, ווען די קוזינקע פאָרט אין שטאָט אַריין, איז איר שטענדיקער באַגלייטער דער הער הײמאַן

אַזאַ פאַמיליען-אידיליע הערשט דאָ צווישן די גוט-ערצויגענע וואַרשעווער, וואָס רעדן פּויליש מיט אַ גוטן אַקצענט. אָ, ווי הערלעך די הײמאַנס רעדן פּויליש!

ענטשולדיק מיר, טײַערער, וואָס איך דול דיר דעם קאָפּ מיט מעלאָדראַמאַטישער ליבע-שפּיל פון דער פאַמיליע הײמאַן. ס'איז מיר פּשוט אומעטיק, ווייל איך זיך אַביסל דערמיט. מײַן געהילפן, די מאַשיניסטן, וואָס באַגלייט מיך אויף מײַן אָוונט-שפּאַציר אין זאַקסישן גאָרטן, אינפאָרמירט מיך וועגן דעם אַלעם זייער גענוי און פון אירע געשיכטעס לאַכט זיך מיר אַזוי גרינג.

און אונזער אַדוואָקאַט זיצט נאָך אַלץ אין דאַנציג, נאָר אַלע טאָג שיקט ער מיר ידיעות וועגן זײַנע געשעפטן. ניין, ער האַלט זיך זייער און זייער קאָרעקט.

זײַ געזונט, טײַערער! דײַן ליב מיידל.

לד

מיין גאַליציאַנער!

איך שרייב דיר פון אָטוואָצק. די וואָך האָב איך זיך געלאָזט אָנרעדן פון דער פרוי היימאַן און בין אַרויסגעפאָרן אַהער אויף זומער-וווינונג. שוין אַ ביסל צו שפעט, נאָר לויט איר חשבון ציט זיך דאָ דער זומער ביז העט נאָך סוכות און דוקא אין דער צייט איז דער אָטוואָצקער וואַלד אין זיין פולער פראַכט. נישטאָ דאָ קיינמאָל די הערבסט-מרה-שחורה פון פאַלנדיקע בלעטער און די אייביק-גרינע נאָדל-ביימער זענען באַזונדערס שיין אין די לעצטע גאָלדענע טעג פון ענדע-זומער.

די פרוי היימאַן איז מיט אַלע מעלות. זי קאָן זיך באַגייסטערן מיט די שיינקייטן פון דער נאַטור, ווי אַ יונג ראָמאַנטיש מיידל, נאָר דאָס שטערט איר נישט צו זיין פראַקטיש אויך אין געלט-פראַגן. אַ חוץ די שטילע און פאַר-חלומ'טע ווינקעלעך פונ'ם אָטוואָצקער וואַלד, האָט זי אויך אָפגעשאַצט פאַר מיר די בליקע צוויי צימערן, וועלכע זי קאָן רעקאָמענדירן אין דער ווילע, ווו זי וווינט. איך מיט מיין געטרייער פריינדין, דער מאַשיניסטן פון ביוראָ, קאָנען זיך דאָרט איינאָרדנען זייער באַקוועם. יענע האָט איצט איר אורלויב און

איך בין דאָך איצט פאַרװאַלטערן. דערצו פאַרטרעט איך אויך דעם שעף אַלײן, װעל איך פאָרן יעדן טאָג אין שטאָט אַרײן צו דער אַרבעט אויפ׳ן מענערישן שטײגער, װי מיר פּאַסט, און פאַרנאַכט װעל איך קומען קוקן זיך מיט׳ן סאָסנע-דופט פון די אָטװאָצקער אײביק-גרינע נאָדל-בוימעלעך. זי, די פרוי הײמאַן, װיל מיך דאָ האָבן נעבן זיך פאַר אַ שכנה און זי האָפט, אַז מיט דער צײט װעלן מיר זיך זײער באַפרײנדן, װײל דער שװאָגער האָט איר פון מיר זײער פיל אינטערע-סאַנטעס דערצײלט. אמת, זי האָט קײן פרויען-געזעלשאַפט נישט ליב, נאָר אַזעלכע װי איך, איז איר אינטערעסאַנט. אָ, דער שװאָגער האָט אַזאַ הויכע מײנונג װעגן מיר!

האָב איך אויסגעהערט די אַלע קאָמפּלימענטן פון דער שײנער און טאַקטפולער פרוי הײמאַן און איך האָב איר ער-לױבט, זי זאָל מיך אײנאָרדנען נעבן זיך אויף אַ זומער-װױ-נונג. אויך האָב איך באַגליקט מײן געהילפן פון ביורא דערמיט, װאָס איך האָב זי גענומען פאַר אַ שותּף׳טע צו די מעבלירטע צװײ צימערן.

לעבן מיר דאָ מיט איר בײדע, װי די טײבעלעך. זי האָט אורלויב, איז בײ איר פאַראַן פיל פרײע צײט. שפּאַצירט זי אין װאַלד און ברענט זיך גאַנצע טעג אויף דער זון, און מיר בלײבט נאָר דער אָװנט אָפּצורוען זיך, װען איך קום פון שטאָט. זיץ איך מיר צװישן טאָג און נאַכט אויף דער װעראַנ-דע און קוק װי די זון פאַרגײט. אַמאָל זיץ איך אַזױ איבער דעם אָװנט אין טראַכטעניש װעגן דיר, אָדער איך פּלאַפּל מיט מײן שכנה און, אַז עס װערט מיר זײער אומעטיק, לײג איך זיך אין בעט און לײען די נײסטע אויסגאַבן פון דער יונג-פּױלישער ליטעראַטור, װעלכע ס׳גיט מיר די פרוי הײמאַן.

זי זוכט דורכאויס מיין פריינטשאַפט, נאָר עפּעס קלעפּט זיך עס נישט. מיר זענען צופיל פאַרשידן לויט אונזער פסיכיק, ערציונג און געוווהייטן. זי איז אַ סך קלוגער, אינטעליגענטער און אַרבעטספעיקער פון די אַלע יידיש-פאַרפוילישטע דאַמען, וועלכע איך זע נעבן איר, דאָך איז זי אַ סאַלאָן-אינטעליגענטין פון אַלט-פוילישן סטיל, וואָס האָט זיך ליב צו צירן אין דעם ראָמאַנטישן גלאַנץ פון דער שליאַכטע. און מיין גראָדנער פּראָלעטאַריש-ווילגעלערנטקייט איז איר, מסתמא, אַזוי שווער, ווי מיר—די אויסגעצערטלטע פריצישע חנ'דלעך אירע.

צו שטאַרקן אונזער חבר'שאַפט שטערט איר אויך די לובלינער נעל-קליינע קוזינקע, וועלכע וואַגט צו ראָמאַנסירן מיט איר מאַן. זי איז אַזוי פאַרנומען מיט אירע צו'להכעיס'ן און ווייבליך-טאַקטישער אייפערזוכטס-פּאָליטיק, אַז זי האָט פשוט פאַר מיר קיין צייט נישט. די להכעיס-שפּיל קעגן דעם מאַן האָט איר געבראַכט אַ גרויסן נצחון. נאָך דער רייזע קיין אויסלאַנד אין דער באַגלייטונג פונם שלאַנק-חנ'עוודיקן קוזין, איז דער הער היימאַן געוואָרן זייער אויפמערקזאַם צו זיין שיין ווייב מיט די קאַשטאַנענע לאָקן. ער קוקט איר מעלאַנכאָליש אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט געווען אַ ליידנד-אומגליקליכער געליבטער און זיינע ריטערליכע באַנעמונגען צו איר זענען אַזוי גאַלאַנט, ווי זי וואָלט עפּעס אַ פרעמדע אויסטערלישע שיינהייט געווען, ביי וועלכער ער וויל געווינען כאָטש איין גוטן בליק פאַר זיך

נאָר דערביי גילט נאָך דער ראָמאַן מיט דער געלינקער אַזוי ווי פריער און דעריבער האַלט נאָך די פרוי הײמאַן איר קלוג-ווייבליך געווער פעסט אין די הענט. ס'גילט נאָך אויך איר מילד קרובה'שע ליבע-שפּיל מיט דער קוזינקעס מאַן, יאָגן

זיך אַרום די צוויי פּאָר-פּאָלק'ן איינס נאָכן אַנדערן, ווי פּאַר-סמ'טע און דערביי קושן זיך יעדן פרימאָרגן דיביידע דאַמען אין די געפּאַרבטע קאַרשן-ליפּעלעך, אַזוי ווי תּמיד. מען לערנט איינס דאָס אַנדערע פּרעגלען קאָנפיטורן און מאַכן מאיאָנעזן און די קול'כלעך פון ביידע זענען צוקער-זיס. גוט-ברודעריש האַלטן זיך אויך די ביידע מענער, זיצנדיק אין די וויג-שטולן אויף דער טעראַסע, שפּילט מען אין קאָרטן און מען רויכערט ציגאַרן פון אַ שותּפות'דיק שאַכטל.

איך זאָג דיר אַ קאָמעדיע, ממש אַ פרייליכע רעווי. איך מיט מיין שכנה קוקן עס צו און ביידע פאַלן מיר פאַר געלעכטער. זי זאָגט, אַז צוליב דעם אַליין האָט זיך געלוינט אַרויסצופאָרן אויף דער זומער-וווינונג. טאָג-טעגליך האָבן מיר אומזיסטע פאָרשטעלונגען מיט אַזאַ פּיקאַנטן אינהאַלט. ס'איז נאָר שלעכט, וואָס דערביי זענען אויך פאַראַן דריי ליידנדע פאַרשוינען וואָס שטערן די האַרמאָניע פון די ביידע מאָדערן טאַקטפולע ראָמאַנען און מיר מיט מיין געהילפן פון ביורא מאַכן זיי קאַליע אונזער פרייליכע דאַטשע-שטימונג

דאָס זענען די קינדער פון די ביידע פּאָר-פּאָלקן, וועלכע ווילן נישט וויסן פון טאַטע-מאַמעס ליבע-אינטערעסן און שטורמען דורך די נעכט די גאַנצע ווילע. נאָר אַלע מאָל הויבט עס אָן דער געלינקערס יינגעלע. פינף יאָר איז אַלט דאָס קינד, נאָר ס'איז זייער קלוג. אַ ווילן האָט עס איינגשטאַרק און איז דערצו אַ היפּש-ביסל נערוועז. האָט עס זיך איינגעשפּאַרט, אַז טאַטע-מאַמע זאָלן אים נישט לאָזן שלאָפן, אַליין אין צימער, איז עס אים אָבער די לעצטע צייט שווער צו פועל'ן, ווייל פריער, ווען דאָס געל-קליינינקע מאַמעלע זיינס פלעגט קומען שפּעט ביינאַכט פונם שפּאַציר, איז דער טאַטע

כאַטש געווען אין דערהיים. נאָר איצט האָט דער טאַטע אויך אָנגעהויבן צרגעץ פּאַרפּאַלן ווערן אויף גאַנצע נעכט. כאַפּט זיך אויף דאָס יינגעלע אין מיטן דער נאַכט און דערזעט די פּוס־טע בעטן פון טאַטע־מאַמע, הויבט עס אָן מיט ווילדע קולות רופן די דינסט און, אַז יענע שלאָפט נאָכ׳ן אָנגעהארעוועטן טאָג, ווי אַ גע׳הרג׳עטע, שפּרינגט דאָס קינד אָט אַזוי אין נאַכט-העמדל אַרויס אין דרויסן און לאָזט זיך לויפן צו די היימאַנס, מיט כּעס און אויפרעגונג וועקן זייער יינגעלע מיט׳ן מיידעלע זיי זאָלן אים העלפן זוכן טאַטע־מאַמע. נאָר, אַז יענע כאַפּן זיך אויף, ווערט ערשט די אמת׳ע יללה, ווייל דאָרט זענען אויך די קינדער אַליין. טאַטע־מאַמע זענען ערגעץ אַוועק און די אָנגעהאָרעוועטע דינסט שלאָפט. דאַן לאָזן זיך אַלע דריי קינדער לויפן מיט אַ געוויין צו מיר מיט מיין שכנה נאָך הילף און מיטגעפיל.

אַזוי רייסן אונז די קליינע חברה אויף פון שלאָף. אַמאָל טרייסלען מיך אויף זייערע קולות, ווען איך לייען ליגנדיק אין בעט שוין אויסגעטון צום שלאָפן און דאַן האָבן מיר איין אַרבעט איינצושטילן די קינדער. פאַר קיין אופן קאָן מען זיי נישט איינשלעפערן. זיי לאָזן זיך נאָר באַרויקן אַביסל, ווען ס׳גיט זיך איין צו פאַראינטערעסירן זיי מיט עפּעס אַ מעשה׳לע —האָב איך מיר געגומען מיינע לערער-קענטעניש צו הילף און ס׳גייט מיט. דער קליינער עולם באַרויקט זיך ביז עס קומען די צוויי צוטיילטע פּאָרלעך פון טאַטע־מאַמע, וועלכע שעמען זיך צו קוקן אונז אין די אויגן אַריין און האַלטן זיך אין איין פאַרענטפערן, אַז עס איז נאָך נישט שפּעט, און געווען איז מען אָט דאָ גאָר נישט ווייט. די פרוי היימאַן קומט אַלע מאָל די ערשטע. מיט׳ן קוזין איז זי אַרויס אין וואַלד אַביסל

שפּאַצירן. איצט, ענדע-זומער, איז דער אָטוואָצקער וואַלד אין פולער פּראַכט און די געלינקע איז אויך צוועק נישט אויף לאַנג. אין דער באַגלייטונג פון'ם הער היימאַן איז זי געגאַנגען טאַנצן אַביסל אין קאָפּ, ווייל זי האָט די לעצ־טע צייט פאַרנאַכלעסיקט אירע גימנאַסטישע איבונגען און אָן באַוועגונג קאָן זי פּשוט נישט לעבן.

נאָר דאָס פינף-יעריקע זונעלע איז ברוגז און וויל זיך צו איר אפילו נישט אומקוקן. אין דער מינוט חבר'ט ער זיך דורכאויס מיט'ן פּאַפּאַ. ער הענגט זיך אים אויף אויפ'ן אַקסל און באַפעלט, ער זאָל אים טראָגן אַהיים שלאָפן. נאָר היימאַנ'ס ביידע קינדער טוליען זיך מער צו דער מוטער און דער עלע־גאַנט-פאַרשולדיקטער הער היימאַן זעט-אויס דערביי אַזוי ניש־טיק און אַזוי הילפלאָז, אַז עס איז אַ רחמנות אויף אים צו קוקן.

נאָר איך מיט מיין שכנה האַלטן זיך זייער קאָרעקט. גוטמו־טיק הערן מיר אויס די ביידע טאַטע-מאַמע און באַפעלן זיי פאַרנעמען זיך זייער קליינוואַרג, וואָס האָט אונז אויפגעריסן פון די געלעגערס. צעלאַכט מען זיך דערביי אַלע אינאיינעם און מען גייט אַוועק שלאָפן.

נאָר נאָך אַזעלכע פריילעך-אונרויקע נאַכט-שטונדן ליגט די פרוי היימאַן אַ גאַנצן טאָג אין בעט מיט אַ קאָמפּרעס אויפן קאָפּ און לייענט אַנ'ערנסט בוך. מיט מיר רעדט זי דאַן איבערהויפּט וועגן הויכע פרויען-פּראָבלעמען און אַז דער מאַן קומט פון שטאָט אַ מידער און אַ צוטראָגענער, קוקט ער איר ליידנד-פאַרליבט אין די אויגן אַריין און זיינע באַנעמונגען צום אייגענעם ווייב זענען העכסט-ריטערליך, ווי צו אַ פרעמדע סאַלאָן-דאַמע. זייער זאָרגפעליק באַוואַכן דאַן די פרוי היימאַן

אויך די קוזינקע מיט איר מאַן, וועלכע זיצן נעבן איר בעט און ווילן זי מיט פריילעכע געשפרעכן.

ווי דו זעסט, טייערער, איז מיר דאָ נישט אומעטיק. נעבן דער פאַמיליע היימאַן ווייל איך מיך גאָר נישט שלעכט. דערצו לייען איך די יונג-פוילישע דיכטער און וואַרט אויף דיינע ידיעות, נאָר פונ׳ם דאָזיקן וואַרטן איז מיר עפּעס אַזוי נישט היימלעך. ניין! לאָמיר בעסער נישט טראַכטן! אָפּגעמאַכט! פון זיך וועלן מיר נישט רעדן דערווייל. דיינע בריף באַקום איך פּינקטלעך.

און דער שעף מיינער זיצט נאָך אַלץ אין דאַנציג, נאָר די טעג קומט ער שוין צופאָרן אַהיים. אַ גוטע נאַכט מיין גאַליציאַנער!

דיין ליב מיידל.

לה

מיין גאַליציאַנער!

איך שרייב דיר ווידער ביים העלן אָוונט-שיין פון מיין טיש-לעמפּל, ווי אַמאָל אין עגיפּטן, און איך מאַך מיר מוט צו האָפן, אַז אין גיכן וועט מיט מיר עפּעס גוטס געשען. ווי אַזוי מיינסטו, טייערער, איז עס נאָך מעגליך? נאָר זאָג בעסער גאָר־נישט. מיר וועלן געדולדיק וואַרטן אויף אונזער גורל און דער־ווייל האָב איך זיך נישט צו באַקלאָגן. ס׳בלייבט מיר זייער ווייניק צייט צו טראַכטן וועגן זיך.

די טעג האָב איך דאָ געהאַט געסט. געווען דאָ אין וואַרשע מיין קליין שוועסטערל, וועלכע גרייט זיך חתונה צו האָבן. זי, עטעלע, האָט אויסגעפירט אירס. אַזוי לאַנג האָט זי־געפּאָדערט ביי די ברידער פון אַמעריקע זעקס הונדערט דאָלאַר אויף אירע חתונה-קליידער מיט אַ וווינונג, ביז יענע האָבן זיך אונטערגעגעבן, כאָטש זייערע געשעפטן זענען איצט נישט אַמ־בעסטן. זיי האָבן איר אַריינגעשיקט פונקט וויפל זי האָט געמאָנט, און זי איז די וואָך געקומען קיין וואַרשע צוזאַמען מיטן חתן אָנקוקן מאָדעלן פון מעבל און קליידער.

זענען זיי ביידע וועגן דעם אַרומגעלאָפן דריי טעג נאָכ־אַנאַנד פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, נישט קאָנענדיק זיך געזעגן אָנקוקן אויף די אויסשטעלונגען פון די וואַרשעווער שוי-פענסטער. לסוף איז דער חתן מיד געוואָרן און ער האָט

געזאָגט דער כּלה, אַז עס איז גענוג, נאָר יענע איז נאָך אַלץ געווען פאַר׳שפּור׳ט מיטן וואַרשעווער גרויסשטאָטישן לוקסוס, וואָס האָט צו איר אַרויסגעקוקט פון די געשפּיגלטע וויטרינעס און זי האָט זיך פאַר קיין אופן נישט געלאָזט איינרעדן צו פאָרן אַהיים, איז זי געווען אויף איין גאַס, האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז זי האָט עפּעס פאַרזען אויף אַ צווייטער גאַס און איז גלייך געלאָפן אַהין. נאָר פון דאָרט האָט זיך איר געבענקט נאָך אויף אַ דריטן פּלאַץ, ווו ס׳גלאַנצן פענסטער און טירן מיט פאַרבן און פּראַכט פון פאַרשידענע לוקסוס־אַרטיקלען.

ערשט אויפן זעקסטן טאָג איז געלונגען דעם חתן אַוועק־צופירן זי אַהיים. גאַנץ פרי איז ער געלאָפן און האָט געקויפט באַן־בילעטן און אויף ווייטער אָפּלייגן די רייזע האָט מען שוין נישט געקאָנט. האָט אים דאָס פאַר׳שפּור׳טע מיידל געצוווּנגען פאַרנעמען אירע טויזנט פּעקלעך, וואָס זי האָט דאָ איינגע־האַנדלט, און מען איז מיט מזל אַוועקגעפאָרן צוריק קיין גראָדנע. נאָר זייער טומל און גערעדערייען וועגן מעבל און קליידער זשומעט מיר נאָך אין די אויערן. אַ נס, וואָס דער שטילער, קליינשטעטלדיקער לייבל איז אָנגעקומען באַלד נאָך זייער אָפּפאָרן, האָט ער מיט זיין צעשמייכלט־שווייגנדיקער גוטסקייט פאַריאָגט פון מיר דעם רעש פונם מעבל־ און קליידער־יריד, וואָס חתן־כּלה האָבן איבערגעלאָזט.

ער איז ביי מיר אַלע מאָל אַ גוטער גאַסט. אים נעם איך אויף פּשוט אויפן היימישן שטייגער. האָב איך פרייע צייט, הייס איך אים קומען פריער און בין איך פאַרנומען אין ביוראָ — באַשטים איך אים מיין וויזיט צו מיר, ווען איך באַפריי זיך פון דער אַרבעט. דערנאָך פאָר איך מיט אים שפּאַצירן אויף ווילאַנאָווער שאָסיי, און אָוונט־ברויט עסן מיר אויף דער פרייער

לופט אונטער די קלאַנגען פון לײכטער פאָלקס־מוזיק. ווען איך האָב אים באַגלײט צו דער באַן, האָט ער מיר ווידער איבער־חזר׳ט זײן פּרינציפּ, אַז בריף שרײבן האָט ער פײנט, ער וועט בעסער קומען אַלײן. נאָר נעכטן האָט ער, דער סענטימענטאַל־שוויגנדיקער קרוב מײנער, מיר צוגעשיקט מיט זײן בוכהאַל־טער פופציק דאָלאַר אין אַ בריוועלע, ווו ער בעט איך זאָל אים טון די טובה און קויפן זיך עפּעס פאַר דעם געלט. ווען ער איז געווען אין וואַרשע, האָט ער מיר געוואָלט קויפן אַ מתנה, נאָר ער ווײסט נישט, וואָס מיר קאָן געפעלן. בעט ער מיך דעריבער, איך זאָל עס קויפן אַלײן. האָב איך אָפּגעשיקט צוריק די פופציק דאָלאַר און געענטפערט אים דורך פּאָסט מיט אַ בריף, אַז איך בעדאַנק אים פאַר דער מתנה, נאָר ער, מײן גוטער לײבל, איז אַ נאַר און אויב ער וויל נאָכאַמאָל קומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זאָל ער מער אַזעלכע נאַרישקײטן נישט טון.

נאָר ס׳גײט מיר הײנטיקע וואָך מיט מתנות. געקומען מײן שעף פון דאַנציג, האָט ער מיר אויך געבראַכט אַ מתנה פאַר מײן לײטונג אין ביוראָ אין דער צײט פון זײן אָפּוועזנ־הײט, ער האָט מיר געבראַכט אַ פּרעכטיקע זײדענע שאַל. און איך האָב דעם דאָזיקן געשאַנק דווקא צוגענומען, ווײל איך האָב עס פאַרדינט מיט מײן אַרבעט. ווען ער נעמט אויף מײן אָרט אַ פרעמדן מענטשן, וואָלט עס אים טײערער געקאָסט.

מײן שאַל איז זײער געפעלן דער פרוי הײמאַן, איר געלער קוזינקע, און מײן שכנה דער מאַשיניסטן פון אונזער ביוראָ. אַ שלעכטע שטימונג האָט זי נאָר געמאַכט דער בוכ־האַלטערן, וועלכע האָט אַמאָל ראָמאַנסירט מיט בײדע ברידער הײמאַן און איצט איז איר פונם דאָזיקן דאָפּלטן ראָמאַן בלויז

אַ בוכהאַלטער־שטעלע געבליבן. נאָר זי איז נישט קיין נעביכל די בוכהאַלטערן. איר אַרטיסטיש־געשמינקט פּנים׳ל איז אַלע מאָל זייער מילד צעשמייכלט און פּינף אַ זייגער פאַרנאַכט, ווען זי קומט אַרויס פון דער ביוראָ, וואַרט אויף איר תמיד אַן עלעגאַנט סטודענטל, מיט וועלכן זי שפּאַצירט זיך, ווי מיט אַ שיק־ייִנגל. דאָך אייפערט זי נאָך צו די ברידער הייִמאַן יעדע פרוי, אַ חנ׳ץ מיר, ווייל מיך אָנערקענט זי פאַר זייער אַן ערנסטן מענטש, און דעם אַדוואָקאַט בין איך בלויז אַ חבר׳טע.

נאָר דאָסמאָל, זעט אויס, האָט די שיינע זיידענע שאַל פון דאַנציג קאָליע געמאַכט די דאָזיקע אידעאַלע באַציונג צו מיר פון דער בוכהאַלטערין. האָט זי אַזוי לאַנג געביסן זיך די רויט־געפאַרבטע ליפּעלעך ביי אונזערע ערנסטע ביוראָ־געשפּרעכן, ביז זי האָט אין אַ שיינעם העלן טאָג אַריינגעשמוגלט אַ קוויטעלע אין מיין רידיקול מיט אַ פריינטלעכער וואָרנונג פון אַ גוטן פריינט אָן אַ נאָמען, איך זאָל זיך היטן פונם אַדוואָקאַט הייִמאַן, ווייל ער איז אַ געפערלעכער פרויען־פאַרפירער. יעדע פרוי, וואָס באַגעגנט זיך מיט אים, מוז דערנאָך וויינען...

אַן איינפאַל פון אַ מיידל. נאָר מיר איז עס דווקא געפעלן געוואָרן, ווי אַ פריילעכער שפּאַס, האָב איך צוגעהיט די מינוט און האָב פונקט אַזאַ מין קוויטעלע איבערגעשריבן וואָרט אין וואָרט, אַריינגעשמוגלט אויך צו איר אין רידיקול. נאָר דערפון האָבן זיך אונזערע באַציונגען נישט געענדערט. ביי דער אַרבעט פירן מיר צווישן זיך מילד ערנסטע געשפּרעכן אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, נאָר אין איר האַלטונג צו מיר איז זי געוואָרן פאָרזיכטיקער און זעצט זיך צו הייִמאַן נעבן מיין שרייב־טיש, צינדן זיך איר אָן די אויגן מיט אַ נערוועזן גלאַנץ און ס׳באַהערשט זי מיט אַמאָל אַ נישט־

נאַטירלׂיכע פריילׂיכקייט.

אַ רחמנות אויפן מיידל. צייטנווייז ווילט זיך מיר באַרויקן זי און זאָגן איר דעם אמת, אַז היימאַן איז מיר לחלוטין אַ פרעמדער מענטש און קיינמאָל וועל איך זיך נישט פרייען און נישט וויינען פון אים, נאָר איך האָב מורא, אַז זי וועט עס מיר נישט גלויבן, ווייל איך האָב שוין אָנגעווירן ביי איר דעם צוטרוי. אַ שאָד!

נאָר דערפאַר האָב איך איצט נחת פון מיין צווייטער געהילפן, וועלכע וווינט מיט מיר אין שכנות אויף דער זומער-ווינונג. זי, די איינזאַמע פיין-שמעקערן, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט נישט צו קאָקעטירן מיט קיין מענער, וואָס אינטערעסירן איר נישט, האָט לסוף געפונען אַן אויפריכטיקן פריינט וועלכער באַציט זיך צו איר זייער מילד. ער איז דאָ אין וואַרשע אַ לערער פון אַ יידישער פאָלקס-שול. דערביי זעט ער אויס צו זיין היפּש געבילדעט און מאַכט אויסערליך אויך זייער אַ גוטן איינדרוק. דעם זומער האָט ער פאַרבראַכט אין צאָפּאָט נעבן ים און איצט קומט ער צו זיין פריינדן אַלע וואָך צו גאַסט קיין אָטוואָצק. ער פאַרברענגט דאָ ביי איר פון פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג ביז זונטאָג אינדערפרי, און דאָס פאַרבענקטע איינזאַמע מיידל איז איבערגליקליך דערפון. נאָר זי נעמט אים אויף מיט אַזוי פיל געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, אַז זי פאַרגעסט אָן זיך אַליין. אַזוי טייער קאָסט איר די פרייטאָג-און שבת-אויפנאַמע פונם וואַרשעווער פריינט, אַז צוליב דעם קומט איר אויס צו הונגערן אַ גאַנצע וואָך.

ער, דער געבילדעטער פריינט אירער פון וואַרשע, האָט זייער ליב פריש-דאָרפישע סמעטענע, געבראָטענע הינער-פלייש, וויין-טרויבן און קאַוועס צו פאַרבייסן, היימישע געבעקס צום

טיי און מיט זיך פון שטאָט ברענגט ער קיינמאָל גאָרנישט, אין זיין קליין עלעגאַנט רענצל פירט ער מיט זיך נאָר זיין העל-געפּרעסט רעקל, וואָס פּאַסט אים זייער שיין, זיין באָד-קאָסטיום, ער זאָל זיך קאָנען דערפרישן אינעם טייכל פון שווי-דער, און אַ בוך צום לייענען, נאָר צום עסן ברענגט ער קיינ-מאָל גאָרנישט.

נאָר זיין מילדע פריינדין מיט די פּערל אין די אויערן פּערזאָרגט אים שוין מיט כּל-טוב. זיצנדיק אויף דער טעראַסע מיטן בוך אין האַנט נאָכן באָדן זיך, נאָכן שפּאַציר, דערלאַנגט זי אים אַלע רגע עפּעס צום קוויקן זיך און ער שלינגט אַלץ פון אירע הענט מיט גרויס אַפּעטיט. אַזוי אַרום פאַרצערט דער גאַסט ביי מיין שכנה פון פרייטאָג בייטאָג ביז זונטאָג אין דערפרי גאַנצע פיר געבראָטענע הענדלעך, צוויי קרוגן סמע-טענע, אַ גרויסן ווייכן קעז, אַ קוישל מייערלעך, אַ פולע שיסל וויינטרויבן, אַ האַלב-רונדע רויט-פינקלדיקע קאַווענע און אַ גרויסן געצוקערטן פּאָן-קוכן פון אייגן געבעקס.

דאָס מיידל איז געוואָרן הויט און ביין. ברוינע רעדער האָבן זיך איר איינגעשניטן אונטער די אויגן. כּדי איינצוקויפן עסן פאַרן שבת'דיקן גאַסט, קומט זי אָפּ די וואָך מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט. אַזאַ מיידל איז עס און אַזעלכער איז איר שטאָטישער פריינט, דער וואַרשעווער פאָלקס-לערער. נאָר איך בין קאָרעקט מיטביידן, אַלץ קוק איך צו און שוויג. פאַרשטייסטו, טייערער, מען דאַרף דאָס טפשות און שלעכטס-קייט פון מענטשן נישט נעמען ערנסט. אַז נישט דאַרף מען אַנטלויפן ערגעץ אין מדבר אַריין.

זיי געזונט!

דיין ליב מיידל.

לו

מיין גאַליציאַנער!

איך בין נאָך אין אָטוואָצק אויף דער זומער־וווינונג און אַלע טאָג פאָר איך אין שטאָט אַריין אַרבעטן. נאָר זונטאָג בריען איך מיך אויף דער זון און גיי זיך באָדן אין דעם קליינעם לויטערן טייכל פון שווידער. ס'שטייען דאָ גאָלד־זוניקע טעג און דער וואַלד אָטעמט מיט צייטיקער פרישקייט. אין אָוונט נאָר פילט זיך אַמאָל אַ קילקייט אין דער לופט, וואָס דערמאָנט אָן די גרוי־פאַרוויינטע הימלען פונם אָנקומענדיקן הערבסט. דאַן פאַרשפּילע איך זיך מיין וואַרימען סוועטער און שפּאַציר מיר אַליין אין אונזער שמאָלן געסל מיט די אויס־געשטאַרטע צווייגן איבערן קאָפּ. אַמאָל הער איך זיך איין צום גערויש פון די בוימער און בלייב שטיין: ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך הער פון ערגעץ דיין קול...

רופן זיך עס אָפּ מיינע אָנגעשטרענגטע נערוון, אָדער איז עס פון אומעט? ניין, טייערער, די נאַטור איז פשוט אַ פאַרפירערין. די באַשטראַלטע וואַלד־גרינקייט פון טאָג און דער סודות־פולער בוימער־געמורמל פון אָוונט האָבן אויף מיר אַ שלעכטע ווירקונג. ס'דערוועקט זיך אין מיר ווידער די נאָגנדע בענקעניש נאָך דיר, וועלכע איך האָב ערשט מיט אַ פּאָר חדשים

צוריק איינגעשטילט אין זיך דורך מיין אימפעט צו אַרבעטן און ווילן זיך ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס גיט אויף אַ רגע אַ קליין ביסעלע פרייד. און דעריבער טראַכט איך די טעג אַרויסצופאָרן פון דאַנען צוריק אין שטאָט אַריין. איך האָב מורא פאַר מיינע ליבע-ספּאַזמען. וועלן זיי מיך באַפאַלן, וועל איך זיך מוזן ווידער אַוועקלייגן אַ קראַנקע, ווי אַמאָל ביי לייבלען אין הויז, ווען איך בין געווען ביי אים צו גאַסט. ניין, איך מוז פאַרלאָזן דעם זוניקן אַטוואָצקער וואַלד און אַנטלויפן צוריק קיין וואַרשע, ווו מען קאָן זיך פאַרטומלען און פאַרגעסן. נאָך די וואָך וועט עס געשען און דערווייל האָט מיר היימאַן גע-שאַפן אַ ביסל פאַרווײַלונג.

ער, דער שעף מיינער, איז די לעצטע צייט זייער ליבנסווירדיק. שוין אַ פּאָר מאָל האָט ער מיך איינגעלאַדן, נאָך דער אַרבעט אין ביוראָ, צו פאָרן מיט אים אין די לאַ-זשענקעס טרינקען קאַלטע אָראַנזשאַדע. לאָז איך זיך פאַרפירן אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט דורך דעם אַדוואָקאַט היימאַן און טרינ-קענדיק פּאַמעלעך דורכ׳ן שטרויעלע דאָס קאַלטע אָראַנזש-וואַסער, קוק איך אָן די געצירטע וואַרשעווער דאַמען מיט זייערע גאַ-לאַנטע באַגלייטער, וועלכע קומען אַהער צו שאַפן זיך אַן אי-דיליע ביי קאַלטע געטראַנקען.

היימאַן לייגט מיר פאָר, איך זאָל זאָגן ווען זיי אַ מיי-נונג לויטן פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט פון „החלוץ”. נאָר ווען ער דערפילט, אַז זיין וויץ איז אַביסל צו-פלאַך, הויבט ער אָן גלייך צו ריידן פון עפּעס אַנדערש, אָדער ער לייגט פאָר, מיר זאָלן גיין שפּאַצירן. ער וועט מיר ווייזן דאָ אין פּאַרק אַזעלכע העררליכע ווינקעלעך, וואָס איך וועל פון זיי אַנטציקט ווערן. בלאָנדזשע איך מיט אים אַזוי אַרום אַ פּאָר שעה צייט אין

די אַלטען און דערנאָך באַגלייט ער מיך צום דאַנציגער וואָקזאַל. נאָר דערביי דינגען מיר זיך יעדעס מאָל, ווי אַזוי צו פאָרן אַהין. איך פאָר דורכאויס מיטן טראַמוויי און ער וויל דוקא נעמען אַן אויטאָ. דערביי פאַררופט ער זיך תמיד אויף זיינע צוויי ירושה-הייזער אין פראַגע, וואָס זיין טאַטע האָט איבערגעלאָזט אים מיטן ברודער און ער דערקלערט עס מיר געצנוי. ער אַליין איז נישט מער, ווי אַן אינטעליגענטער פראָלעטאַריער, נאָר ער פאַרגינט זיך אַמאָל אַ ביסל לוקסוס אויפן חשבון פונם פאַרשטאָרבענעם טאַטן זיינעם, וועלכער האָט אָנגעלעבט פאַרמעגן. זאָל ער עס אָוועקשענקען וועמען עס איז? איך זאָג זיך אָפּ צו לעזן סאָציאַלע פראָבלעמען אויף זיינע צוויי ירושה-הייזער פון פראַגע. נאָר צום אָטוואָצקער צוג פאָרט ער שוין דוקא מיטן טראַמוויי, ווי מיר געפעלט.

אַזוי גוט-ברודעריש-מילד פאַרברענג איך דאָ די צייט מיטן אַדוואָקאַט היימאַן. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דו וועסט הערן ווייטער.

נעכטן אין אָוונט זענען מיר ביידע געזעסן אין די לאַזשענקעס נעבן שאָפּענס דענקמאָל און האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע ערנסטע און נישט-ערנסטע זאַכן. מיט אַמאָל האָט ער מיר אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין און געזאָגט האָט ער זייער פשוט:

— חברה עלקין, לאָמיר ביידע חתונה האָבן.

און, אַז איך האָב זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט פונם דאָזיקן איינפאַל, האָט ער צוגעגעבן אין דעמזעלבן איינפאַכערנסטן טאָן:

— איך וועל דיר געבן פרייהייט און דו וועסט קאָנען לעבן, ווי אַזוי דו ווילסט.

— דהיינו, חבר היימאַן?

— קאָנסט ביי מיר ווערן אַ וואַרשעווער סאַלאָן־דאַמע. קאָנסט זיין אַ בורזשואַז־געמיטליכע בעל הבית׳טע, וואָס אינטע־רעסירט זיך נאָר מיט איר אייגן פאַמיליען־ווינקעלע, און גע־פעלט דיר דוקא צו זיין אַ פּראָלעטאַריערן, קאָן איך עס דיר אויך צוליב טון, דו קענסט פאַרבלייבן אויף דיין פּאָסטן אין ביוראָ, ווי ביז איצט. איך וועל דיר געבן אַ הוספה און זו־מער באַקומסטו אורלויב אויף גאַנצע צוויי חדשים. ווערסט זיך איינאָרדנען, ווי אַזוי דיר געפעלט, דו באַקומסט ביי מיר פולע פרייהייט.

— און אַז מיר וועט געפעלן קושן זיך מיט אַנדערע מענער? בין איך דאָס אויך פריי צו טון, ווי מיר געפעלט?

היימאַן האָט מיר ווידער אַריינגעקוקט אין די אויגן און געענטפערט האָט ער מיט אַ שמייכל:

— וועגן דעם וועלן מיר זיך מישב זיין... איך טרוי דיין גוטן געשמאַק. אויף קיין ערגערן וועסטו דאָך מיך נישט אויסבייטן.

— אויב אַזוי, איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג — האָב איך אים צוריקגעזאָגט מיט אַ שמייכל — איך דאַרף זיך נאָר אָנפרעגן וועגן דעם ביי מיין געליבטן.

און איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין דיין כלה שוין פון לאַנג און אין גיכן וועלן מיר חתונה האָבן.

— דערפון, מיין טייערע, וועט גאָרנישט אַרויסקומען — האָט ער אָפּגעהאַקט קורץ

פונם דאָזיקן זיכערן ענטפער האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ. איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אים געבעטן, ער זאָל מיר זאָגן פון וואַנען ער ווייס עס אַזוי זיכער.

נאָר ער האָט עס מיר נישט געוואָלט זאָגן. עפּעס האָט ער געשטאַמלט וועגן זײַן פּערזענליכער מיינונג, אַז איך מיט דיר זענען נישט קיין פּאַסיק פּאָרפּאָלק, ווייל מיר זענען ביידע צו קלוג. דערביי איז ער געווען זייער פאָרזיכטיק מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט וועגן דיר. איך האָב פאַר-שטאַנען, אַז ער ווייס עפּעס וועגן צפּורה'ן און מעגליך, אַז ער ווייס פיל מער ווי עפּעס... נאָר איך האָב אין זיך באַ-הערשט מיין פאַרדרוס מיט מיין נייגעריקייט און איך האָב אונזער געשפּרעך ווידער אָנגעהויבן אין די מילד-חבר'ישע טענער פון זײַן היירּאַטס-פאָרשלאַג.

— און דאָך פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס דו ווילסט חתונה האָבן דוקא מיט אַזעלכער, ווי איך. דו קאָנסט דאָך טון אַ גלענצנדן שידוך. דו ביסט שיין און באַגאַבט. דערצו ביסטו אַן אַדוואָקאַט און פאַרדינסט געלט און די ירושה-הייזער אין פראַגע האָבן דאָך אויך פיל צו זאָגן. דו קאָנסט דאָך נע-מען אַ שיינהייט און אַ גביר'ישע טאָכטער. מען וועט דאָך דיך אָפּשיטן מיט גאָלד.

היימאַן האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן איבער די פלאַטשיקע שפּיצן פון זיינע שיך און געענטפערט האָט ער ווידער זייער פשוט:

— ס'לוינט נישט, מיין טייערע. עס לוינט נישט אפילו פאַר מיליאַרדן צו זיין אַן עבד כנעני ביי אַ צעבאַלעוועטער גביר'ישער טאָכטער און נעמען אויף זיך דאָס גאַנצע לעבן צושטעלן איר לוקסוס-אַרטיקלען און פאַרווילונגען, מעג זי זיין שיין, ווי קלעאָפּאַטראַ. ניין, פון דעם גליק האָב איך זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט.

— ווילסטו, הייסט עס, חתונה האָבן מיט אַ פּראָלעטאַר-יערין זי זאָל ביי דיר נישט פיל מאָנען פאַר זיך? און מיט די רייך-געבאַלעוועטע שיינהייטן וועסטו ראָמאַנסירן?

— אָ, זיי וועלן איר אַלע גוט מקנא זיין. ווייל ניין און ניינציק פּראָצענט וועל איך איר געהערן און נאָר דעם איינעם פּראָצענט פון אַלע הונדערט וועל איך פאַרווענדן צו דערקענען זיך אויף פרעמד-ווייבלישע קאָנטראַסטן, איך זאָל מיין איינציקע פריינדן פון דער היים בעסער ליבן.

איך האָב אים אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם, ווי די זאַך וואָלט מיך שטאַרק אינטערעסירט, און אים ערקלערט זייער ערנסט, אַז ווען איך וואָלט נישט געווען דיין כלה, וואָלט איך אויך מיט אים נישט געקאָנט חתונה האָבן, פשוט דערפאַר, ווייל איך האָב אים נישט ליב.

נאָר דערויף האָט ער זיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט און גע-זאָגט האָט ער פעסט:

— דאָס איז געווענדט אָן מיר. ווען איך וועל וועלן, וועסטו מיך ליב האָבן.

— אַזוי גאָר? — האָב איך אים געלאַכט צוריק אין פּנים אַריין — אַנו, פּרוּווו נאָר, פּרוּווו טון עפּעס אַזוינס, איך זאָל מיינען, אַז דו ביסט דער אינטערעסאַנטסטער מאַן, וועלכן איך האָב ווען-עס-איז באַגעגנט.

— גוט! — איז געפאַלן זיין ענטפער — ערלויב מיר נאָר צו שענקען דיר אַ קליין ביסעלע אויפמערקזאַמקייט און דאַן וועלן מיר זען.

— גוט, חבר היימאַן. נאָר געדענק, אַז דו וועסט דורכ-פאַלן, זאָלסטו צו מיר קיין טענות נישט האָבן.

— גוט, מיין טייערע, דו ביסט פריי. קאָנסט ליב האָבן וועמען דיר געפעלט.

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט איך קען אים, האָט ער מיר געקושט די האַנט און ווען מיר זענען אַרויס פון גאָרטן, האָט ער מיר געקויפט אַ גאַנצן צענדליק רויט-דופטיקע רויזן. דערנאָך, ווען דער טראַמוויי איז צוגעפאָרן, האָט ער מיך אַזוי צאַרט אָנגענומען אונטערן אָרעם, אַז די אויגן האָבן זיך מיר צוגעמאַכט, ווי אין אַ זיס-שכור'ן דרעמל. זאָלן עס זיין די רייצנדע באַנעמונגען זיינע, פון וועלכע פרויען ווערן דערנאָך אַזוי שטאַרק?...

מיין שלעכטער פריינט פון גאַליציען, אין אַ גרויסער, רוישנדער שטאָט בין איך איינע אַליין. דיינע בריף באַרויקן מיך שוין מער נישט. נאָר שרייב, שרייב פּינקטליך. איך וואַרט אויף דיינע ידיעות...

דיין ליב מיידל.

לז

מײַן ליב מײדל!

איך קאָן דיר שרײַבן נײַעס. צפורה האָט די וואָך אַ זון געבוירן. געמאַטערט זיך פיר מעת־לעת און שרעקליך גע־ליטן, ווײַל דאָס קינד איז געווען צו גרויס פאַר אַזאַ קלײן מאַמעלע, ווי זי. נאָר זי איז שוין איבערגעקומען. דאָס קינד איז געזונט און זי אַלײן האט שוין אויך אַביסל די אויגן געעפנט, כאָטש זי איז נאָך זײער שוואַך און אומבאַהאָלפן, ווי אַ קלײן מײדעלע.

און וואָס טראַכט איך איצט צו טון? איך ווײס נישט. גיב אַן עצה, טײַערע, וואָס איך דאַרף טון. איך וועל דיר שרײַבן דעם אמת און איך האָף, אַז דו וועסט מיך פאַרשטײן, וועגן צפורה'ן וועלן מיר איצט נישט רעדן. זי איז שוין איצט אַ זײַטיקע פערזאָן און זי דאַרף אונז נאָר אינטערעסירן אויף וויפל זי איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם קלײנעם נפש'ל, וואָס זי האָט איצט געבראַכט אויף דער וועלט, ווײַל דער דאָזיקער יונג האָט אויף מיר איצט אַ גרויסע דעה. פון זינט איך האָב אים דערזען, ווען די אַקושערין פון שפּיטאָל האָט אים געבאָדן דאָס ערשטע מאָל, הער איך נישט אויף צו טראַכטן וועגן אים

דאָס קינד האָט מיך איבעראַשט מיט זײַן ענליכקייט אויף מיר. ליגנדיק אין בעקן, האָט עס זיך אינם וואַסער געצאַפּלט מיט הענטלעך און פיסלעך און ס׳האָט געעפנט דאָס מײַלכל צום שרײַען, האָט זיך אים דאָס רויטע פּנים׳ל געבראָכן אין באַקאַנטע גרימאַסן, וועלכע האָבן מיך דערמאָנט מײַן קלענערע שוועסטער אין אירע קינדערשע יאָרן, נאָר אויפן קעפּעלע האָב איך מורא געהאַט צו קוקן, ווײַל ס׳איז געווען אינגאַנצן מײַן קאָפּ, ווי איך זע זיך אַלע מאָל אין שפּיגל. ביים ערשטן בליק איז מיך באַפֿאַלן אַזאַ מיסטישע שרעק, ווי ס׳וואָלטן זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר מיר די געהיימנישן פון דער נאַטור...

פון דעמאָלט אָן האָב איך נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן פון דעם פּיצל מענטשעלע, וואָס שלאָפט בײַטאָג און בײַנאַכט, אין די קישעלעך געטוליעט, ווי בײַ דער מאַמע אין בויך. און אַלע טאָג לויף איך אין שפּיטאָל, עס אָנקוקן. שטונדן-לאַנג זיץ איך נעבן וויגל און באַטראַכט דאָס שלאָפנדיקע קינד. אָט, דאַכט זיך, וועט עס עפענען דאָס מײַלכל צום שרײַען און ווידער וועל איך דערזען מײַן קליין שוועסטערל פון אַמאָל, ווען זי פלעגט וויינען, למאי איך האָב איר פּופּעס קיך-געשיר ערגעץ באַהאַלטן. און דאָס נאָכקאָפּירטע קעפּעלע פון מיר אַליין רופט בײַ מיר אַרויס אַזאַ פרייד-ציטער אין האַרץ, אַז מיר ווילט זיך אײביק אַזוי זיצן נעבן אָט דעם בעטעלע און אָנקוקן דאָס שלאָפנדיקע פּנים׳ל וואָס לײַטערט זיך מיט יעדן טאָג פון זײַנע רויטע געבורט-קאָלירן.

נאָר איך האָב עס נאָך נישט געקושט און האָב זיך נאָך נישט צוגעוווינט צו דעם געדאַנק, אַז דאָס איז אַ לעבעדיקער מענטש געקומען אויף דער וועלט. נאָר וואָס אַ טאָג ווערט ער

אַלץ מער אָנגעזען אין דער ווירקלעכקייט. איך האָב אים שוין געקויפט אַ וועגעלע, צפורה זאָל אים קאָנען פירן נאָך זיך, ווען זי וועט אַרבעטן אין גאָרטן, אָדער אין פעלד. און איך האָב שוין צוגעטראַכט, ווי אַזוי איבערצולייגן פאַר אים מיין מאַמעס נאָמען, ס׳זאָלן בלייבן די זעלבע קלאַנגען און ס׳זאָל זיך אויך פּאַסן צו דוב׳ס אָנדענק, ווייל אונזערע חברים ווילן דורכאויס, אַז דאָס קינד זאָל הייסן דוב און דערמיט זאָל איינלעבן אין קאָלעקטיוו זיין אָנדענק. זיי רעדן שוין פונם צופה׳לע, ווי פון אַ קינפטיקן חבר, וואָס וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון זיין יונג-פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

צי וועט זיך בייטן זייער באַציונג, ווען זיי וועלן אָנקוקן דאָס קינד? איך גלויב, אַז נישט. אין אַ צוויי דריי טעג אַרום וועט צפורה קומען פון שפּיטאָל אַהיים, דאַן וועלן זיי נאַטיר-ליך, זעהן אויף ווען דאָס קינד איז ענליך, נאָר איך מיין, אַז דערפון וועט זיך גאָרנישט ענדערן, ווייל צפורה אַליין איז אַזוי באַליבט אין קאָלעקטיוו, אַז מען וועט זי שאַנעווען אין דעם פרט און מען וועט פאַרשווייגן דעם סוד וועגן דעם קינדס ענליכקייט צו מיר. די געטרייע חבר׳טע טובה האָט עס שוין אַראָפּגעשלונגען שווייגנדיקערהייט, אַלע טאָג קומט זי אין שפּיטאָל געוויר ווערן די קינפּעטאָרן און האַלט זיך אין איין שפּיגלען מיט׳ן קינד. אַלע טאָג געפינט זי אין דעם אַנדערע מעלות, נאָר מיט קיין וואָרט האָט זי זיך נאָך נישט אָפּגערופן וועגן דעם, צו ווען ס׳איז ענליך. זייער קאָרעקט האַלט זיך אויך דער חבר צבי. זיין באַציונג צו צפורה׳ן איז רירנד. אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט האָט ער זי אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און איצט וועלן זיך מוטער און קינד אויך דערנערן אונטער זיין השגחה.

אַזוי, טייערע, איז איצט די לאַגע. אַלץ דאַכט זיך איז אין דער בעסטער אָרדנונג. צפּורה האָט מיר געגעבן איר ערן-וואָרט אַז זי וועט מיר נישט מאַכן קיין שטערונגען ביים אַדאָפּטירן דאָס קינד. נאָר פון אָפּגעבן עס מיר מיט דיר צום ערציען קאָן קיין רייד נישט זיין. קיינמאָל וועט זי דערויף נישט איינגיין, ביז וואַנען ס'וועט אויסוואַקסן צו אייגענער באַוווּסטזיניקייט, מוז עס פאַרבלייבן אינגאַנצן אין איר רשות. זי זאָגט זיך אָפּ אפילו צו נעמען אַ רעגולערע געלט-שטיצע. נאָר איך וועל שוין געפינען די וועגן, ווי אַזוי איר צו בייהילפיק זיין, נאָר ווי אַזוי צעשיידט מען זיך יעצט מיט'ן יונג?

ביי מיינע איצטיקע איבערלעבונגען איז עס פשוט אוממעגליך. זע איך נישט אַ טאָג דאָס קינד, קאָן איך זיך קיין אָרט נישט געפינען, און ס'ציט מיך אַזוי עס אָנצוקוקן. עפּעס איז עס אַזוי קליין, אַזוי אומבאַהאָלפן און ס'איז אַ רחמנות אויף דעם, ווי אויף אַ קליין נאַקעט פויגעלע, וואָס קאָן נאָך נישט פליען. מיין ליב יום-טוב'דיק מיידל. איך האָף, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין. מיט דיין צאַרט-ווייבליך געפיל דאַרפסטו עס באַגרייפן. טייערע, פאַרגעס אַלע דיינע חשבונות מיט מיר, מאַך אַ שטריך איבער אַלע מיינע חובות, וואָס איך האָב זיך דיר פאַרשולדיקט פאַר'ן לעצטן יאָר צייט. אַנאַליזיר נישט, פרעג נישט. זוך נישט קיין האַרמאָניע. דו וועסט עס נישט געפינען. דאָס לעבן איז אַ צעגריבערט פעלד און מיר זענען בלינדע. אומוויסנד זענען מיר, ווי קליינע קינדער און דערייבער לויערן אויף אונז פאַטאַלע פּאַסירונגען אין לעבן. אַ קליין ביסעלע מוז מען אַלע מאָל אַוועקקוקן אָן דער זייט, ווייל דאָס מענשליכע לעבן איז נישט קיין גלייכע ליניע, לויט וועלכער

מען קאָן אָן מכשולים דורכגיין די וועלט.

מיין ערנסט קלוג מיידל! פאַרגעס אַלע אונזערע חשבונות צערייס די רעכנונגען און לאָז זיי אַוועק מיט׳ן ווינט. טייערע, מאָן גאַרנישט ביי דיין גרויסן בעל-חוב און קום גלייך צופאָרן. וואַרף גלייך די אַרבעט אין היימאַנס ביורא און באַדאַנק דעם וואַרשעווער אַדוואָקאַט פאַר זיין זאַלץ-און-ברויט. פאַר קיין גראָדנע און געזעגן זיך מיט טאַטע-מאַמע. וואַרף אַ בליק אויפן באַגריינטן שטילן ניעמאַן. זאָל דיר דיין אַלטע באָבע געבן אַ ברכה אויפ׳ן וועג און אייל זיך קיין טריעסט צו דער שיף.

און איך וועל דיך דאָ ערוואַרטן יעדן טאָג און יעדע שעה. ס׳איז מיר די לעצטע צייט אַזוי פוסט אָן דיר. איך בענק נאָך דיין יום-טוב׳דיקייט. אָן דיר וועו איך עפּעס אַזוי ווי צוגעצויגן צו דער ערד און קיינע פּערספּעקטיוון פאַר די אויגן, קיינע פאַרלאַנגען. דו און דאָס קינד, דו הערסט, מיין ליב מיידל–דו און דאָס יינגעלע מיינס, וואָס וואַקסט, שלאָפנדיק אין די קישעלעך. איצט שלאָפט ער בייטאָג און ביינאַכט, נאָר שפּעטער וועט ער וואַך ווערן. אין פרי-מאָרגן וועט עס עפענען די אויגעלעך און ס׳וועט קוקן נייגע-ריק אויף גאָט׳ס ליכטיק וועלטל. דערנאָך וועט עס שמייכלען. ס׳וועט זיך לערנען גיין און ס׳וועט לויפן מיט קליינינקע פּי-סעלעך קיילעכדיק ווי אַ שרעטל.

דו און ער, צפורה איז אַ זייטיקע, וואָס דער צופאַל האָט זי אונז פאַטאַל געשטעלט ביי דער זייט. זאָל זי זיין גליקליך. מיט דער צייט וועט זי, מסתמא, חתונה האָבן מיט׳ן ערנסטן און געבילדעטן חבר צבי און ביידע וועלן זיי זיין זייער אַ האַרמאָניש פּאָר-פאָלק. זי וועט האָבן איבער זיך אַ געטרייען ערציער, וואָס וועט זי אַרויסוויקלען פון איר

קינדישקייט און אים וועט זי געבן פרייד. מיט איר לייכט־ווייבליכן געמיט וועט זי פאַריאָגן זיין איינזאַם שווייגנדיקן אומעט.

איז ווען קומסטו, האַרנטע מיינע? ווען? דיין הויז איז פאַר דיר גרייט. די שראַנק מיט די געשפיגלטע טירן, וואָס איז דיר אַזוי טייער געווען, שטייט ליידיק און וואַרט אויף דיינע קליידער. ביי דיין בעט איז פאַראַן אַ לאָמפּ מיט אַ העלן עלעקטרישן רער, דו זאָלסט קאָנען לעזן פאַרן שלאָף, ווי דו האָסט ליב. נאָר די קיך איז פוסט און די פענסטער זענען אַרומגעהילט, ווייל די פאָרהענגלעך מיט די בלומען־טעפּ האָט צפורה צוגענומען מיט זיך קיין שומרון. זי האָט דאָרט פאַרצירט מיט דעם אונזער ברעטער־שטיבל. נאָר דו וועסט שוין אַלץ איינאָרדנען לויט דיין געשמאַק און צום קינד וועל איך פאָרן בלויז צוויי מאָל אין דער וואָך. ביידע וועלן מיר פאָרן. דו וועסט אים ברענגען מתנות און וועסט אים וויגן אויף די הענט, ווי די חבר'טע טובה. וועסט זען, טייערע, ס'וועט זיין גוט.

פון דער שיף וועלן מיר פאָרן גלייך צום רב שטעלן אַ חופה און דערנאָך וועלן מיר צופאָרן געוויר ווערן אונזער קליין יינגעלע. ווען זשע קומסטו? איך ערוואַרט דיך יעדן טאָג.

אייביק דיינער.

לח

מיין גאַליציאַנער!

איך ענטפער דיר מיט דער ערשטער פּאָסט, ווייל מיין באַשלוס איז פעסט און איך האָף, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין.

איך שיק אַ ברכה דיין ערשט געבוירן קינד. זאָל עס וואַקסן געזונט. איך וויל אויך, צפורה זאָל גליקליך זיין און צו דיר האָב איך אויך גאָרנישט. איך האָב פאַרגעסן אַלע אונזערע חשבונות. די רעכנונגען האָב איך צעריסן און אַוועקגעלאָזט מיטן ווינט, ווי דו האָסט מיר געראַטן. איך מאָן ביי דיר גאָרנישט און איך פרעג נישט קיין איין וואָרט. דו ביסט גערעכט. ס׳איז פאַטאַל. אַ פאַטאַלער צופאַל איז געווען דיין באַגעגעניש מיט צפורה׳ן. וואַרף איך זיך אונטער די אומשטענדן פון לעבן און נעם אָן מיין שווערן גורל. איך דאַנק דיר פאַרן ביסל גליק, וואָס דו האָסט מיר געגעבן. איך וועל עס נישט פאַרגעסן. אפילו די ליידן, וואָס דו האָסט מיר צוגעטיילט, זענען מיר טייער. איך האָב דיך נאָך אַלץ זייער ליב. נאָר פאָרן צו דיר וועל איך נישט. פאַר קיין אופן נישט! איך וועל מיין באַשלוס נישט ענדערן.

געבן דיר אַן עצה וואָס דו זאָלסט טון? פאָלג מיך,

טייערער, האָב חתונה מיט צפורת׳ן און האָדעוועטביידע אייער געליבט קינד. נאָר שוין זאָלסטו עס טון. טראַכט נישט איבער. פּאָר גלייך קיין שומרון און נעם זי מיטן קינד אין שטאָט אַריין צו זיך אַהיים. אין דעמזעלבן טאָג זאָלסטו מיט איר צוגיין צום רב שטעלן אַ חופּה. אויף קיין איין מינוט זאָלסטו עס נישט אָפּלייגן. ס׳איז אַ פּאַטאַלע פּאַסירונג און אַזוי דאַרף עס זיין. גיב זיך אונטער דיין גורל, ווי איך האָב זיך אונטער-געגעבן. פאָדער נישט פון איר קיין יום-טוב׳דיקייט. זי האָט אַנדערע מעלות. געזונטע לעבנס-פרייידיקע וואַכעדיקייט איז אויך אַ וויכטיקער ענין אין לעבן. פאַר אַ ווייב איז עס זיכער אַ גרויסע מעלה, ווייל דורכגיין צוזאַמען דאָס גאַנצע לעבן איז ווייט נישט קיין יום-טוב-שפּאַציר.

טראַכט נישט דערפון, וואָס צפורה וועט צו דרייסיק יאָר באַקומען אַ גוידער און וועט ווערן טעמפּ, ווי אַ שטיק האָלץ. דו האָסט מיר שוין אַמאָל געשריבן וועגן דעם און ס׳איז זייער מעגליך, אַז דאָס וועט אַזוי זיין, נאָר טראַכט נישט איצט וועגן דעם. דאָס וועט ערשט זיין אין אַכט-ניין יאָר אַרום און ביז יענער צייט וועט זי דיר האָבן נאָך אַ פּאָר קינדערלעך, וועט זיין נאָך פרייד אין שטוב. מער טומלדיקייט, מער פליכטן. באַרימסט דיך דאָך, אַז דו ביסט אַ הונדערט-פּראָצענטיקער ייד, וועט עס זיין אין דעם גייסט פון אידעאַ-לער הונדערטפּראָצענטיקער משפחה-יידישקייט.

און וואָס וועט איצט זיין מיט מיר? איך ווייס נישט, טייערער. איך ווייס נאָך נישט. איך האָב נאָך נישט געטראַכט דערפון. אַז איך וועל אַוועקשיקן אָט דעם בריף צו דיר, וועל איך מיר צולייגן אַ קאָמפּרעס צום קאָפּ און געוויס וועל איך די נאַכט נישט שלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט וועל איך טראַכטן

וועגן דיר. אָ, ווי ליב איך האָב דיך נאָך! נאָר ס'וועט איבער־גיין. מאָרגן, אויב עס וועט מיר וויי טון דער קאָפּ, וועל איך אָנקלינגען היימאַנען, אַז איך פיל מיך נישט גוט און איך גיי היינט נישט אין ביוראָ, וועט ער מיר שיקן בלומען און נאָך מיטאָג וועט ער קומען מיך געזוויר ווערן. נעבן מיר וועט אויך זיצן זיין שיינע שוועגערן מיט די קאַשטאַן־לאָקן איבער די אַקסלען און זי וועט רעדן מיט מיר פון ערנסטע זאַכן. דערביי וועט זי אויך לויבן דעם שוואָגער אירן, וועלכער וועט לויט איר מיינונג, זיין זייער אַ גוטער מאַן, כאָטש ער האָט אין זיין לעבן שוין אַ סך ליבעס געפירט.

צי וועל איך חתונה האָבן מיט היימאַנען? מעגליך אַז יאָ. איך גלויב אויך, אַז ער וועט זיין אַ גוטער מאַן, כאָטש זיין שוועגערן זאָגט, אַז ער האָט שוין אין לעבן אַ סך ליבעס געפירט. נאָר איצט, ווייזט אויס, איז עס מיין גוטע שעה צו פירן מיט אים ליבע. ער רינגלט מיך אַרום מיט אַזוי פיל צערטליכקייט, אַז איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזעלכעס. אַלע טאָג טראַכט ער פאַר מיר צו אַנדערע פאַרוויי־לונגען. יעדן אָוונט מאַכט ער מיר אַ סיורפּריז און פירט מיך אַוועק אין אַזעלכע אויסטערלישע ווינקעלעך פון לוקסוס און שיינקייט, וואָס איך וואָלט אויסגעלעבט מיינע יאָרן דאָ אין וואַרשע און וואָלט עס פאַר די אויגן נישט געזען. דערביי האָט ער זיינע צאַרטע באַנעמונגען, וואָס ווירקן אויף יעדער פרוי, ווי נאַרקאָז.

ווירקט עס אויף מיר אויך אין דעם זין? צו מאָל יאָ. ווען איך בין נישט קראַנק אויף מיין משוגענער ליבע צו דיר, גלויב איך, אַז היימאַן וואָלט מיר איצט גאַנץ גוט פאַרדרייט דעם קאָפּ. נאָר ביז וואַנען דיין קול קלינגט מיר נאָך אין די

אויערן און דיין בלאָנד-נאָבעלער קאָפּ שוועבט מיר פאַר די אויגן, איז עס בלויז אַ ביסל בראָם צו באַרויקן די נערוון. נאָר איצט מוז איך זיך שוין אויסהיילן. מען מוז, טייערער, פאַרענדיקן דערמיט. גענוג פאַר ביידן. גענוג זיך צו פייניקן. מיין באַשלוס איז פעסט. איך טרעט אָפּ מיין אָרט צפורה׳ן. זאָל זי זיין די האַרנטע ביי דיר אין הויז. איך לאָז איר צו מיט אַ גרינג געמיט די שאַפע מיט די געשפּיגלטע טירן, וואָס דו האָסט פאַר מיר אָנגעגרייט, און אויך דאָס לעמפּל מיטן עלעקטרישן רער צום לייענען פאַרן שלאָף. דיך אַליין טוט מיר נאָר באַנג. נאָר ס׳איז פאַרפאַלן. ס׳איז פאַטאַל. אַזעלכער איז מיין גורל און אַנדערש קאָן עס נישט זיין.

איך פאַרענדיק מיין בריף, נאָר איך זעגן זיך נאָך מיט דיר נישט. איין בריף דאַרף איך דיר נאָך אָנשרייבן. דעם לעצטן בריף. איך וועל דיר נאָך מודיע זיין, וואָס איך האָב באַשלאָסן צו טון מיט זיך, ווייל עפּעס מוז איצט געשען מיט מיר. מיין לעבן מוז זיך ענדערן איצט. אַליין קאָן איך מער נישט זיין און איך וויל עס נישט. דו הערסט, מיין גאַליציאַנער, איך וויל עס מער נישט. מעגליך, אַז דאָס וועט פאַר מיר אויך זיין פאַטאַל. נאָר איך בין גרייט אויף אַלץ: איך וועל איצט שפּילן „וואַ באַנק״. און ווער קאָן מיר עס אַ דעה זאָגן, וואָס איך זאָל טון מיט זיך אַליין? קיין איין מינוט וועל איך מער נישט פאַרזוימען, ווייל... ווייל... ווייל איך וויל אַזוי.

נאָר טראַכט נישט איבער קיין בייז. איך בין צו-געזוינט מיר זאָל זיך וועלן אַליין זיך עפּעס שלעכטס טון. נאָר מיט דיר צעשייד איך זיך היינט. נאָך דעם לעצטן בריף וועסטו פון מיר באַקומען און ס׳וועט זיין געענדיקט. דו זאָלסט מיר שוין מער נישט שרייבן, ווייל איך וועל דיר קיין איין וואָרט

מער נישט ענטפערן.

איך פאַרענדיק, טייערער. היימאַן האָט מיר ערשט געקלונגען, אַז ער קומט באַלד, וועלן מיר גיין אין טעאַטער זען אַנ־אינטערעסאַנטע טענצערן. נאַטירליך, וועל איך גיין. איך וועל זיך היינט ווייזן אַ גאַנצע נאַכט. אַ פול גלאָז קאָניאַק וועל איך היינט אויסטרינקען און היימאַן וועט מיר נאָכגעבן אַלע מיינע קאַפּריזן. ער איז אינטערעסאַנט, דער שעף מיינער. מעגליך אַז איך וועל מיט אים חתונה האָבן. כאָטש אַ האַלב יאָר, ווען איך ווייס אַז ער וועט מיך נישט אויסבייטן אויף קיין אַנדערע פרויען... נאָר עס ערוואַרטעט מיך דער גורל פון זיין שיינער שוועגערן. איך ווייס עס פאָרויס. עס ער־וואַרטעט מיך דאָס ציניש־ליגנערישע שפּיל פון דער פאַמיליען־קאָמעדיע ביי די היימאַנס און זייער גלייכן. יאָ, מיין גאַליצ־יאַנער, ווען נישט די צושראָקענע קינדער, וואָס יאָגן זיך אַרום אין די פינצטערע נעכט זוכן טאַטע־מאַמע, איז עס אַ גאַנץ פריילעכע רעוויו...

און דאָך איז ער אינטערעסאַנט, דער דאָזיקער עלעגאַנ־טער אַדוואָקאַט פון וואַרשע, כאָטש ער האָט די ליבע צו אַ פרוי פאַרוואַנדלט אין ספּאָרט און פאַרווייַלונג. געוויס זוכט ער איצט אויך ראָמאַנטישע באַגעגענישן, נאָר דערביי ווידמעט ער זייער פיל צייט צו געווינען מיך אַלס געליבטע און כלה. דאָך איז ער אַ קלוגער יונג, דער אַדוואָקאַט היימאַן. יענע וואָך, ווען ער האָט מיר געמאַכט דעם הייראַטס־פאָרשלאַג, האָט ער מיר געזאָגט דייטליך, אַז מיר וועלן זיך צעשיידן. דערפון וועט גאָרנישט זיין!—האָט ער אָפּגעהאַקט קורץ.

ניין, טייערער, ער איז נישט אַזוי פלאַך, ווי דו מיינסט. ס'לוינט זיך אפשר צו ווידמען אים אַ ביסל יום־טוב׳דיקייט

און דאָס רעשט לאָזן אים פריי. זאָל צר ערגעץ קושן מיידלעך און ווייבלעך, וויפל ער וויל. ער טוט עס זייער לייכט אין אַ פיינעם און איידעלן סטיל. יאָ, ס'איז ביי אים אַ מין ספּאָרט, וואָס דערהאַלט אים זיין גלייכגעוויכט און זיין גוטן הומאָר. נאָר אַ קלוג און אינטעליגענט ווייב וואָלט עס נאָך געקאָנט אין אים אַ ביסל קאָרעגירן.

מיין גאַליציאַנער, גיב אַן עצה, דו ביסט דאָך קלוג, לוינט זיך צו שענקען דעם אַדוואָקאַט און ווייבער-קושער היימאַן אַ ביסל יום-טוב'דיקייט? און דאָך איז ער אַ מבין אויף מיר — נאָר ניין! שרייב מיר נישט מער, ווייל איך וועל דיר נישט ענטפערן. איין בריף בין איך דיר נאָך שולדיק. וועסט אים באַקומען פון מיר אין עטליכע טעג אַרום, ווייל לאַנג וועט די דאָזיקע אָנגעשטרענגטע שטימונג מיינע נישט קאָנען אָנהאַלטן. ס'מוז איצט קומען דער קריזיס, ווי נאָך אַ שווערער קרענק. גענוג! מיין באַשלוס וועל איך נישט ענדערן.

איך פאַרענדיק, טייערער. באַלד קומט היימאַן. היינט וועל איך מיט אים טאַנצן ביז שפּעט ביינאַכט. ער זאָגט, אַז איך טאַנץ זייער לייכט. מאָרגן אַרבעט איך נישט אין ביוראָ. אַ גאַנצן טאָג וועל איך ליגן אויפן קושעט און טראַכטן וואָס צו טון איצט מיט זיך.

זיי געזונט, טייערער. גיב אָפּ צפורה'ן דיין מאַמעס צירונג. איצט איז עס אירס.

ס'גריסט דיך און קושט דיך

דיין ליב מיידל.

לט

מיין גאַליציאַנער!

דיינע אַלע בריף האָב איך באַקומען, נאָר טייערער מיי־נער, שרייב נישט מער, ווייל איך וועל דיר נישט ענטפערן. דער בריף איז דער לעצטער. דאָסמאָל שרייב איך דיר, ווייל איך האָב דיר צוגעזאָגט מודיע זיין מיינע באַשלוסן וועגן זיך. טו איך עס היינט איידער איך פאָר אָפּ פון וואַרשע.

וואוהין פאָר איך? אַהיים. צו מיין מאַן, אין אַ פּויליש קליין שטעטל. ווער איז ער? דו קענסט אים זייער גוט. נאָך די צוויי מעת־לעת, וואָס איך בין געלעגן אויפן קושעט מיט אַ קאָמפּרעס אויפ׳ן קאָפּ און היימאַן איז געזעסן נעבן מיר אַ רייצנד־פאַרליבטער, לעזנדיק מיר אין מוזיקאַליש־קלינגנדע פערזן די יונג־פּוילישע דיכטונג — האָב איך קיין בעסערס נישט געקאָנט צוטראַכטן, ווי חתונה צו האָבן מיט לייבלען. ס׳איז יענער, דער קליינשטעטלדיקער מילנער, מיין געטרייער פריינט פון די קינדערשע יאָרן.

געפעלט דיר עפּעס אַזאַ שידוך פאַר מיר? לאַך נישט, גאַליציאַנער. קנייטש נישט דעם שטערן. איך האָב עס געטון זייער געוויסנהאַפט. אין פרימאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען בײַנאַכט קושעט און האָב צוזאַמענגעשלײַדערט פון זיך דעם קאָמפּרעס.

דערנאָך האָב איך געעפנט מיינע ביידע פענצטער. סנאָפּעס ליכט זענען מיר געפאַלן אין פּנים אַריין. די ביימער פון איבערן וועג אין זאַקסישן גאָרטן האָבן אויסגעזען אַזוי גרין ווי אין פרילינג. איך האָב אָנגעקלונגען צו דער דינסט, באַשטעלט פאַר זיך אַ וואַגע. דערנאָך האָב איך געשריבן אַ דעפּעשע צו לייבלען, ער זאָל גלייך קומען קיין וואַרשע.

נאַטירלעך, איז ער געקומען מיט'ן ערשטן צוג צו-מאָרגנס באַך אין דערפרי און ביז צען אַזייגער איז ער שוין געווען ביי מיר אין צימער אַ פריש-ראַזירטער, אויסגעצירט אין זיין גראָ-זומערדיקן אַנצוג מיט זיין קאָלירטן שניפּס אויפן עלעגאַנט-שטאָטישן שטייגער. ער איז שטיין געבליבן אין מיטן שטוב אַ זיס-צושמייכלטער, ווי תמיד און געוואַרט האָט ער אויף מיינע באַפעלן. דערביי האָט ער עפּעס געשטאַמלט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס איך האָב זיך געווענדעט צו אים. ער איז גרייט צו טון פון מיינעטוועגן אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קענען. נאָר איך האָב אים מיט דער האַנט פאַרשטעלט דאָס מויל, ער זאָל נישט רעדן קיין נאַרישקייטן און דערנאָך האָב איך אים פּשוט געפרעגט:

— לייבל, דו ווייסט צו וואָס איך האָב דיך איצט אַרויסגערופן אַהער?

— צו וואָס?

— איך וויל דיך פרעגן, צי דו האָסט מיך נאָך ליב אַזוי ווי אַמאָל?

מיין גאַסט האָט נישט באַלד געענטפערט. די פראַגע מיינע האָט אים, ווייזט אויס, שטאַרק צעטומלט, נאָר ער האָט זיך באַהערשט און געפרעגט שוין מיט אַ שמייכל אויף זיין שטייגער:

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— איך מוז עס וויסן איצט, אין דער מינוט. זאָג מיר דעם אמת, וועל איך דיר דערצײלן נאָך וואָס איך פרעג עס דיך. נאָר דעם אמת זאָג.

נאָר מײן גוטער לײבל האָט געשוויגן. אין די אויגן זענען אים טרערן געשטאַנען. איך האָב אים אַרויפגעלײגט די האַנט אויפן אַקסל און איך האָב אים ווידער געפרעגט:

— נו, לײבל, וואָס שווײגסטו? זאָג, מיר זענען דאָך אַלטע גוטע פרײנט.

— איך האָב צוליב דיר נישט חתונה געהאַט — האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, ווי אַ באַלײדיקט אָנגעברוגז'ט קינד — איך קאָן קײן אַנדערע נישט ליב האָבן. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט...

— האָסטו מיך ביזן הײנטיקן טאָג אַזוי ליב, ווי אַמאָל מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען דו האָסט געשיקט דײן מאַמען בעטן מיך, איך זאָל מיט דיר חתונה האָבן? געדענקסט, האָסט געשיקט צו אונז דײן מאַמען פאַר אַ שדכנ'טע?

— אײביק וועל איך עס געדענקען.

— האָסט מיך נאָך הײנט אויך אַזוי ליב?

— יאָ—איז געפאַלן זײן קורצער ענטפער.

דאַן האָב איך אים אַ קוש געטון אין קאָפּ, און געזאָגט האָב איך אים, אַז דערפאַר, וואָס ער האָט מיך, די אײן-און-אײנציקע אַזוי ליב, וויל איך אים שענקען אַ מתנה.

לײבל האָט געקוקט אויף מיר מיט ברײט-צעעפנטע אויגן אַ נײגעריקער און אַ גליקלעכער.

— אַ מתנה פון דיר, רײזעלע?

— פון מיר, טייערער, פון מיר. דערפאַר וואָס דו האָסט מיך איינע אַזוי ליב, וויל איך דיר שענקען דאָס בעסטע, וואָס איך פאַרמאָג. רייזעלען אַליין וועל איך דיר שענקען. ווילסט איצט מיט מיר חתונה האָבן?

— און דיין חתן? — האָט ער געפרעגט ערשטוינט און צעטומלט.

— מיט מיין חתן האָב איך זיך צעשיידט און איצט בין איך פריי. פרעג מיך נישט פאַרוואָס, אַזוי האָט געדאַרפט זיין. איך בין אין דיר נישט פאַרליבט, מיין גוטער ערליכער לייבל, נאָר דו געפעלסט מיר פאַר דיין נאַטירליכקייט. דו ביסט אַזוי ערליך, אַזוי געוויסנהאַפט און אַזוי אמת'דיק. איך בין געריררט פון דיין אידעאַלער ליבע צו מיר. איך וויל האָבן אַן ערליכן און אַ געטרייען מאַן. אין דער גרויסער וועלט זענען היינט נישטאָ אַזעלכע. נאָר, לייבל טייערער, איך מוז דיך נאָך וואָרענען מיט איין זאַך: איך קאָן נאָר דאַן מיט דיר חתונה האָבן, ווען דו וועסט מיר געבן דיין וואָרט, אַז אויב איך וועל אין צוויי יאָר אַרום וועלן אַוועק פון דיר, זאָלסטו מיר געבן גט און מיר זאָלן זיך צעשיידן ווי גוטע פריינט. נאָר וועלן מיר אָבער זיין צופרידן איינס מיטן אַנדערן, קאָנען מיר אַזוי אויסלעבן די יאָרן.

— איז עס, הייסט עס, נאָר אַ חתונה אויף פּראָבע? — האָט ער געפרעגט אַ ברוגז'ער.

— רוף עס, טייערער, ווי דו ווילסט. איך וועל דיך ליב האָבן. איך וועל דיר זיין אַ געטרייע פרוי און אַ גוטע געהילפן אין דיין אַרבעט. אין דיין איינזאַמער שטוב מיט די צעפראַלטע אָפענע טירן וועל איך אַריינברענגען פרייד און היימליכקייט. נאָר אין צוויי יאָר אַרום, אויב איך וועל מער

נישט קאָנען לעבן מיט דיר צוזאַמען, זאָלסטו מיך באַפרייען, איך זאָל זיך קאָנען איינאָרדנען, ווי מיר געפעלט. און ווען ביי אונז פאַר דער צייט אַ קינד געבוירן ווערן, וועל איך עס נעמען מיט זיך, ווייל אַ קינד דאַרף זיין נעבן אַ מאַמען. נאָר דו ווייסט עס קאָנען זען, ווען דו וועסט וועלן. מיר וועלן זיין גוטע פריינט און דו וועסט אַלע מאָל קאָנען קומען צו מיר. ביסטו מסכים דערויף? אויב נישט, וועלן מיר זיך שוין געזעגענען און דו וועסט פאָרן אַהיים.

— אויף צוויי יאָר אַ מתנה... נאָר אויף צוויי יאָר... — האָט ער געשטאַמלט אַ צעטומלטער

— יאָ, טייערער, נאָר אויף צוויי יאָר, ווייל... ווי אַזוי זאָל איך עס דיר ערקלערן, מיין גוטער לייבל, ווייל סתם חתונה האָבן איז פאַר מיר קיין פּראָבלעם נישט אין לעבן. פאַר מיר איז חתונה האָבן בלויז אַ ליבע-אָנגעלעגנהייט, וואָס רייצט מיין געמיט און ביז וואַנען איך בין יונג, וואָלט איך געוואָלט האָבן אַ קינד. פאַרליבט בין איך נישט אין דיר. דו ווייסט עס, נאָר דו ביסט מיר אויף אַזוי פיל געפעלן, אַז מיר וואָלט אָנגענעם געווען, דו זאָלסט זיין דער פאָטער פון מיינס אַ קינד. דערפאַר בין איך גרייט צו שענקען דיר מיין יוגנט און טרייהייט אויף גאַנצע צוויי יאָר. נאָר איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז אויב מיר וועלן זיך צופּאַסן איינס צום אַנדערן, קאָנען מיר אויך אויף ווייטער פאַרבלייבן צוזאַמען. ס'איז זייער מעגליך, אַז מיר וועלן אַזוי אויסלעבן די יאָרן, נאָר איצט מוזטו מיר געבן דיין וואָרט, אַז אין צוויי יאָר אַרום באַפריי־סטו מיך, ווען איך וועל עס פון דיר פאַרלאַנגען. נו, לייבל, וואָס זאָגסטו דערויף.

און דאָ האָט זיך מיין גאַסט ווידער צעשמייכלט אויף

זיין שטייגער. ער האָט מיר גוט-ברודעריש אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט האָט ער מיט פרייד:

— אַ דאַנק, רייזעלע... אַ דאַנק דיר פאַר דער מתנה... איך גיב דיר מיין וואָרט.

— גוט, טייערער. איך וועל דיר ברענגען אַ קליין ביסעלע גליק אין לעבן. און איצט גיי אויף דער פּאָסט, גיב אַ דעפּעשע צו אונז אַהיים, אַז מיר קומען ביידע קיין גראָדנע חתונה האָבן. ביידע וועלן מיר זיך אונטערשרייבן אויף דער דעפּעשע און דאָס וועלן זיין אונזערע „תנאים".

און נאָך אַ זאַך האָב איך אים געבעטן: אויף מאַרשאַל-קאָווסקע אין אַ שוי-פענסטער הענגט אַ ווייס קלייד, אַ לאַנגס מיט לאַנגע אַרבל, ווי איך האָב ליב. ביים האַלז איז עס אויס-גענייט מיט קליינע ווייסע פּערעלעך. האָב איך אים געבעטן, אַז אויב ער האָט נאָך דאָס געלט, וואָס ער האָט מיר געשיקט מיט זיין בוכהאַלטער, איך זאָל זיך קויפן אַ מתנה — זאָל ער עס מיר שענקען איצט, וועל איך מיר קויפן דאָס קלייד. דער-ביי האָב איך אים פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי אין דער היים וועט ביי אונז זיין אַ היימיש-קליינשטעטלדיקע חופּה. די מאַמע וועט גרייטן די טישן מיט ווייסע סערוועטן און אַלטן זילבער

— מיר וועלן, עס מאַכן יום-טוב׳דיק — האָב איך אים גע-זאָגט — דאָרט ביי אונז אין די אַלט-הילצערנע ירושה-שטיבער פון דער פּראָווינץ איז נאָך פאַראַן יום-טוב׳דיקער חתונה-סטיל. דאָס וועט זיך האַרמאָנירן מיט דיין אידעאַלער ליבע פון די אַלטע גוטע צייטן. היילליק זענען אויך מיינע צוויי-יאָר-פליכטן פון טרייהייט און איבערגעגעבנהייט צו דיר. יאָ, אונזער ביידנס אַ יום-טוב איז עס און צוליב דעם, מיין גוטער לייבל, וועסטו מיר קויפן אַ מתנה, אויב דו האָסט געלט, קויף מיר דאָס

ווייסע לאַנגע קלייד מיט די פּערל ביים האַלז, קום איך וועל דיר ווייזן, אויף מאַרשאַלקאָווסקע הענגט עס אין אַ שוי-פענסטער.

נאָר זיין געלט-טאַש איז שוין דאַן געלעגן ביי מיינע פיס איך זאָל טון דערמיט, וואָס איך וויל. און אַז ער איז אַוועק אויף דער פּאָסט, האָב איך אָנגעקלונגען היימאַנען און אים געזאָגט, אַז איך קום מער נישט אַרבעטן, ווייל איך פאָר היינט אַוועק קיין גראָדנע, חתונה האָבן מיט מיין קרוב פון דער פּראָווינץ. דערויף האָט ער זיך נערוועז פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט האָט ער סאַרקאַסטיש, אַז איצט וויל ער זיין מיין הויז-פריינט און ער וועט קומען צו מיר צו-גאַסט, ווען איך וועל עס אים נאָר ערלויבן. נאָר איך האָב האַסטיק איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן-רערל.

היימאַן איז אין דעמזעלבן טאָג אָפּגעפאָרן קיין פּויזן און האָט זיך מיט מיר נישט געזעגנט. און איצט, ווען איך פאָר צו דער באַן און לייבל פאַרנעמט מיינע זאַכן, באַגלייטן מיך נאָר מיינע ערן-דאַמען — פרוי היימאַן און מיינע צוויי געהילפנס פון ביוראָ. אַלע פאָרן זיי מיט בלומען און טאָרט אין די הענט און די בוכהאַלטערן איז איבערגליקליך, וואָס איך צעשייד זיך מיט איר געוועזענעם געליבטן, דעם אַדוואָקאַט היימאַן.

זיי געזונט, מיין גאַליציאַנער. איך וויל איצט פאַרגעסן אָן דיר. איך וויל זיך איצט היילן פון מיין ליבע צו דיר מיט נייע אינטערעסן און פליכטן צו אַן אַנדערן, וועלכער איז אַזוי ווייט פון מיר... נאָר איך בין צופרידן מיט מיין באַשלוס — און איך וועל זיין גליקליך, ווען איך וועל האָבן אַ קינד. אַ פרוי דאַרף זיין אַ געליבטע אָדער אַ מאַמע. יעדע פרוי דאַרף

ווידמען דערויף די בעסטע פּאָר יאָר פון איר לעבן. און די צייט איז קורץ. ניין! איך וויל מער קיין איין טאָג נישט פאַרזאַמען... יאָ, מיין ליבער יונגערמאַן, אַז דו וועסט לעזן מיין בריף, וועל איך שוין זיין אַ בעל־הבית'טע מיט אַ בונט שליסלען ביי לייבלען אין הויז. איך האָף, אַז מיר וועט דאָרטן נישט זיין אומעטיק. ביי דער שטוב נעבן וועג איז פאַראַן אַ גאַניק מיט גרינע בענק. קאָן מען זיך דאָרט זיצן און לייענען אַ גוט בוך. און הינטער דער מיל שפּרייטן זיך גרינע פעל־דער, ווו מען קאָן בלאָנדזשען און טראַכטן אין דער שטיל. און איך וועל אַרבעטן, מיט פלייס און ברען וועל איך אַר־בעטן, ווי אַ שכור'ע, ווי אַ פאַרליבטע... אין די לאַנגע ווינ־טער־אָוונטן וועל איך מיט מיין מאַנס בוכהאַלטער שפּילן אין שאַך און הערן קאָנצערטן דורכן ראַדיאָ. ווי אַזוי מיינסטו, טייערער, וועט מיר נישט זיין אומעטיק?

נו, גענוג. איך פאָר. לייבל וואַרט ביז איך וועל ענדיקן דעם בריף. זאָג אים אַ דאַנק, וואָס ער ראַטעוועט מיך איצט פון איינזאַמקייט און פאַרצווייפלונג. מיין גאַליציאַנער, גריס דאָרט אונזער שומרונ'ער ברעטער־שטיבל. אַז איך מאַך צו די אויגן, זע איך פון דאָרט דעם גאַנצן טאָל פון שרון און די בלויע ווייטקייטן פון ים. נאָר לייבל איז דאָך אונזערער אַ היימישער. ער איז אַזוי ווי אַ דאָרטיקער. ער זעט אויס, ווי אַ האָרעפּאַשנער בחור פון אַ קבוצה. תמיד איז ער אָנגעזאַפּט מיטן פרישן ריח פון צעאַקערטע ברויט־פעלדער.

נו, טייערער, איך פאַרענדיק. אויפן בריף פאַלט מיין טרער. נאָר ס'איז מיר אַזוי גוט, וואָס לייבל איז איצט מיט מיר. אָ, אונזער חבר'שע הייראַט אויף צוויי יאָר הויבט מיר אָן שטאַרק צו געפעלן! ווי דו זעסט בין איך אַ יידישע טאָכטער

אין אַלע הונדערט פּראָצענט. די זיטליכע און טרייע פאַמיליען־אידיליע פון אונזערע אַלט־יידישע טאַטע־מאַמע וויל איך כאָטש איינהאַלטן אויף צוויי יאָר צייט. ס׳איז יידישלעך, יאָ, גאַליציאַנער? און ס׳האַרמאָנירט זיך אויך מיט אַנדערע פאַראיידלטע נערוון, וועלכע זענען אַזוי עמפּפינדליך פאַר נייע עמאָציעס פון ליבע. אָ, מען קאָן עס איצט רעקאָמענדירן יעדן פאַרליבט פּאָרל!

ווידער פאַלט אויפן בריף מיינע אַ טרער. נאָר דאָס הארץ איז מיר אַזוי גרינג. איך וואָלט איצט געטאַנצט אַ „הוירא". דרך־ארץ, יונגערמאַן פון גאַליציען, ס׳איז חתונה־שטימונג אין דעם נוסח פון אַלט־זיטליכער יידישקייט, ווי דו האָסט ליב. איך ענדיק, איך ענדיק, מיין גוטער לייבל וואַרט.

זיי געזונט, טייערער. איך שיק דיר מיין לעצטן קוש!

ד יי ן ל י ב מ יי ד ל.

מ

מיין טייערע

אַנטשולדיק מיר. לויט דיין גראָדנער אַדרעס פון טאַטע־מאַמעס שטוב, שרייב איך נאָך דיר די דאָזיקע עטלעכע ווערטער. ס׳איז נישט קיין ליבעס־בריף. איצט ווען דו ביסט שוין אַ פרוי פון אַ מאַן און דיינע הייראַטס־פליכטן זענען דיר אַזוי הייליק, וואַג איך עס נישט צו טון. איך גיב זיך אונטער מיין שווערן גורל, וואָס איז מיר איצט אויסגעפאַלן אין לעבן און איך נעם צו מיין איצטיקן נסיון, ווי אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע פעלערן פון לייכטזיניקער יוגנטלעכקייט. נאָר דו מוזט וויסן, אַז איצט איז מיר נאָך איין טרייסט געבליבן, איין און איינציקע טרייסט, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועסטו ווידער זיין פריי.

דיין פלאַן וועגן אַ צייטווייליקער צוויי־יאָר־חתונה נעם

רחל פייגענבערג

איך אָן אויך מיט צפורה׳ן. נאָך די צוויי יאָר וועט זי זיך אומקערן צוריק אין דער קבוצה.

מיר גריסן דיך און ווינשן דיר אַ קליין ביסעלע גליק און צופרידנקייט.

צום ווידערזען, טייערע, אין צוויי יאָר אַרום.

דיין גאַליציאַנער.

ע נ ד ע